NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13290

DEM KOMUNARS EYNIKL

Aleksandr Mikhailovich Drozdov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שילער-ביבליאָטעק

אַלעקסאַנדער דראָזדאָוו

דעם קאָמונאַרס אייניקל

נאָוועלע

ווייסרוסלענדישער מלוכה-פאַרלאַג
מינסק — 1928

שילער ביבליאָטעק

אלעקסאנדער דראָזדאָוו

דעם קאָמונאַרס אייניקל

נאָװעלע

HENOCH GELERNT
112 Haven Ave.,
New York, N. Y.

ווײסרוסלענדישער מעלוכע-פארלאג
מינסק — 1928

מינסק, 1-טע דרוקעריי פון ווייסרוסישן מעלוכע-פארלאג.

גלאווליטבעל 1474. באשטעלונג 431. טיראזש 5000.

ערשטער טייל

אדיע, מאַרסעל!

I

זשאַנס קינדהייט.—פאָטער און מוטער.—דער אָפּגעפּרעסנער דאַ־
וואַראַכערל פאָל.—הער סעריביאַק דערלאָזט זשאַנען אין זיינע זאַלן.

די שטאָט מאַרסעל, ווו זשאַן רעבו איז געבוירן געוואָרן, ליגט אין דאָרעם-פראַנקרייך, אַפן ברעג פון מיטלענדישן יאַם.

דאָס איז געווען אַ ניט קיין גרויסע, נאָר אַ קאָכיקע און אַ פרייליכע האַנדלשטאָט. אַף די ברייטע פלעצער און געצעלטן און קרעמלעך—איז פון פרי ביז נאַכט געגאַנגען אַ לעבעדיקער מיש-מאַש. אין האַפן האָבן זיך אַף די גרינגע וועלן געוויגט האַנדל-שיפן, וואָס פלעגן באַרייזן די גאַנצע וועלט: איינע פלעגן פון טערקיי, פון צאָפן-אַמעריקע, פון אינדיע ברענגען גאָלדיקע שטראָמען ווייך; אַנדערע פלעגן ברענגען פעלן פון לא-פלאַטא, קאַפע פון בראַזיליע, אייל פון כינע און פון סענעגאַל. דורכגע-ווייקטע פון די זאַלציקע יאַם-ווינטן, פלעגן זיי אַריינשווימען אין איינע פון די פינף באַסיינען פון מאַרסעלער האַפן און זיך דאָרטן פאַראַנקערן.

דעמלט פלעגט די שטאָט פאַרפילט ווערן מיט מאַטראָסן. פעסטגופיקע, מיט אָפּגעברענטע פּנימער און העלדזער, ווו די אָדערן פלעגן, ווי שטריקלעך, זיך אָנבלאָזן, פלעגן זיי זינגענדיק און לאַכנדיק אומגיין איבער די גאַסן צופרידענע, וואָס זיי זיינען אַף דער טריקעניש, און צולאָזן זיך און טומלדיקער פרייליכקייט. מיט יאַמפריקייט פלעגט שמעקן פון זיי, מיט שטורעמס און או-ראַגאַנען, מיט יאַמישער ענדלאָזער וואָילערישקייט. זיי פלעגן

אָנפּילן אַלע שענקלעך, אַלע רעסטאָראַנען פֿון שטאָט, און די באַ-
לעבאַטים פּלעגן זיך צופֿרידן רייבן די הענט. זיי האָבן געוווּסט, אַז
אַ מאַטראָס, וואָס קומט פֿון אַ יאַמרייזע, קאַרגט ניט קיין געלט.

אין אוזינע טעג פֿלעגט אין הער סעריניאַקס קליינעם רעסטאָ-
ראַן, ווו זשאַנס פֿאָטער, פּיער רעבו, איז געווען דער קוכער, זיך
אָנהויבן אַ האָוועניש. מ'פֿלעגט עפֿענען פֿאַר די געסט אַלע זאַלן,
און פּיער רעבו פֿלעגט פֿאַרפֿרי לויפֿן אין מאַרק אַריין איינקויפֿן
אַ געוואַלטיקע מאַסע פּראָדוקטן. ער פֿלעגט דאַן נעמען אויך מיט
זיך צו הילף זיין באָכערל.

זשאַן איז געווען אַ שלאַנקער, אַ דאַרער יינגל מיט שוואַר-
צע, אַזוי ווי זשוקלעך, פֿלינקע און האָזעדיקע אויגן און מיט אַ
גרויסן ברייטשטערנדיקן קאָפּ. צוליב דעמדאָזיקן קאָפּ זיינעם און
זיינע דינע פֿיס, וואָס האָבן אים געגעבן דעם אויסזען פֿון אַ שוואָם,
האָט מען אים אין רעסטאָראַן אַ נאָמען געגעבן „זשאַן-שאַמפּיניאָן".

זשאַנס פֿאָטער איז געווען אַ הויכער, אַ פֿעטטער, אַן אָנגע-
ברויגעזטער און אַ שווייגעדיקער. ער איז געווען ענלעך צו
אַ גרויסן שטיק אייזן, צו וועלכן מ'האָט צוגעמאַכט הענט און פֿיס
און וועלכער באַוועגט זיך. די גראָע ברעמען אַף זיין געלן צו-
קנייטשטן פּאָנים האָבן אויסגעזען אינגאַנצן ווייסע, אַזוי ווי
סמעטענע, און אונטער זיי זיינען זייער טיף געזעסן קליינע האַרטע
אויגן, וועלכע האָבן גאָר אינגאַנצן ניט פֿאַרשטאַנען צו שמייכלען.

אומגייענדיק איבערן מאַרק מאַיסע שטאַרק פֿאַרנומענער מענטש,
פֿלעגט דער פֿאָטער באַקוקן די שפּייז-פּראָדוקטן, וואָס זיינען גע-
ווען אויסגעלייגט אַף די טישלעך, זיך ווען ניט ווען אָפּשטעלן,
קורץ אַ פֿרעג טאָן דעם מעקעך און אויך אַזוי קורץ אַ זאָג טאָן:

— צו טייער!

אָדער:

— וואָלוול, אָבער פּאַסקודנע.

אָדער:

— גיט מיר אַ האַלבע קילאָ פֿון אָט דעם איל.

ער פֿלעגט ניט ענטפֿערן אף די געלעכטערלעך אָדער לייצאָנעס פֿון די פֿאַרקויפֿער, פֿלעגט זיך ניט זינגען און ניט פּאַטערן קיין איבעריקע רייד. און אָט פֿלעגט דאָס וועגל, וואָס זשאַן פֿלעגט הינטער אים נאָכפֿירן, ביטלעכווייז זיך אָנפֿילן מיט פֿאַרשידענע שפּייז-פּראָדוקטן. און וואָס איז דאָרטן ניט געווען! בלוטיקע הזיקער פֿלייש, איבער וועלכע עס פֿלעגן זיך גיריק אומדרייען די פֿליגן; גרינע קירבעסלעך, ראָזלעכע מערעלעך מיט צוגעקלעפּטע שטיקלעך ערד אַף זיי; געלע און רויטע טשערעשנעס, גרויסע, ווי ניס, מיט גרינע דיניקע עקעלעך; קאַרטאָפֿל, גרינע ציבעלע און געשמאַק פֿאַרבאַקענע לאַבנס ברויט, אַזוינע גרויסע, אַז מ'וואָלט געקאָנט מיט דעם אָנקאָרמענען אַ וואַדע אַ ראָטע גוט אויסגעהונגערטע סאָלדאַטן!

ניט פֿאַר זשאַנס קויכעס איז שוין געווען צו שלעפּן דעם וועגל; דאַן פֿלעגט דער פֿאָטער ארויסנעמען די פּאַטשיילקע פֿון קעשענע און געבן זשאַנען:

— וויש זיך אָפּ, קליינער, דעם שווייס. ס'איינקויפֿן איז פֿאַר היינט געענדיקט,—די מאַטראָסן וועלן זיין זאַט.

און אליין פֿלעגט ער זיך נעמען פֿאַרן וועגל.

אַהיים קומען פֿון מאַרק פֿלעגן זיי צו אַכט אזייגער. די מוטער אין אַ געשטרייפֿטן סאַטינעטענעם פֿאַרטאַכל, אַ יונגע און אַ פֿריילעכע, האָט שוין געהאַט צוגעגרייט דעם אָנבייסן. אפֿן פּראָסטן טיש, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט אַ ווייסער סאַלפֿעטקע, האָט געגלאַנצט דער קאָפֿייניק און געלאָזן זודיקע שטראָמען פּאַרע דורכן העלדזל, וואָס האָט געהאַט די פֿאָרם פֿון אַן אָפֿענעם מויל פֿון אַ שלאַנג. שאָקלענדיק אונטערן טיש מיט די פֿיס, פֿלעגט זשאַן שנעל אויסטרינקען זיינע קאָפֿע. און ביזוואַנען דער פֿאָטער פֿלעגט אויסטרינקען זיינע צוויי קריגלעך, אומצופֿרידן זשמורענדיק זיך אנטקעגן די זונשטראַלן, וואָס פֿלעגן אים קיצלען די געלע פֿון שמעקטאַבאַק נאָזלעכער, פֿלעגט די מוטער פֿלינק אויפֿלייגן די לערנביכער אין זשאַנס האַנטבייטל.

— צי ווייסטו גוט דיינע אוראָקן?—פֿלעגט זי יעדן פֿרימאָרגן פֿרעגן מיט דיזועלבע ווערטער, פֿאַרזשמורענדיק אירע מילדע שיי־נע אויגן.—דער לערער פֿון אריטמעטיק, הער טאָנשיל, האָט פֿיינט פֿוילערס. נאָר איך פֿאַרלאָז זיך אָף דיר, זשאָן.

און אין דער צייט, ווען דער פֿאָטער פֿלעגט ארופֿציען אָפֿן קאָפּ זיין שניוווייסע פֿון קראכמאַל קנאַקעדיקע קוכערשע יאַרמלקע און זיך ניט געאיילט פֿאַרבינדן אויך אָזאַ בלענדנד-ווייסן פֿאַר־טאָך, פֿלעגט זשאָן א פּאַק טאָן זיין האַנטבייטל אונטערן אָרעם, א געשריי געטאָן:—צום גליקלעכן ווידערזען!—און מיט איין שפּרונג שוין זיין אָף דער גאַס.

אין דער צייט פֿלעגט די גאַס זיך ערשט אופֿוואכן. די דינסטן פֿלעגן עפֿענען די פֿענצטער פֿון די אויבערשטע פּריציִשע עטאַזשן און אָפּווישן מיט שמאַטקעס די שויבן. אָף באַלקאָנעס, ארומגע־וואַקסענע מיט ווייניגער און ארומגעשטעלטע אָף די פֿאַרענצן מיט וואַזאָנעס, האָבן געדראָפּט קאַפּיניקעס. איבער דער גאַס האָט זיך, ווי א פֿלינקער רעסל, געקייקלט דער פֿעטערל גרעגואַר, דער פּאַטשטאַליאָן, פֿאַריכטנדיק אַלץ אין לויפֿן זיין אָנגעשטאָפּטן מיט בריוו האַנטבייטל. די זון איז נאָך געשטאַנען נידעריק און פֿון האָפֿן האָט זיך געטראָגן א בראַזגען פֿון קייטן, א גרילצן פֿון ווינדעס און הייזעריקע קוילעס פֿון די האָפֿן-אַרבעטער, וואָס לאָדן אויס די סכוירעס.

צו הער סערינאַקס פּאַראדנער טיר האָט מען דערלאַנגט א נייעם עלעגאַנטן שאַראַבאַן פֿאַר סעריניאַקס זון, פֿאַר פּאָלן, וועל־כער האָט אויך אַזוי ווי זשאָן אין דערזועלבער צייט געדאַרפֿט גיין אין מוניציפּאַל-קאָלעזש. זשאָן איז אָבער געגאַנגען צופֿוס, און פּאָל פֿלעגט זיך זעצן אין שאַראַבאַן.

לעבן שאַראַבאַן פֿלעגן זיי זיך טרעפֿן יעדן פֿרימאָרגן.

— גוטמאָרגן זשאָן!—פֿלעגט פּאָל א געשריי טאָן, ארויסקו־מענדיק אָפֿן בריקל און אָפּציענדיק אָף זיך אקוראַט זיין ברוין-זיידענע קורטקעלע. זיינע ראָזע באַקן זיינען געווען אַזוינע קיי־

לעכדיקע, אז זיינע פֿאַרבלאָזע רונדע אויגן זיינען אינגאַנצן פֿאַר־
וונקען אין זיי. פאל איז געווען זייער דיק און אָפּגעפּרעסן, מאַכ־
מעס ער פֿלעגט טרינקען פּישלעבער־טראַן, פֿלעגט נעמען מיט
זיך אין שול אף אָנבייסן אַ פּליטקע שאָקאָלאַד מיט ברויט און
פֿלעגט אופעסן אַ גאַנצע האַלב אַזויפיל, וויפֿל דער הער סערי־
ניאַק אליין.

— גוטמאָרגן, פּאָל,—פֿלעגט זשאַן ענטפערן, כּיעסנדיק זיך
מיטן קליינעם פּאָנים און מיט זיין עלעגאַנטן געשפּאַן.

זיי זיינען געווען אין איין עלטער און, מ׳קאָן זאָגן, כּאַווי־
רים. ווען זיי איז געוואָרן פֿינף יאָר, האָט הער סעריניאַק פֿאַ־
רופֿן צו זיך דעם קוכער, מעכאַבעד געווען אים מיט אַ ציגאַר
און געזאָגט צו אים:

— מיין פֿריינט רעבו, איך בין זייער צופֿרידן מיט אייער דינסט
און איך אַכט אייך פֿאַר אייער אָנשטענדיקער אויפֿירונג. צו־
גלייך אַכט איך אויך זייער אייער גוטער פֿרוי, יוליען. איר האָט
אַ פֿינפֿיאָריקן זון, זשאַן, און איך האָב אַ פֿינפֿיאָריקן זון, פּאָל.
מיין זון וויל זייער שפּילן זיך מיט אייער זון. זאָג איך: מיילע, אויב
איך מיט אייך פֿאַרנעמען פֿאַרשיידענע שטעלונגען אין דער גע־
זעלשאַפֿט, איז פֿאַרשטייען דאָך דאָס די קינדער נאָך דערווילע
נישט. איז שיקט דערום, איך בעט אייך, אייער זון אַרויף צו אונדז.

דער אַלטער קוכער האָט זיך אַ קרים געטאָן: ער האָט גאָר
קיין כּיישעק נישט געהאַט צו כּאַווערן זיך מיטן באַלעבאָס. בײַ זיך
אין האַרצן, באַהאַלטן אונטער דער ציכטיקער קאַמווילקע, האָט
ער פֿיינט געהאַט ליידיקגייער, וואָס ווערן פֿעט פֿון פֿרעמדער
פֿראַצע. דער אַלטער קוכער איז געווען פֿון אַ רומפֿולער מיש־
פּאָכע—פֿון דער מישפּאָכע פֿונם פּאַריזשער קאָכונאַר אַלעקסאַנדער
רעבו. עמעס, ער האָט קוים געדענקט דעם פֿאָטער זיינעם. דער
פֿאָטער האָט נישט באַוויזן איבערצוגעבן אים די פּלאַמיקע באַגייס־
טערונג פֿון אַ רעוואָלוציאָנערן קעמפֿער. אָבער דעם פֿאָטערס אָנ־
דענק האָט דער אַלטער קוכער געהאַלטן הייליק.

אַמאָל אין אַן אָוונט, ווען זשאַן פלעגט שוין שלאָפן און יו-ליע פלעגט אַ שלאָפנדיקע זיפצן אין בעט, פלעגט פיער רעבו אַפערנעמען פון אַ קופערטל אַלטע אַרומגעדריבלטע בלעטער — קורצע נאָטיצן — דאָס איז געווען אַלץ, וואָס דער קאָטונאַר אלעקסאַנדער רעבו האָט נאָך זיך איבערגעלאָזן. מיט ציטערנדיקע פינגער קערנדיק די בלעטלעך, פלעגט ער לייענען און שעפטשען שטיל פאַר זיך:

— אָ, דאָס איז געווען אַ מענטש, ווי עס דאַרף צו זיין, און איך בין אים ניט ווערט.

פלעגט דאַן יוליע עפענען די אויגן און זאָגן אַ דערשראָקענע:

— לייג דאָס אַוועק, פיער, באַהאַלט דאָס, דער הער סעריניאַק האָט דאָס ניט ליב. דער הער סעריניאַק פאַרטראָגט ניט דעם רעוואָלוציאָנערן רייעך.

— צו אַלדע שווארציאָר, דער הער סעריניאַק האָט אַ פאַמקודנעם שמעקער! — פלעגט פיער רעבו, דער שטענדיק שווייגנדיקער פיער רעבו, זיך צעוזידלען. אין דעם פלעגט ער מיט יוליען קיינמאָל ניט זיין איינשטימיק, — באַ יוליען איז געווען אַ ציטעריקע בירגער-לעכע געשאַמע, און פיער רעבו האָט געטרוימט וועגן רעוואָ-לוציע.

און איצט, ווען הער סעריניאַק האָט גערופן זשאַנען צו זיין זונדל, האָבן זיי זיך אויך צווערטלט.

— דו פאַרשעמסט דעם אָנדענקען פון מיין פאָטער, — האָט געזאָגט דער קוכער. — פאַר זשאַנען איז ניט קיין אָרט אין פריי-צישע זאַלן.

אָבער די מוטער האָט געגומען האַווען און שמייען, פאַרפוצט זשאַנען אין אַ נייַנקען קאָסטיום, פאַרקאַמט אים די האָר און לאַנג מיט אים אייגגעטאַינעט, ער זאָל זיך דאַרטן באַם הער סעריניאַק אופירן שטיל און רויק.

— איך פאַרלאָז זיך אַף דיר, זשאַן, — האָט זי געזאָגט, לייכט אונטערשטופנדיק זשאַנען צו די באַלעבאַטישע טרעפּ.

פֿון דער צײַט אָן פֿלעגט זשאַן יעדן טאָג אַרײַנגײן צו די באַלעבאַטים.

דאָרטן איז אַלץ געווען אַנדערש, ניט אַזוי, ווי אין די צוויי ציכטיקע, אָבער ענגע צימערלעך לעבן רעסטאָראַן, וווּ ס׳האָט געוואוינט דעם קוכערס פֿאַמיליע. אויף די ווענט זײַנען געהאַנגען אין גרויסע, שווערע ראַמען, בילדער, שוין אָפּגעבליאַקירטע פֿון די יאָרן, גאָר אַלטע, וואָס הער סעריניאַק האָט זיי פֿאַר אַ סאַך טויזנטער פֿראַנק אײַנגעהאַנדלט אויף די פּאַריזשער ליציטאַציעס. די מעבל איז געווען נידעריקע, שווערע, מיט געבויגענע אָנלענס, און די אויסגעלייגטע אויף דער פּאָדלאָגע טעפּיכער האָבן אײַנגעשלונגען דעם קלאַנג פֿון די טריט. אין הער סעריניאַקס צימערן איז אַפֿילע בײַ טאָג געווען קנאַפּ ליכט, מאַכמעס די שווערע שטאָרן פֿלעגן קימאַט ניט דורכלאָזן קיין זונשײַן, און אַלץ אין די דאָזיקע צימערן האָט געשמעקט מיט זאַטקייט, מיט גרויסהאַלטערישער, מיט גרינג אָנגעקומענער גוויר־עשאַפֿט.

פּאָלס מוטער איז שוין לאַנג געווען געשטאָרבן, דער פֿאָטער איז שטענדיק געווען פֿאַרנומען מיט די האַכנאָסעס פֿון זײַן רעסטאָראַן, מיט שפּילן אין קאָרטן און מיט דורכפֿאָרן זיך אָפֿטער אין פּאַריזש זיך אופֿרישן נאָכן רויִקן מאַרסעלער לעבן. איז דערפֿאַר בײַ פּאָלן שטענדיק געווען אַ דערציִערן — אַן ענגלענדערן, אַן אַלטע באַשעפֿעניש, אַ באַשיידענע און אַן אויסגעדאַרטע, ווי אַ בוים אין אָסיען. איר האָט קיינער אין הויז ניט געפֿאָלגט. זי פֿלעגט אָנטאָן אַ פּאָר גרויסע טונקעלע ברילן, נעמען אַן ענגלישן ביכל אין אַ לעדערנעם אײַנבונד, און די קינדער פֿלעגן קאָנען גיין אויף די קעפּ.

זיי האָבן שנעל פֿרײַנטשאַפֿט געשלאָסן, אָבער זייער פֿרײַנטשאַפֿט איז ניט געווען קיין גלײַכבערעכטיקע. הער סעריניאַק האָט זיך געהאַלטן בײַ דער מיינונג, אַז פֿאַר רעסטאָראַטאָרס זון פּאַסט ניט צו עסן בײַ איין טיש מיט אַ זון פֿון אַ קוכער, דעריבער פֿלעגט מען זשאַנען שטענדיק אַוועקשיקן אָפּעסן אין קיך, ווו

זיין פאָטער, איבגעגלאַנצן אין ווייסן אָנגעטאָן, פלעגט באַלעבאָטעווען איבער די קעסלען, איבער די פאַנען און טעלער, ווי אַ קאָמאַנדיר אויפן שלאַכטפעלד.

זשאַנען פלעגט מען אויך אַוועקשיקן, ווען צו סאַלאָן אָדער צום העד סערוויאַק פלעגן קומען געסט. דאָס פלעגן זיין געסט פון די סאַמע פיינסטע, די סאַמע רייכסטע הייזער פון מאַרסעל, און פאַר זיי איז ניט געווען פאַסיק צו כאַווערן זיך מיט אַ קוכער'ס זון. אויסגעפוצטע, ווי די ליאַלקעס, פלעגן די קינדער זיך שטורעמדיק טראָגן דורך די טונקעלע און בעקאַוועדיקע צימערן, און אונטן, אין דעם קוכערס דירעלע, פלעגט ציטערן דער סופים פון זייער טומעריי.

זשאַן פלעגט שווייגנדיק זיך צוהאָרכן צו דעמדאָזיקן טומל. אַ שאָטן פלעגט זיך לייגן אַף זיין פּאָנים און אין די טונקעלע אויגן פלעגט זיך אנצינדן אַ בייז פייערל. אין יענע מאָמענטן איז ער געווען ענלעך אַף אַ קעצל, וועמען מ'האָט פאַרקוועטשט דעם עק. דער פאָטער פלעגט קוקן פון דער זייט, קוקן, אריינלאָזן אין נאָז אַ שמעק טאַבאַק און, לעסאָף, זאָגן:

— באַ, אַרויסגעטריבן דעם העלד אונדזערן פון די פריצישע זאַלן! ס'געפעלט מיר ניט, ברודערקע מיינער, דיין כאַווערשאַפט מיטן אָפּגעפרעסענעם דאָוואָראַכערל. אַ טאָעס געהאַט אין דער טיר—ניט אין דער ביסטו אריין. דו ביסט פאַר זיי אַ צאַצקע אַף שפּילן זיך. באַ! מ'עט דיך דאַרפן, וועט מען דיך אַ גלעט טאָן, ווי אַ קעצעלע; וועסטו דערעסן ווערן—וועט מען דיך ארויסוואַרפן דורכן פענצטער, ווי אַ שמוציקע אָניצע.

דערביי פלעגט ער אריינלאָזן די לאַנגע פינגער זיינע אין טאַבאַקפּושקע, וווּ אַפן דעקל איז געווען אויסגעמאָלט אַ רויטהאָריקע פרוי מיט אַ מענטשישן קאָפּ און מיט אַן עק פון אַ פיש, פלעגט אָנשטאָפּן זיך די נאָזלעכער מיט טאַבאַק, אויסשטאַרן די אויגן, הילכיק ניסן און—אָנטשוויגן ווערן פעסט און אַף לאַנג, ווי זיין געוואָינהייט איז געווען.

די מוטער פלעגט זיך באומרויִקן, אין אירע מילדע אויגן פלעגט זיך באווייזן אַ פּאַכעד. זי פלעגט עפּעס מורמלען שטי־לערהייט און אלץ אַכטונג געבן אַף דער טיר, פּונקט ווי הינטערן טיר וואָלטן געלויערט אַ גאַנצע מאַכנע טיגרעס. זי פלעגט זיך אָבער אויך באַלד באַרויִקן, ליבלעך אַ שפּיל טאָן זיך מיט זשאנס האָר און ריידן צו אים, ווי צו אַ גרויסן:

— איך פאַרלאָז זיך אַף דיר, זשאן.

אין שול איז זשאן גוט געגאַנגען פאָרויס, פאל האָט זיך קוים-קוים געריקט. דער אָפּגעפּרעסענער קאַלב האָט אינם לערנען קיין טאַם ניט געפונען, און די פּויִלקייט פלעגט אים שטענדיק באַצווינגען, אַזוי ווי דער שלאָף באַצווינגט אַ פאַרמאַטערטן מענטשן.

פאָל האָט זיך געקליבן צו יאַרשענען דעם פאָטערס רעסטאָ־ראַן, און אין צוקונפט, אויך אַזוי ווי דער פאָטער, אומגיין ליידיק, טראָגן בונטע קאַמזוילקעס און באַשיטן זיי מיט אַש פון טייערע שמעקנדיקע ציגאַרן. און זשאַן האָט זיך געקליבן, נאָכן ענדיקן דעם קאָלעדזש, אָנצוקומען אין טולאַנער יאַמשול און ווערן אַ שיפמאַן.

עפּשער וואָלט עס טאַקע אַזוי אַרויסגעקומען, ווען דער פאַ־מיליע רעבו וואָלט ניט געטראָפן אַן אומגעריכטע צאָרע.

II

פאָלס געבורטס-טאָג.—געסט קומען.—זשאן דערלאַנגט זיין מאַטאָ־נע.—ווער איז דאָס דערדאַזיקער אומדערוואַרטעטער יונגז—זשאן אונטערהאַלט סאָפּ מיט אַ געשפּרעך.—זייער געשמאַקע ביסקוויטן.

אין מיטן יון איז פאָל סעריניאַקן געוואָרן צען יאָר. דאָס איז געווען אַ פייערלעכער טאָג. נאָך מיט אַ טאָג פריער האָט די גאַנצע דינערשאַפט פון רעסטאָראַן גענומען באַפּוצן דאָס הויז מיט גרינס, לאָזנדיק זייערע אלטעגלעכע באַשעפטיקונגען.

דער גאניק, די טרעפ זיינען געווען פארשאטן מיט גרויסע צווייגן אקאציע, וואס ס'האט זיך געטראטן אף דעם, ווי אף א ווייכן פוכיקן טעפיך. די קיך-דינסטן האבן געשייערט און געריבן די פארלאגע מיט בערשט, און דערנאך האט איבערן פארקעט העלדיש אן ארבעט געטאן דער דילוועקסער, פאכנדיק מיט די טלנבויגנס, ווי א רייטער, ווען ער לאזט זיין פערד אין גאלאפ. דערביי האט א הייפל פארשוויצטע האר זיינע מיט איטפעט געטאנצט בא אים אפן שטערן.

אפן הויף און אין קליינעם גערטעלע האט מען צושטעלט שיסעלעך אף אילומינאציע, צו שטעקלעך האט מען צוגעבונדן פייערווערק-גילון. דער הער סעריזשאק אליין האט געהאט א לאנגע בארא טונג מיט פיער רעבו מיקויעכן מארגנדיקן ווארמעס: מ'האט געדארפט צוגרייטן בלויז אזוינע געריכטן, וואס פאל האט ליב, און דערביי זען, אז דער ווארמעט זאל ארויסקומען א גרויסארטיקער און זאל געפעלן די געסט. פאל אליין איז דעם גאנצן טאג נים ארויס פון צימער, קעדיי זיך נים צו פאטערן דעם איינדרוק פונם מארגנדיקן טאג.

פונדעסטוועגן איז ער געווען שטארק אומגעדולדיק און, דערזעענדיק זשאנען אפן הויף, האט ער אביסל אן עפן געטאן דעם פענצטער, ארויסגערוקט דעם קאפ און הויך שעפטשענדיק א רוף געטאן:

— קום נאר אהער, זשאן! נו, וואס איז דארטן—מען הארעוועט גוט?

— אי הארעוועט מען,—האט זשאן געענטפערט,—אינגאנצן אן קויכעס איז מען געבליבן. אפילע דעם רעסטאראן האט מען אף היינט פארמאכט.

— רעכט אזוי,—האט פאל געזאגט, שמייכלענדיק זעלבסטצופרידן,—און האסטו עפשער געהערט: ס'עט זיין אף מארגן צו מיטיק א פוכקער פאשטעט מיט סמעטענע?

— ס'זיי-ן.

— און מאַראָזשענע?

— ס׳זיין!

דער פענצטער האָט זיך צונעקלאַפּט און דער צעניאָריקער פּרעסער האָט זיך, ווי א קלעצל, א קייקל געטאָן אַפן בעט צייל די שאָען, וואָס זיינען נאָך געבליבן ביז מאָרגן אינדערפרי, און פּרווון טרעפן, וואָס דער פאָטער וועט אים שענקען: אַ גאָלדע-נעם זייגער מיט בונטע ברעלאָקעס, א זעגלשיפל אָדער ביירע זאַכן אינאיינעם?

ענדלעך איז דער פייערלעכער טאָג אָנגעקומען. אין דעם טאָג איז, לויט פּאָלס פאָדערונג, זשאַן ס׳ערשטע מאָל געוואָרן איינ-געלאַדן מיט די געסט. זיינע געלע שיך מיט די עטוואָס אָפּ-געטראָטענע אָפּסאַצן האָט די מוטער אויסגעפּוצט מיט אַזאַ גלאַנץ, אַז אלץ האָט זיך אין זיי אָפּגעשפּיגלט. צו דער בלוזע האָט זי אים צוגעניים א ווייסן קראַגן, און האָט אים אַליין אָפּגעשניטן די נעגל און צוואַשן די הענט. אַ קליינינקייט—דער מער אליין מיט זיינע פינף יונגע טעכטער דאַרפן דאָך קומען אין געסט! זי האָט זיך, איבעריקנס, פאַרלאָזן אף זשאַנען. דידאָזיקע פרוי, נע-בעך, וועלכער דאָס לעבן האָט קיינמאָל ניט געשוינט, איז געווען זיכער, אז אין דערדאָזיקער גלענצנדער געזעלשאַפט וועט זשאַן געפינען זיין גליק.

פון צוועלף אַזייגער באַטאָג האָבן די געסט אָנגעהויבן זיך צונויפצופאָרן. פאַר דער פאַראַדנער טיר האָבן זיך אלעוויילע אָפּגעשטעלט עלעגאַנטע עקיפּאַזשן און אַוטאָמאָבילן. דער לאַקיי פון רעסטאָראַן, אין אן אויסגעפּרעסטער ליוורייע, פלעגט פאַנאַנ-דערעפענען די טירן פאַר די געסט, און יענע פלעגן בעקאָוועדיק שטייגן אף דער מיט גרינס פאַרשאָטענער טרעפּ, פאַרשפּרייטנדיק רייכעס פון פאַרפומען און צושמייכלענדיק:

— פיין, פיין. אָט טראַכט דאָס צו אונדזער גוטער סעדיניאַק! בעעמעס, קיינער אין דער גאַנצער שטאָט וואָלט ניט געקאָנט אַזוינס צוטראַכטן!

און אויבן אַף די טרעפּ האָבן שוין הער סעריִניאַק און זיין זון מיט אַזוינע זיסינקע שמייכעלעך, פּונקט ווי אין די מיילער וואָלט בײַ זיי געווען צוקערקעס, געוואַרט אַף די אָנגעקומענע.

זיי זיינען געווען אָנגעטאָן זייער גרויסאַרטיק. הער סעריִניאַק האָט געטראָגן אַ זומערדיִקן פּיקענעם ראָק, און אין קנאָפּלאָך איז געווען אַרײַנגעשטעקט אַ פּלאַמרויטער פּיאָן פון זיין אייגענער אַראַנזשעריי פון רעסטאָראַן. זיינע גלאַט ראַזירטע באַקן זיינען געווען שטאַרק באַפּודערט, און זיין רויטע באָרד, אין וועלכער עס האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט די שטראַלן פון דער זון, האָט געשימערט, ווי גינגאָלד.

פּאָל האָט געטראָגן אַ ברוינע קורטקעלע, ברוינע הויזלעך מיט קיילעכדיִקע געלע קנעפּ און זאָקן פון העלער לימ-פאַרב. אַף זיינע טופּליעס האָבן געבלאַנקט גאָלדענע ספּראַנדזשקעס. ער איז געווען אויפגערעגט פון נאַכעס, און אַף זיין גלאַטן ראָזן שטערן זיינען אַרויסגעטראָטן טראָפּנס שווייס.

— איך בעט זייער! — האָט געשריִען הער סעריִניאַק מיט זיין הייזעריקלעכן קאָל און זיך געבויגן, איינציִענדיִק דעם גראָבן בויך, אַף וועלכן ס'האָט זיך געבאָמבלט אַ גאָלדענע קייטל, ווי אַ פינגער די גרעב.

— — איך בעט זייער! — האָט פּאָל נאָכגעזאָגט און אויך זיך געבויגן.

ביסלעכווייז האָבן די געסט פאַרפילט דעם גאַסטצימער. דאָ זיינען געווען בעקאַוועדיִקע לייט, באַוווסטע אין דער גאַנצער שטאָט, אַלטעטשקע מיט שוואַרצע פּאַסטערקעס אַף די קעפּ, און קינדער — אַ גאַנצע מאַכנע קינדער פון אַלערליי עלטער. ס'איז אָנגעפאָרן דער מער מיט די פינף טעכטער, פון וועלכע די יינגסטע איז געווען אַלט פיר יאָר, און די עלטסטע דרייצן. די מיידלעך האָבן געטראָגן העלע קליידלעך מיט שפּיצן, מיט אויסנייִ, מיט בענדלעך און בענדער און מיט צוגעשפּילעטע צום קאָרסאַזש פרישע בלומען. די יינגלעך זיינען געגאַנגען אין עלעגאַנטע קורטקעלעך.

אַנטלאָפֿנס האָבן זיך אַלע געהאַלטן זייער בעקוועם. די קינדער זײַנען איינער נאָכן אַנדערן אונטערגעגאַנגען צו פֿאָלן און געזאָגט:

— מיר גראַטולירן אייך, ליבער פֿאָל, און ווינטשן אייך גליק און געזונט!

און יעדער האָט אים דערלאַנגט עפּעס אַ מאַטאָנע, וואָס ער האָט ביז אַהער געהאַלטן פֿאַרשטעלט הינטערן רוקן, כּדי פֿאָל זאָל דאָס פֿריער נישט דערזען.

פֿאָל פֿלעגט נעמען די מאַטאָנע און זאָגן:

— דו ביסט זייער אַ גוטער!

און ער האָט געלייגט די מאַטאָנעס אויפֿן טיש. איינגיכן איז דער גרויסער רונדער טיש געווען ענלעך אויף אַ וויטרינע פֿון אַ מאַגאַזין.

דאָ זײַנען געווען: אַ דאָמינאָ אין אַ לענגלעכן קעסטעלע פֿון שוואַרצן האָלץ, אַ קליינער מאָדעל פֿון אַן עראָפּלאַן, וועלכער האָט געקאָנט פֿליען, אַ זאַמלונג בלייענע סאָלדאַטלעך אין קאָסטיומען פֿון פֿאַרשיידענע פֿאָלקן פֿון דער פֿראַנצויזישער אַרמיי, קעסטלעך מיט שאָקאָלאַדנע קאָנפֿעקטן, איבערגעבונדענע מיט בונטע בענדלעך, ביכער אין טייערע, גאָלדגעפּרעסטע אײַנבונדן. די ביכער האָבן, איינגטלעך, פֿאָלן גאָר קנאַפּ נאָכגעפֿאַרשאַפֿט און ער האָט זיי, נישט אַכטנדיק, אויפֿגעלייגט, כּדי שפּעטער דורכצוקוקן בלויז די בילדער און פֿאַרשליסן זיי אין ביכערשראַנק.

שטייענדיק לעבן טיר, האָט זשאַן מיט גרויס אינטערעס געקוקט אויף דערדאָזיקער גאַנצער צערעמאָניע. אים איז נאָך נישט אויסגעקומען צו געפֿינען זיך אין אַזאַ עלעגאַנטער געזעלשאַפֿט. באַלד אָבער האָט ער איינגעפֿונען, אַז אין דעם אַלעם איז פֿאַראַן אַ היפּש ביסל לאַנגווייליקייט. אָט, רייפֿלעך קייקלען אויף די טראָטואַרן און אונטערטרייבן מיט אַ שטעקל—דאָס איז אַ זאַך!

אָבער ווען ס'איז געקומען זיין ריי צו גראַטולירן פֿאָלן, האָט ער מוטיק אַרומגעצויגן אויף זיך די קורטקעלע און איז צו צום

כאַווער, פֿאַרזיכטיק טרעטנדיק אין זיינע געלע שיך, וואָס האָבן געבלאַנקט, ווי די זון.

— איך גראַטוליר דיך אויך. פּאַל — האָט ער געזאָגט, שמייכלענדיק — נאָר אָט, ברודער מײַנער; מיקויעך אַ מאַטאָנע איז בא מיר טאָסקודנע. ווי קום איך זיך צו גלייכן צו דידאָוויקע ליאַלקעס! בא מיר אין די קעשענעס, ווייסטו דאָך אליין — איז אַ צוקווינט: בלויז טשוועקעס און שטריקלעך זיינען דאָרטן פֿאַראַן. האָב איך דיר אָט אויפֿגעמאַיסטערט אַ שליידערביקסל. די גומקע האָב איך געפֿונען אַף דער גאַס — גאָר אַן אויסנאַם. מיט ארבעס און מיט שטיינדלעך שיסט ער, מיט אַ טשוועק אויך, אויב דו ווילסט. אין דיין ענגלענדעדן קאָנסטו שיסן, ווען זי פֿאַרלייענט זיך. פֿון גוטער פֿריינטשאַפֿט גיב איך, נעם!

ער האָט אים דערלאַנגט דאָס שליידערביקסל, קוקנדיק אים מיט אַ שמייכל אין די אויגן אריין. פּאָל האָט זיך פּלוצלונג אזוי פֿאַרויטלט, אַפֿילע די אויערן, אַפֿילע דער האַלדז זיינען אים רויט געוואָרן, ווי אַ האָנקאָם. ער האָט אַ ריס געטאָן פֿון זשאַנס האַנט דאָס שליידערביקסל, אַ וואָרף געטאָן אים, ניט קוקנדיק, אַפֿן טיש און אײַלנדיק ארויסגערעט:

— גוט, גוט, גיי...

צווישן די געסט איז געוואָרן אַ שטיקל טומל. די בעקאָוועדיקע אַלטעטשקע האָבן אָנגעשטעלט די אויגן אַף זשאַנען, ווי אַף עפּעס אַ מעשונעדיקן, אַ ביסל געפֿערלעכן פֿויגל. ס'האָבן זיך געהערט פֿראַגן:

— וועמעס איז דער יינגל, גאָט מיינער? ווער איז ער?

— ווער גיט אכטונג אַף זיין דערציִונג?

די דאַרע ענגלענדערן האָט א דריי געטאָן אין דער לופֿטן מיט איר אָדלערנאָז און צאָרנדיק פֿאַרקוועטשט די ליפּן.

דאַן האָט הער סעריניאַק הויך געגומען ריידן, רייבנדיק די הענט און סטאַרענדיק זיך אויסצווייזן פֿריילעך:

— דאָס איז זשאַן, דער זון פֿון מיין קוכער. אַן אויסגעצייכנטער קוכער, אַ גרויסארטיקער קוכער, זאָגאַר זייער אַ וועלטענער

קוּכער, זאָג איך אײַך! איר װעט האָבן די מעגלעכקייט זיך אין דעם צו איבערצייגן באַם היינטיקן מיטיק. איך, מײַנע פֿריינט, סטאַרע זיך צו גיין מיט דער צייט—און היינטיקע צייט בלאָזט אומעטום אַ דעמאָקראַטישער װינט. מײַן זון װעט באַקומען יע-רושע אַ קײלעכדיקן מיליאָן פֿראַנק און נאָך אַ צוגאָב—אַ רעסטאָראַן אין פֿולן גאַנג, און דערדאָזיקער יונג װעט פֿון זײַן פֿאָטער גאָר-נישט ניט יאַרשענען, כּוץ דער קאָך-קונסט, איך האָב אָבער גאָר-נישט ניט קעגן זייער קינדערישער פֿריינטשאַפֿט. איך טראַכט זיך אַזוי: זאָל מײַן פֿאַל פֿון קינדװײַז אָן שטודירן די מענטשן פֿון אַלע שטאַנדן און קלאַסן. דאָס װעט אים העלפֿן צו װערן אין לעבן דער זיגער.

אַ צופֿרידענער מיט זײַן רעדע, האָט הער סעריניאַק זיך הילכיק צולאַכט. אָבער די אַלע פּאַפּאַ׳ס און מאַמאַ׳ס, פֿאָרשטייער פֿון די רײַכסטע פֿאַמיליעס אין שטאָט, זײַנען, דוכט זיך, ניט אײַנגאַנצן געװען מיט אים אײַנשטימיק.

זשאַן האָט געפֿילט, אַז זייערע אויגן שטעכן אים, װי מיט נאָדלען.
„צורודערט זיך, װי די אינדיקעס! אַ שפּיי אָף זיי... זאָלן זיי
זיך שושקען, אויב ס׳געפֿעלט זיי אַזוי".
און ער האָט גענומען פֿון נאָענט באַטראַכטן זײַנע נייע באַ-
קאַנטע.

די קינדער האָט מען אַרײַנגעפֿירט אין עסצימער און צוזעצט אַרום אַ גרויסן רונדן טיש, צוגעדעקט מיט אַ בונטן טישטעך. אױפֿן טיש איז אַנטקעגן יעדן שטול געשטאַנען אַ טעצל שאָקאָלאַד, דערבײַ איז געלעגן אַ סאַלפֿעטקעלע און אָף איר—צו צוויי ביס-קוויטן. אין מיטן טיש איז געשטאַנען אַ רעמל מיט אָן אויסגע-פֿלאָכטענער אַרום איר מיט בלומען ציפֿער 10, װאָס האָט באַ-טייט די צען יאָר, װאָס פֿאַל האָט דערגרייכט אינם היינטיקן באַ-דייטונגספֿולן טאָג.

זשאַנס שכנה באַם טיש איז געװען דעם מערס עלטסטע טאָכטער, די דרײַצניאָריקע סאָפֿי. דאָס איז געװען אַ דאַרע,

אַ שלאַנקע מיידל. אירע האָר האָבן געהאט דעם קאָליר פֿון רייפֿע קאָרן, און אירע העלע אויגן זיינען געווען אײַנגאַנצן דורכזיכטיקע. אירע האָר זיינען געווען צונויפֿגענומען אין א בינטל, וואָס פֿלעגט זיך בא יעדער באַוועגונג אירער וויגן, אַזוי ווי אַ קוויער. זי האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן פֿאַרקוועטשט די ליפּן, און דאָס האָט איר געגעבן אַן ענלעכקייט צו אַ פֿאַרשטענדיקער אַלטער פֿרוי.

זשאַן האָט אַיינגעפֿונען, אַז זיצן שווייגנדיק איז נאַריש, און ער האָט אָנגעצויגן א שמועס. אים איז אויסגעקומען, אַז פֿאַסיקער פֿון אלץ איז אָנהויבן ריידן וועגן שאָקאָלאַד, מאַכמעס מיידלעך זיינען דאָך, ווי באַוווסט, נאַשערנס.

— ס'אַראַ הייסקייט דער שאָקאָלאַד איז!—האָט ער געזאָגט מיט אַ באַשיידענעם קאָל.

סאָפֿי האָט א ביס געטאָן ביסקוויט און שווייגנדיק אַ קער געטאָן צו אים די אויגן.

— דיר, אַפֿאָנים, איז שאָקאָלאַד קיין נייס ניט,—האָט זשאַן ווייטער גערעדט—העט, סאַראַ אויסגעפּראַנטעוועטע! איך בין אָבער ניט פֿון גווירישן אָרט: שאָקאָלאַד טרינק איך אַזוי גרויס, ווי דאָס צווייטע מאָל אף מיין לעבן.

סאָפֿי האָט, ווי מיעסנדיק זיך, פֿאַרקרימט די ליפּן און אָפּגעווישט זיי מיט דער סאַלפֿעטקע, אויסשטעלנדיק דערביי דעם קליינעם פֿינגערל.

דערנאָך האָט זי געזאָגט, ניט קוקנדיק אַף זשאַנען:

— איר זייט, דוכט זיך, אַ קוכעריונג. קאָנט איר, הייסט עס, קאָכן קליינע וווּרשטלעך?

זשאַן איז פּלוצלונג אינקאַעס געוואָרן:

— איך קאָן עפּשער אַן אינדיוק אויכעט אויסקאָכן, אָבער דו, זע איך, קאָנסט בלויז פֿרעסן.

— איך וויל מיט אייך ניט ריידן, אומדערצויגענער יונג—האָט סאָפֿי געזאָגט באַליידיקט. — דערצויגענע יינגלעך אירצן פֿרעמדע מיידלעך.

זי האט זיך אָפּגעקערט, אַ צי טוענדיק מיט די שמאָלע אַקסלען.

„און אייסעק האָב איך מיט איר"—האָט זשאַן א טראַכט געטאָן און זיך גענומען צו זיין שאָקאָלאַד. ער האט אויסגעטרונקען דעם שאָקאָלאַד מיטאַמאָל און אָפּגעבריט די ליפּן. פונדעסטוועגן האָט ער אַ קלער געטאָן, אַז ס'וואלט ניט שלעכט געווען אויסצוטרינקען נאָך א קריגל. די ענגלענדערן איז געגאַנגען ארום און האָט אָנגעגאָסן דעמראָיִקן געדיכטן הייסן געטראַנק יענע קינדער, וועלכע האבן שוין זייערע אויסגעטרונקען. זשאַנען איז זי אָבער פאַרבייגעגאַנגען, פונקט ווי זי וואָלט פאַרגעסן אָדער זי וואָלט ניט באַמערקט זיין ליידיקע טעצל.

— „וואַרט זשע, ענגלישער מעכאשייפע!—האָט זשאַן געטראַכט—וועסט מאָרגן שוין געפינען בא זיך אין ביכל אַ געפּייגערטן טאַראַקאַן"!

סאָפי איז געזעסן צו זשאַנען מיטן רוקן און האָט געלאַכט מיט איר צווייטן שכן. זשאן האָט זיך א קער געטאָן און צוגעצויגן אירן אַ ביסקוויט. סאָפי האָט שוין געוואָלט מאכן אַ גוואלד, האָט איר גראד פאָל פון צווייטן עק טיש אַ געשריי געטאָן:

— וואָס פאַר אַ שיינער פינגערל באַ דיר איז, סאָפי! איך האָב ניט אַזאַ פינגערל. פאַרוואָס האָסטו מיר היינט ניט געשאָנקען דעם פינגערל?

אַף סאָפיס דאַרן פינגער איז געווען אָנגעטאָן א גאָלדן רינגעלע מיט א רויטלעכן שטיינדעלע אין אים, וואָס האָט געפינקלט, ווי אַ מויזישע אויגעלע.

— איך האב דיר דעם פינגערל ניט געשאנקען, ווייל ייִנגלעך טראָגן ניט קיין פינגערלעך—האָט סאָפי געענטפערט מאַיסע דערוואָקסענע.

— אָבער איך וויל, אַז דו זאָלסט מיר אים שענקען! היינט איז מיין יאָנטעוו! —

— דאָס קאָן איך ניט, ווייל דעם פינגערל האָט מיר געשאָנקען די מאמע.

— און דו שענקסט עס מיר פֿאָרט! איך וויל אזוי!—האָט פאָל געשריען קאַפּריזנע. זיינע בראָבע ליפּן האָבן געציטערט, און זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעפּילט מיט קאַסדיקע טרערן.

— ווי פֿירט איר זיך אוף, פּאָל!—האָט די ענגלענדערן געזאָגט שטאַרק צורודערט.

— איך וויל, איך וויל!—האָט פּאָל געטופּעט מיט די פֿיס.

די ענגלענדערן האָט אים אָנגענומען פֿאַרן האנט און אפּגעשלעפּט אים פֿון טיש. ס'איז געוואָרן א מוירעדיקער טומל, די קינדער האָבן זיך אַ הויב געטאָן פֿון די ערטער, פֿון גאַסטצימער זיינען געקומען צו לויפֿן די עלטערע. דאָ אינם טומל האָט זשאַן באוויזן אופֿצועסן נאָך איין ביסקוויט און איינעם צו באַהאַלטן אין קעשענע—פֿאַר דער מוטער. דער טומל האָט זיך אָבער באלד איינגעשטילט. הער סערינִיאַק האָט פּאָלן אויסגערעט, און דערביי האָט זיך זיין באָרד קאַסדיק פֿאַריסן אַף אַרוף און זיינע ליפּן האָבן זיך אופֿגעלייגט, ווי אַ שיפֿעלע. האַלטנדיק די אויגן אַראָפּגעלאָזן, האָט פּאָל איבערגעבעטן סאָפֿי, נאָר וועגן פֿינגערל האָט ער, ווייזט אויס, נים פֿאַרגעסן.

די קינדער האָבן געשריען:

— גוט פֿריינט, גוט פֿריינט! יעצט וועלן מיר שפּילן אין קאַץ און מויז.

III

סאָפֿי האָט פֿאַרלאָרן ס'גאָלדענע פֿינגערל.—ווער איז דער גאַנעוו.—הער סערינִיאַק איז, בימכילע, אינקאַעס.—פֿיער רעבוי האָט געזאָגט: קלעם זיך נים!

שפּילן אין קאַץ און מויז זיינען די קינדער אַוועק אין גאַסטצימער, און די עלטערע זיינען אַריבער אין עסצימער אנשטאָט די קינדער.

אַ טומל איז געוואָרן אַ מוירעדיקער, און ס'איז געוואָרן אַ געדיכטער שטויב. די טעפּיכער האָט מען אופֿגעדרייט, ס'זאָל זיין

פרייער צו לויפן. פאַל האָט פאַרטשעפעט אַ וואַזאָנע, און זי איז מיט בראַזג זיך צופלויגן אין טויזנט שטיקלעך, וועלכע דער לאַקיי האָט שווייגנדיק אויפגעקליבן. קיין שום שפיל איז שוין ניט געווען, אַלע זיינען אומגעלאָפן אַן אַ טאַליק, געכאַפּט איינער דעם צווייטן, געשפרונגען אַף די דיוואַנעס, אַף די שטולן, געפאַלן און געקוויטשעט אַזוי, פונקט ווי מ׳וואָלט זיי סעז׳ניאקס בעקאָוועדיקן גאַסטצימער איבערגעמאַכט פאַר אַ כאַזערשטאַל. די ענגלענדערן האָט אַריינגעשטעקט אירע לאַנגע פינגער אין די אויערן, וואָס זיינען געווען ענלעך אַף קאַשטאַנען-בלעטער, אַזוינע טרוקענע און פלאַכע זיינען זיי געווען, און זיך געוואַקלט מיטן גאַנצן לאַנגן קערפּער, ניט זייענדיק בעקויעך עפּעס וואָס דאָ צו טאָן.

מיידלעך האָבן אָנגעוואָרן ווייערע לענטעס, אימיצער האָט פאַרלאָרן אַ שוך, און איצט האָט מען אים, ווי אַ פּילקע, געוואָרפן פון איין ווינקל אין צווייטן.

— שטילער, קינדער, שטילער!—האָט די ענגלענדערן געשריען מיט אַ ליידנדיק פאַרקרימטן פּנים. איר קאָל האָט זיך אָבער ניט געהערט צוליבן טומל.

אין טאָמע ברען פונם ווילדן שפּיל האָט פאַל אַ צי געטאָן זשאַנען פאַרן אַרבל. זשאַן איז געלעגן מיטן בויך אַף דער טאָדלאָגע, געבריקעט מיט די פיס און געכאַפּט די פאַרביילויפנדיקע קינדער פאַר די עלעגאַנטע שיכלעך.

— קום אַהער אַ ווײַלע,—האָט פאַל געזאָגט.

ער איז געווען פאַרשוויצט ווייער און רויט, ווי אַ ראַק, זשאַן איז געהאָרכזאַם אויפגעשטאַנען. זיי זיינען אַרויס פון גאַסטצימער אין קאָרידאָר. דאָ איז געווען פינצטער און שטיל, און קיינער איז דאָ ניט געווען. פאַל האָט זיך נאָענט צוגערוקט צו זשאַנען, אונטערגעטראָגן צו זיין פּאָנים אַ פויסט און זי געעפנט.

אַפן האַנטפלאַך האָט געבלאַנקט אַ גאָלדן פינגערל מיט אַ קליינעם רויטלעכן שטיינדל.

— ועסטו—האָט פּאָל שעפּטשענדיק געפּרעגט און אַ קנאַק גע-
טאָן מיטן צונג.

— דאָס איז דאָך סאָפּיס פינגערל!

— נו, איך רעכן, אַז דאָס איז סאָפּיס פינגערל.

— דו האָסט עס צוגעשלעפּט, פּאָל?!

— צוגעשלעפּט, כ׳וויי, סאַראַ שרעקלעך וואָרט! פּאַשעט, איך
האָב דאָס געפונען אַף דרערד, ווייל סאָפּי פּאַרלירט דאָך שטענ-
דיק אַלץ.

— דו מוזט עס איר אָפּגעבן צוריק, — האָט זשאַן פּעטעס גע-
זאָגט,—דו מוזט עס אָפּגעבן, ווייל דאָס איז גנייווע.

פּאָל האָט זיך אַ קרים געטאָן. ער האָט אַ ווײַלע אָנגעקוקט
זשאַנען, דאַן האָט ער געזאָגט:

— פאַרשטייט זיך, איכל אָפּגעבן, נאָר מיר ווילט זיך איר
אַביסל אָנשרעקן. מען דאַרף איר אָנלערנען, זי איז עפּעס אַזאַ
פּרינצעסן אַ גרויסע.

ער האָט זיך נאָר נידעריק צוגעבויגן צו זשאַנען, און זיין
קאָל איז געוואָרן אַן אויפגערעגטער:

— הערסטו, זשאַן, כ׳האָב מוירע, איך קאָן עס נאָך אָנווערן.
באַהאַלט עס דערווייַלע בײַ זיך, און דערנאָך וועסטו מיר אים
אָפּגעבן. באַהאַלט עס, זשאַן.

ער האָט געשטופּט זשאַנען דאָס רינגעלע אין האַנט אַריין,
זשאַן האָט א קלער געטאָן, באַקוקט דאָס רינגעלע און עס פּאַר-
זיכטיק באַהאַלטן אין קעשענע פון זיין קורטקע.

— רעכט. נאָר זע, דו זאָלסט עס וואָס גיכער אָפּגעבן.

שווייגנדיק, ווי פאַרשווערער, האָבן זיי זיך צוריקגעקערט
אין גאַסטצימער. נאָר דאָ איז די פריילעכקייט געווען ווי מיטן
ווינט פאַרוויינ: די קינדער האָבן זיך, צושראָקענע, אלע איינגעם
געקליבן ארום סאָפּי, און יענע איז צוגאַנגען פון געוויין — דער
שפּיציקער נעזל איז געוואָרן רויט און אָנגעשוואָלן, און דאָס
בינטל צונויפגעבונדענע האָר אָפן קאָפּ האָט זיך פאַר באַליידיקונג

אומגעהויערט און זיך געטרייסלט. די ענגלענדערן האָט געאָיקעט, צודריקנדיק די ביינערדיקע הענט צום האַרצן. די גרויסע זיינען אָנגעלאָפן פון עסצימער און האָבן געזוכט אונטער די דיוואַנעס, דער צימער איז פאַרפולט געוואָרן מיט צאָרנדיקע אויסגעשרייען.

— איך האָב עס דאָ ערגעץ אָנגעוואָרן,—האָט סאָפי מיט אַ דין קעלכעלע געטאַינעט וויינענדיק, — און עס איז־נישטאָ. אַך, הער סעריניאַק, הייסט אָפגעבן מיר צוריק מיין פינגערל!

— אָבער, קינד מיינס, — האָט הער סעריניאַק אין פאַרלעגנהייט געזאָגט, — עס וועט זיך דאָך באַלד געפינען, בא מיר אין הויז זיינען קיין גאַנאָווים ניטאָ. ס'האָט זיך פּאָשעט פאַרקייקלט ערגעץ אין אַ ווינקעלע.

אָבער אַלע ווינקעלעך זיינען געווען ארומגעזוכט, און דאָס פינגערל איז ווי אין דרערד אריין. פּאָלי, אַ דויטער, ווי דער פּיאַן, וואָס אין הער סעריניאַקס קנאָפּלאָך. האָט געזוכט מער פון אַלעמען; ער האָט זיך איינגעריכט אין שטויב די קני פון זיינע ברוינע הויזלעך און צושויבערט די האָר. ושאן האָט געקוקט אָפּן גאַנצן טומל מיט אַן אָפּענעם מויל, געוווּנקען פאַלן און זיך געערגערט, וואָס יענער באַמערקט דאָס ניט.

הער סעריניאַק, אַן אופגערעגטער שוין ניט אַף אַ געלעכטער, האָט געפרעגט סאָפי:

איר געדענקט גוט, קינד מיינס, אַז איר האָט דאָס פינגערל היינט אינדערפרי אָנגעטאָן.

— ווי זאָל איך דאָס ניט געדענקען! — האָט סאָפי מיט פאַרדרוס אויסגעשריען.—נאָך בייסן טרינקען שאָקאָלאַד איז עס בא מיר געווען, און פאַל איז נאָך צוגעשטאַנען, איך זאָל עס אים שענקען!

און דאָ איז אָנגעטראָטן אַ טויטע שטילקייט, אַלע אויגן האָבן זיך אַ קער געטאָן אין פאָלס זייט. דעם הער סעריניאַק איז אַרויף אַפּן זינען עפּעס שרעקלעכס. בא פאָלן האָבן זיך געביטן אַלערליי קאָלירן, זיינע דיקע קני האָבן געציטערט. אַ צייט איז

ער ניט געווען אימשטאַנד אויסצורײדן אַ וואָרט. און פּלוצלונג האָט ער, בריסלענדיק מיט די באַקן, אויסגעשריען מיט אַזאַ הויכן קוויטשיקן קאָל, אַז די אָדערן אַפן האַלדז זײַנען בײַ אים אָנגעשוואָלן געוואָרן:

— צי מיינט עפּשער סאָפּי, אַז איך האָב צוגעגאַנוועט איר פינגערל, ווי עפּעס אַ גאַסיקער גאַנעוול?! איך קאָן אין קראָם קויפן הונדערט אזוינע פינגערלעך. אַ טייערע מעציאָע! איך האָב געגאַנוועט איר פינגערל! לעבן איר באַם טיש איז געזעסן זשאַן, אָט ווער. איך האָב אַליין געזען, ווי ער האָט אַלץ געקוקט אַף אירע הענט. אַף אַ קיכעריונג קאָן מען זיך אַלץ ריכטן!

זשאַנען איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז די פּאָדלאָגע וויגט זיך אונטער זײַנע פיס, ווי דער דעק פון אַ שיף אין שטורעם. ווי דורכן כאָלעם האָט ער געהערט קאַסדיקע שטימען: „אַ, דער האָזעדיקער יונג! דערדאָזיקער יינגל, וואָס קאָן זיך ניט האַלטן אין דער געזעלשאַפט פון דער־צויגענע קינדער!"

סטאַרענדיק זיך אַלעמען אַריבערצושרייען, האָט ער אָנגע־שטרענגט דעם קאָל און קאַסדיק אויסגעשריען:

— יאָ, דאָס פינגערל איז בא מיר, אָבער מיר האָט דאָס אין קאָרידאָר נאָר וואָס געגעבן פאל...

— איך האָב אים געגעבן דאָס פינגערל!—האָט פאל לאַכנדיק איבערגעשלאָגן.—ער איז נאָך צודערצו אַ ליגנער אויך! נו, ווער וועט דיר גלויבן, אַז דו האָסט ניט צוגעשלעפּט בא סאָפּי דאָס פינגערל!

און קיינער האָט טאַקע ניט געגלויבט. אין אַ פעסטן קרייז האָבן אַלע ארומגערינגלט זשאַנען, שרייענדיק, קאַסדיק און צונויפפּאַטשנדיק מיט די הענט, און האָבן געקוקט אַף דאָס קלײ־נע פינגערל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין זיין ציטערדיקער האַנט.

— געגוג, ער האָט זיך מוידע געווען, — האָט אויסגעשריען הער סערזשאַנט, אויסשטעלנדיק דעם בויך, אָן אַרומגעצויגענעם מיט א קאַנאַרי-פאַרביקן זשילעט.—גיב טייקעף אָפּ סאָפּי דאָס פינגערל, פאַסקודניאַק אײנער. אָט, ווען איך האָב געלאָזן צו זיך אין שטוב ארײַן! אָט, ווער עס האָט זיך געכאַוועדעט מיט מײַן זון! און איך, אַלטער שוטע, האָב דאָס דערלאָזן. עפעס סאַ-קע--ווען גאָט וויל איבמיצן שטראָפן, נעמט ער אָפּ בא אים דעם סייכל! די מינוט ארויס, ארויס פון דאַנען! דײַן געדעכעניש זאָל דאָ ניט זײַן! דעם פאָסער אַהער רופן, דעם אלטן גאַנעוו! דער עפּל, זאָגט מען, פאַלט ניט ווייט פון ביים.

ער האָט זיך אזוי אופגעבלאָזן אין צאָרן, אַז דוכט זיך, נאָר וואָס ער פּלאַצט ניט. ער האָט געטופעט מיט די פיס, געדרייט זיך אַפן אָרט, ווי אַ נאַר, געשפריצט מיט די שפייעכץ. דער דערשראָקענער לאקיי איז ארויסגעלאָפן נאָך פיער רעבו, און פיער רעבו האָט נאָך פונווייטן, גייענדיק אָף די טרעפ, געהערט דעם באַלעבאָס הייזעריק-קוויטשיקן קאָל, ווי ער שרייט:

— אַרויס, אַרויס! איך וויל גאָרניט ניט הערן! דאַנק גאָט, וואָס איך רוף ניט קיין זשאנדאַרמען!

און ווי נאָר פיער רעבו האָט זיך באַוויזן אין טיר אין זײַנע ווייסע קוכערשע מאלבושים, איז הער סערזשאַנט אויסער זיך אַרוף אָף אים:

— אַ, אָט זייט איר, אָט זייט איר, רעבו! ניִשטאָ וואָס צו ריידן, זייער פיין האָט איר זיך מיט מיר באַגאַנגען! איר מיט אייער האדוליע פלעגט מיך באַגאַנוועגען, ווי עפעס אַ לעקיש, און איך בין נאָך עפּשער ווייניק גוט געווען צו אייך, איך האָב אייך נאָך ווייניק געטרויט?!

— האָט קיין פאַריבל ניט, פּאַניע,—האָט דער פאַרווּנדערטער קוכער געפרווט ריידן אַ וואָרט, זיין יאַרמלקע האָט זיך אַראָפּ-געגליטשט אָפן נאַקן, און זײַנע אויגן זײַנען נאָך היפּער אַרײַן אונטער די ברעמען.

אָבער הער סערינִיאַק האָט אים נִיט געלאָזן ריידן.

— די מינוט אַרויס פֿון מיין הויז! — האָט ער געשריִען, ווערנדיק מיט יעדן וואָרט אַלץ מער צעווילדעוועט. — נעמט צונויף אייערע כּפּייצים און גייט, וווּהין די אויגן טראָגן, אויב איר ווילט ניט אַריינפאַלן אין אַסטראָג. אייער זון האָט מיר באַגאַנוועט און איר און אייער ווייב באַגאַנוועט מיר יעדן טאָג, יעדער מינוט, איך צווייפֿל שוין איצט גאָרניט אין דעם. אַרויס פֿון מיין הויז, אויב

איר ווילט ניט, אַז מיינע לאַקייען זאָלן אייך אַרויסשליידערן אַף דער גאַס מיט אַלע אייערע בעבעכעס!

פּיער רעבו האָט שוין מער ניט געפּרוּווט ריידן. זיין אומבאַוועג-לעכער פּאָנים איז געוואָרן ווי פֿאַרשטיינערט. ער האָט אַראָפּגע-רוקט די יאַרמלקע ביז איבער די אויגן, וועלכע האָבן זיך אָנגע-צונדן, ווי אַ פֿייער. אָן אַ וואָרט צו ריידן, האָט ער גענומען זשאַנען פֿאַרן אָרעם, פֿאַרשטירנדיק זיין קורטקעלע מיט די מע-

ליקע פֿינגער, און אַרויסגעפֿירט איט פֿונם קרייז פֿון די דער־שראקענע קינדער און די שטיל־געבליבענע צוליב העך סעריניאָקס גרימצאָרן דערוואַקסענע. כאָל האָט זיך אָפּגעקערט צום פֿענצטער, און ס׳איז קענטיק געווען, ווי זיינע דיקע אויערן האָבן געפֿלאַמט פֿון כאַרפּע.

— און אזוי זיינען זיי, באַם אַלגעמיינעם שווייגן, ארויס און גענומען אַראָפּגיין פֿון די טרעפּ.

די טרעפּ, וואָס האָבן געפֿירט אין קיך, זיינען געווען באלויכטן פֿון א קליינעם עלעקטרישן לעמפּל. אונטער דעמדאָזיקן לעמפּל האָט דער אלטער קוכער זיך אפּגעשטעלט, בענומען דעם זון פֿאַר די אַקסלען און אים פֿון גאר נאָענט אנגעקוקט. זיינע אויגן זיינען געווען הארטע, ווי שטיינדלעך, און זיינע הענט, וואָס האבן געהאלטן זשאנס אקסלען, האבן געציטערט.

דער קוכער האט געפרעגט מיט אַ פאַרשטיקטן קאָל:

— דו האסט דאס געטאן, זשאן?

א נאסער קנויל האט זיך אופגעקייקלט בא זשאנען אין האלדז. ער האט געפילט, אז אט הויבט ער אן וויינען. ער האט געוואלט דא טייקעף דערציילן דעם פֿאטער וועגן דער אווליע, וואס פאל האט אים געטאן. אבער, ניט געבענדיק קיין פינטל אפילע מיטן אויג אונטערן פֿאטערס בליק, האט ער בלויז געזאָגט:

— ניט עמעס, איך האב גארניט ניט געגאנוועט.

פיער רעבוס הענט האבן שטארקער אַ ציטער געטאן. ער האט אריינגענומען אין זיי דעם יינגלס קאָפּ, אַ קוש געטאָן אים אין שטערן און ארויסגערעט:

— איך האָב דאָס געוווסט, מיין זון. איך גלויב דיר, קלעם זיך ניט.

מער האָט ער גאָרניט ניט געזאָגט. דער אַלטער פיער רעבו האָט פֿיינט געהאַט צו וואַרפֿן ווערטער אַפֿן ווינט.

און ווי האָבן זיך טייקעף גענומען קלייבן. די מוטער האָט קיין סאַך נים געפֿרעגט—בלויז טרערן האָבן פֿון אירע אויגן גע-רונען, ווען זי האָט דעם קופֿערט אָפּגערוקט, און ווי זיינען אַראָפּגערונען אין קופֿערט אַריין, אַף די וועש,—שטילע טרערן פֿון אַ פֿרוי, וואָס האָט גאָר ווייניק גליק אין לעבן גענאָסן.

ווי לאַנג די מוטער האָט זיך געאייסיקט באַם איינפּאַקן די לעצטע זאַכן, איז פּיער רעבו געזעסן אַף אַ שטול, האַלטנדיק אַרומגענומען דזשאַנען פֿאַר די אַקסלען. דאָס עלעקטרישע לעמפּל, פֿון וועלכן מע האָט אַראָפּגענומען דעם אַבאַזשור, ס'זאָל זיין ליכטיקער זיך צו פּאַקן, האָט באַלויכטן די אָפּגעליידיקטע ווענט. די בדעקלעך פּאַפּיר אַף דער פּאָדלאָגע, שטיקלעך שטריק.

פּיער רעבו האָט מיט ביטערקייט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ.

— דיין זיידע, דזשאַן,—האָט ער געזאָגט,—האָט, ווי דו ווייסט, געענדיקט זיין העלדישן לעבן אַף די גאַסן פֿונם אויפֿשטאַנדישן פּאַריזש. און אויב מיר, זיין זון, האָט געפֿעלט קויכעס צו גיין אין זיין וועג, וויל איך, אַז דו, מיין זון, זאָלסט ווערן זיין דיין זיידן. ציטער פֿאַר דער סוויווע, וואָס רינגלט דיך אַרום. דערצי אין זיך אַ פֿרייע נעשאָמע.

היינטיקער צופֿאַל האָט דיר ריכטיק באַוויזן, ווי געשמאַק עס לעבט זיך דעם אַרבעט-מענטשן אין דעם רייכן פֿראַנקרייך, באַלד וואַקסטו אונטער, דזשאַן—דאַן וועל איך דיר איבערלייענען דעם זיידנס נאָטיצן,—זיי וועלן דיך לערנען, ווי צו ליבן די רעוואָ-לוציע...

— שטילער, שטילער!—האָט יוליע דערשראָקן אויסגעשריגן.

הער סעריניאַק האָט מיטן לאַקיי צוגעשיקט דעם געהאַלט פֿאַרן אָפּגעזאָגטן קוכער. אויבן האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ פֿריילעכער טומל. ווי, אָבער, האָט זיך דאָרטן עפּעס געפֿילט דער גראָבער פֿאַל?

IV

דער גאַלעבאַס פֿון „מאַטראָסנשרײַבער“ און זײַנע כאַיעס.—זשאַן געפֿינט נײַע פֿרײַנט.—די וואָלקנס ווערן געדיכטער.—וועמען האָט דער אויסגעזוכטער-צאָן ליב?

פֿאַר דער פֿאַמיליע רעבו האָבן זיך אָנגעהויבן שווערע טעג.

די ערשטע דאגע איז געווען—געפֿינען כאָטש אַ צײַטווײַ-
ליקע וואוינונג. נאָכן דײַטשישן קריג זײַנען די מעקאָכים אַף אַלץ
געווען אומגעוויינטלעך הויכע, און ווער האָט געקאָנט פֿאָרויס-
זאָגן, ווען פּיער רעבו וועט זיך אײַנגעבן צו געפֿינען אַן אַנדער
שטעלע? אומעטום איז געווען אַרבעטלאָזיקייט. איבעראַל איז
געווען צופּאַלונג, אַרבעטהענט זײַנען געווען ביליק.

מ׳האָט געדאַרפֿט אויסרעכענען יעדע קאָפּיקע.

צו אַלע צאָרעס האָט זיך נאָך אין דער מאַרסעלער צײַטונג
אָפּגעדרוקט אַ באַשרײַבונג, ווי אַזוי זשאַן, דעם קוכער פּיער
רעבוס זון, האָט אַפֿן יאָנטעוו ג ע ג אַ נ וו ע ט באַם מערס טאָכ-
טער אַ גאָלדענעם רונג. האָט מען זשאַנען אַרויסגעטריבן
פֿון מוניציפּאַל-קאָלעזש. פּיער רעבו איז פֿון פֿרי ביז שפּעט אומ-
געלאָפֿן איבער דער שטאָט זוכן אַ שטעלע, האָט מען מיט אים גאָר-
ניט געוואָלט ריידן: ער איז דאָך געווען דער פֿאָטער פֿונם גאַנעוו.

די פֿאַמיליע רעבו האָט זיך דערווײַלע אַרײַנגעקליבן צו אַן
אַלטן פֿרײַנט, זשאָרזש קריקי. דערדאָזיקער קריקי איז געווען
אַ קליין מענטשעלע מיט אַ נידעריקן שטערן און אַ פּלאַטשיקן
סאָניס פֿאַרשאָטן מיט פּרישטשיקעס. ער האָט געהאַלטן אַ קליי-
נעם מאַטראָסנשענקל אין אַ געסל ניט ווייט פֿון האַפֿן. געווען
איז ער אַן אלמען און אַ קינדערלאָזער, און די גאַנצע ליבע זײַ-
נע, די גאַנצע צערטלעכקייט פֿון זײַן האַרצן האָט ער אויסגע-
גאָסן אַף די שטובּיקע כאַיעס, וועלכע ער האָט פֿאַרמאָגט אַ גאַנ-
צע מאַסע.

דאָ זיינען געווען קעץ פֿון פֿאַרשיידענע מינים, אַנגאָרער, סיבירער און סאַמע פּאַשעטע קעץ, וועלכע האָבן געקאָנט, עמעס, אָן א באַזונדערן כיישעק, שפּרינגען דורך א רייף און גיין אף די הינטערשטע פיסלעך; געווען דריי הינט — אַ בולדאָג מיט אַרויס־געשטאַרצטע אויגן, אַ מישלינג פֿון אַ דאָג מיט אַ פּאָנטיאָר און אַ פֿעסטגופיקער עסטרייכישער דאַרפֿהונט. געווען אויך אַ פּי־טשינקע מאַלפּעלע פֿונם מין אויסטיטי, א בייזע, אַ כיטרע און איינגעשפּאַרטע, ווי אַן אייזל.

פֿון אַזויפיל כאַיעס איז אין די צוויי צימערלעך, וואָס זיינען אויסגעקומען לעבן דעם איינגאַנג צוזאַמען פֿונם שענקל, שטענדיק געווען א פֿאַרשטיקטע לופט, פֿול מיט אַלערליי ריחעס; די פֿאַרטקע פֿלעגט קריקי עפֿענען וואָס זעלטענער, קעדיי ניט צו פֿאַרקילן די מאַלפּע, וועלכע פֿלעגט אין אַ פֿייכטן ווינטער הוסטן, ווי אַ מענטש, מאַכנדיק ליידנדיקע האַוואַיעס און צושטעלנדיק ראַכמאָנעסדיקע אויגן.

באַ דעמראָויקן ווונדערלעכן מענטשן, וועלכער האָט, דוכט זיך, געלעבט בלויז צוליב זיינע כאַיעס, האָט די מישפּאָכע רעבו פֿאַרנומען איין צימערל, און דער באַלעבאָס מיט זיין גאַנצער כאַפּטע האָט זיך אַריבערגעקליבן אין דעם אַנדערן, ווו ער פֿלעגט שלאָפֿן אויך אינאיינעם מיט די הינט אף אַ צוריסענעם מאַט.

סיער רעבו פֿלעגט אינדערפֿרי אוועקגיין זוכן אַרבעט, יוליע פֿלעגט אַריינגיין אין שענקל, העלפֿן דעם „באַלעבוסל" קריקי, און זשאַן האָט ניט געוווסט, ווו זיך אַהינצוטאָן. פֿאַר דער צייט איז זשאַן געוואָרן פֿאַרביטערט און פֿלעגט קוקן בייז, ווי א וואָלף. ע, זאָלן זיי זיך ניט פֿרייען, די אָפּגעפֿרעסענע גווירים — ער וועט זיי נאָך געבן צו וויסן וועגן זיך!

די גאַס, ווו ס'איז געווען קריקיס שענקל „מאַטראָסנפֿרייד", איז געווען קרום, ענג און שמוציק, אַזוי ווי נאָך צענדליקער אַזוינע גאַסן. אין די אומהיימלעכע אַלטע הייזער, וועלכע זיינען געשטאַנען קרום, מאַכמעס די גאַס איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ צום

יאָם, פלעגן ועלטן ווערן געעפנט די לאָדן, און זיי זיינען געווען
ענלעך צו איבערגעעלטערטע שוואָימען, צוגעסענע פון ווערים.
דאָ אין שטוק און אין איפעש האָט זיך אופגעהאַלטן די אָרעם-
קייט, וועלכע דער האַפן האָט ווי ניט איז געשפייזט: טרעגער
מיט פעסט באַמוסקלטע, שטאַרקע רוקנס, אָבער מיט רעוומאַטישע
פיס און מיט קראַנקע לונגען, מאַטמעס אַרבעטן פלעגט אויסקי-
מען אין יאַמווינט און אין אַלערליי ווערטערן; קליינע טאַמאָוש-
נע-אָנגעשטעלטע און טאַמאָושנע-וועכטער; גאָסן-הענדלער און
אַלערליי פינצטערע עלעמענטן, וואָס לעבן ווער ווייס, ווי אזוי
און ווער ווייס פון וואָס.

אינדערפרי פלעגט די גאַס זיין ליידיק. פאַרוואָרלאָזטע קינ-
דער פלעגן זיך דאָ אומדרייען אין די לוזטעס, וועלכע פלעגן
פאַרשפּרייטן אַן עקלהאַפטן איפעש. אינם מיטס און אינם קיכן-
אָפּפאַל פלעגן זיך דאָ ריען אַלטוואַרג-זוכער, קלאָגנדיק זיך שטי-
לערהייט אף זייער פאַרשאָלטענעם, ביטערן לעבן און ציטערנדיק
אומקוקן זיך, צי זעען זיך ניט פּאָליציאַנטן. ווען ניט ווען פלעגט
איבערן צופאָרעניעם ברוק דורכרודערן אַן אָרעמער וועגל פון
אַ גרינסהענדלער. וועלכער פלעגט הילכיק לויבן זיינע סכוירעס.
פלעגט אָבער אופהערן דאָס בראַזגען פון די אייזנבאַשלאָגענע
רעדער, פלעגט ווידער ווערן שטיל; פון האַפן בלויז פלעגט זיך
דערטראָגן אַ פייף פון אַ שיף, און אַמאָל ראַטהויז פלעגט דער
שטאָטזייגער מיט מעטאַלענעם קלאַנג אָפּקלאַפּן פערטלשאָען.

דערפאַר אינאָוונט פלעגט די גאַס אופלעבן.

די שיטער-צושטעלטע לאַמטערנעס האָבן די פינצטערקייט ניט
פאַרטריבן, און סאַר ניט קיין געוואָינטן מענטשן איז דאָ געווען
ניט שווער זיך אויסצוברעכן אַ פוס אף די צובראָכענע, גריבער-
דיקע טראָטואַרן. די גאַס פלעגט פול ווערן מיט גערויש און מיט
פריילעכן געלעכטער פון די צולעבטע מאַטראָסן. פון די פענצ-
טער פונם שענקל „מאַטראָסנפריידי" פלעגט אין שמאָלע פאַסן זיך
ליגן אַ ווענ א טריבער געלער שיין, און דורך דער טיר, וועלכע

פֿלעגט זיך צלע ווילע עפּענען, פֿלעגט זיך זען א רײ טישן מיט קופּלעס ביר, מיט פֿלעשלעך וויין, סומלדיקע געסט און טאַבאַק-רויך, וואָס פֿלעגט, ווי אַ גראָער וואָלקן, זיך שפּרייטן אונ-טערן סופּיס. נאָכאַנאַנד אָנגיסן די

זשאָרזש קריקי און יוליע רעבו פֿלעגן קופּלעס און צוטראָגן זיי איבער די טישן, און דערבײ פֿלעגט דער בלעזולדיקער שוים, ווי זויד, זיך גיסן איבער די פֿינגער.

אָפֿן בופֿעט, דרייענדיק מיט די אויערן בײַ יעדן אויסברוך פֿון געלעכטער, פֿלעגן דרעמלען אלע סינף קעץ. די הינט פֿלעגן אום-גיין צווישן די טישן און לייגן די מאָרדעס בײַ די געסט אָפֿן שויס. ווען דער טומל פֿלעגט אַף א ווײַלע שטיל ווערן, פֿלעגט זיך הערן, ווי אינם דערבאַיקן צימער שרייט גרילצנדיק די פֿון אַלעמען פֿאַרלאָזענע אויסטיטי, קריקי פֿלעגט די מאַלפּע ניט אַריינלאָזן אין אלגעמיינעם זאַל: די רויכיקע לופֿט איז געווען שעדלעך פֿאַר אירע טראָפּישע לונגען.

זשאַן האָט זיך גיך באַקאַנט מיט אלע שטענדיקע באַזוכער פֿון „מאַטראָסנפֿרײַד". אָט דאָס זײַנען געווען מענטשן! אײניגע פֿון זיי האָבן געזען די שטערן-גרויסע דאָרעם-קרײַץ, אַנדערע האָט שוידערלעך דורכגענומען דער גליענדיקער סאַמום אין רויטן יאַם, אַנדערע ווידער זײַנען שיר ניט אומגעקומען אין די שטורעמס אָפֿן שוואַרצן יאַם—און אלע זײַנען זיי געווען פֿריילעך, האָבן געשפּיגן אַף אלע געפֿאַרן און האָבן ליב געהאַט דעם יאַם.

און וואָסערע געשיכטעס האָבן זיי געוווסט צו דערציילן! אָט דאָס זײַנען געווען געשיכטעס! ניט גלייך צו דער ענגלענדערנס מאַיסעס וועגן אײדעלע פּרינצעסנס און גרויסמוטיקע פּרינצן. בײַ די דאָזיקע געשיכטעס איז זשאַן געווען גרייט צו פֿאַרגעסן אַפֿילע זײַנע ביטערע אוולעס, דעם גראָב-באַקיקן פֿאַל, דעם הער סערי-זיאַק אין זײַן קאַנפֿעריי-פֿאַרביקן זשילעט. ער פֿלעגט פֿאַרמאַכן די אויגן און זען די בלאָע פֿרײַע יאַמבריטקײט: דער געהילך פֿון די צוהאַליעטע געסט האָט אים אויסגעוויזן, ווי דאָס ריטשען פֿונם

שטורעם. זאָל זיך פֿאַנאַנדערעפֿענען די ערד און אים אַף אייביק איינשלינגען, אויב ער וועט ניט זיין קיין מאַטראָס!

אין איינעם אַ יאָנטעוודיקן אָוונט, ווען אין זשאָרזש קריקיס שענקל איז פֿון ענגשאַפֿט און געדרענג ניט געווען מיט וואָס צו אָטעמען, האָט זשאַן ס'ערשטע מאָל דערזען אַ טרעגער מיטן נאָמען „אויסגעזעצטער-צאָן".

דאָס איז געווען אַ מענטש אַ קלײנוווּקסיקער, אַ יאָדערדיקער, און נאָכן אויסזען נאָך אַ ווייניק-באַוועגלעכער. אַף די הענט און אַפֿן פּנים איז די הויט געווען ניט קיין גלאַטע, אַ בלעזלדיקע, ווי בײַ אַן אינדעק. ער איז געזעסן אייבער אַליין בײַ אַ ווינקלטישל, אָנגעדרוקט איבער די בלאָע אויגן די בלאָנדע, שטאַרק אָפּגעבלייכטע ברעמען. אַף ווייער אַ שלעכטן פֿראַנצויזיש האָט ער געבעטן יוליען געבן אים אַ קופּל ביר.

עפֿענענדיק דערבײַ דאָס מויל, האָט ער באַוויזן אַ ריי גלאַנציקע געלבלעכע ציינער, שטאַרקע, אַזוי ווי בײַ אַ כאַיע, צווישן וועלכע ס'האָבן געפֿעלט די צוויי פֿאָדערשטע.

זופּנדיק זיין ביר און שטיל אונטערברומענדיק עפּעס אַ ניגן, האָט ער אויפֿמערקזאַם באַטראַכט די באַזוכער פֿון „מאַטראָסנפֿרייד".

בײַ אַ דערבײַיקן טישל האָבן הויך געטומלט אַ כעוורע מאַטראָסן. דאָס זיינען געווען מאַטראָסן פֿונעם קריגפֿלאָט, אין אורלויב אָפּגעלאָזענע.

פֿון צופֿיל אויסגעטרונקענעם ביר זיינען די קעפּ שווער געוואָרן און די צינגער האָבן זיך געשאָקלט צווישן די ציינער, ווי פֿלאַגן אין שטאַרקן יאַמווינט. הילכיק האָבן זיי גערעט וועגן די ניט לאַנג פֿאָרגעקומענע יאַם-געשלעגן מיט די דייטשן. מיט פֿאַרשיקערטע קוילעס האָבן זיי מעשוגעדיק געזידלט און געשאָלטן. פֿאַרפֿלוכטע באָשעס! זיי האָבן גוט געקראָגן פֿון דער אַנטאַנטע. אָבער—דעם עמעס מוז מען זאָגן—זיי האָבן אויסגעצייכנט געפֿירט די אונטערוואַסערדיקע מילכאָמע—זייערע אונטערוואַסער-

שיפלעך זיינען געווען אומעטום: באַ מעסינע, באַ דוראַצאָ, באַ קאָרפו—דעם פראַנצויזישן פלאָט, וועלכער האָט געהאַלטן די וואַך אין אדריאַטישן יאַם, איז ניט אויסגעקומען צו שלאָפן. פאַר- פלוכטע דייטשן—פראַנקרייך וואָלט זיי שוין לאַנג צוריבן, ווי די פרייסן, ווען ניט דער פאַראַט פון רוסלאַנד, דער טייוול זאָל עס נעמען! רוסלאַנד איז איינגעפאַלן צו פאַרפירן אַ רעוואָלוציע! דער שוואַרציאָר האָט געמעגט כאַפן רוסלאַנד מיטן דייטשישן שפיאָן לענינען איניינעם!

— וואסער שוטע האָט דאָס די האָזע צו וואַרפן שמוץ אַף לענינען?

דאָס האָט אויסגערעט דער אויסגעזעצטער-צאָן. ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן, אָנשפארנדיק זיך מיט די ברייטע הענט אָן טיש, און דרייסט דורכגעפירט דעם בליק איבער די פראַנצויזישע מאַ- טראָסן. דער קאָל זיינער איז געווען אַ דומפער און אַ שטאַר- קער.

אַלע האָבן זיך אַ קער געטאָן צו אים.

— יעדער, וואָס וועט איבערכאַזערן די דאָזיקע ווערטער, וועט האָבן אַ געשעפט מיט מיין פויסט!

ער האָט פאַרקוועטשט זיין ברייטן, ביינערדיקן פויסט, וואָס איז געווען ענלעך אַף אַ שמידהאַמער, און שווייגנדיק אים אַ טרייסל געטאָן. די מאַטראָסן זיינען געבליבן שטיל און האָבן אים אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג. און אָט האָט איינער פון זיי, דער, וואָס האָט געשריען העכער פון אַלעמען, אָפגעשטופט מיטן פוס זיין שטול, אַז ער האָט געגעבן אַ בראַזג אָן דרערד, זיך געגעבן אַ שטעל אויף אין זיין גאַנצער געוואַלטיקער הויך און דראָענדיק איינגעשפאַרט די הענט אין די באָקעס. ער איז געווען רויט. אין די ווינקלען פון זיין גראָבן, פליישיקן מויל האָט זיך באַוויזן שפייעכץ.

— און דו ווער ביסטו אַזעלכער?—האָט ער געפרעגט מיט אַ טיפן באַס, רוקנדיק זיך צום אויסגעזעצטן-צאָן.

— דאָס ווייס מיין מאַמע, ווער איך בין אזעלכער,--האָט געענטפערט דער אויסנעוזעצטער-צאָן, און זיין אייסעק איז האָס ניט.

זיי זיינען איצט געשטאַנען איינער אנטקעגן דעם צווייטן מיט פאַרקוועטשטע פויסטן.

— אַהאַ, ציִ האָבן זיך דאָ ניט פאַרפירט רוסישע באָלשעוויסטישע אויסוואורפן?—האָט געזאָגט דער מאַטראָס, אומקוקנדיק זיך אַף די כאַוויירים.

— נו, נו, דיוק!—האָבן די כאַוויירים געשריִען לאַכנדיק אַפן קאָל, פונקט ער וואָלט האָבן געזאָגט מייעדייע וואָס פאַר אַ כאָכמע,—ווייז אים אַקאָרשט, דעם האָזעניק, און זאָל ער וויסן זיין אָרט!

— צוויי צייגער פעלן אים שוין, ועק אים אויס נאָך אַ פּאָר צום אָנדענק!

— ווייז אים, ווי פראַנצויזישע מאַטראָסן שלאָגן זיך!

פון בופעט האָט שוין געאיילט אַהער קריקי, מיט געבעטן אופגעהויבן די הענט צום סופיט, און פון אופרעגונג זיינען באַ אים די פרישטשיקעס אַפן פּאָנים געוואָרן העל-רויט, ווי פעלד-נעגעלעך. די געסט האָבן זיך אַ הויב געטאָן פון די ערטער און אין אַן ענגן קרייז אַרומגערינגלט זיי ביידן. ושאַן איז אַף אַלע פיר דורכגעקראָכן אונטער די פיס און מיט אַן אָפענעם מויל געקוקט אַפן אויסגעוזעצטן-צאָן.

און דער אויסגעוזעצטער-צאָן האָט זיך געסטאַרעט איבערצושרייען דעם גאַנצן טומל, וואָס האָט זיך דאָ אופגעהויבן.

— באַראַנעס, אייזלען, שעפסן נאַרישע! ס'וועט קומען אַ צייט, ווען איר וועט לעניִנען טראָגן אַף די הענט און בענטשן זיין נאָמען! קאַרג איז אייך דידאָויקע שרעקלעכע שכיטע, וואָס האָט פאַרשאָטן פראַנקרייך מיט טויטע קערפערס און וואָס האָט מיליאָנען מישפּאָכעס פאַריאָסעמט! פאַר וועמען האָט איר זיך געשלאָגן פינף יאָר צייט, און וואָס האָט איר באַקומען פאַר אייערע לעבנס?

קוקט זיך אַרום, קאָלומאַן ס׳איז ניט שפּעט, גיט אַ האַנט דעם
רוסישן אַרבעטער, וועלכער קעמפּט איצט אויס מיט געווער אין
האַנט זיין אייגענע פרייהייט און אייערע אויך—די פרייהייט פון
דער גאַנצער וועלט!

— אַ באָלשעוויק, אַ באָלשעוויק!—האָבן געשריען די מאַטראָסן,
אַלץ פעסטער צונויפרוקנדיק זיך אַרום דעם אויסגעוועצטן-צאָן.

— וואָס קוקסטו, דיוק?

— פאַר דיר אין די אויגן באַליידיקט דער רוסישער פאַרע-
טער פראַנקרייך!

— צי זיינען דיינע פויסטן געוואָרן ווייך, ווי טייג?

— אַנו, באַלעבאָס, טו אַרויף אַהער פּאָליציי, זאָלן זיי אים אַריינ-
זעצן, ער זאָל ניט פאַרשפּרייטן דאָ אין פראַנקרייך דידאָזיקע קרענק.

דער גיגאַנטישער מאַטראָס האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום אויס-
געוועצטן-צאָן. די פּאָדלאָגע האָט געקנאַקט אונטער זיינע ריזיקע
מאַלפּישע פיס. ער איז געווען אף אַ גאַנצן קאָפּ העכער פאַרן
אויסגעוועצטן-צאָן מיט ברייטערע און שטאַרקערע אַקסלען. זיין
האַריקער פויסט האָט זיך געגעבן אַ הייב אינדערהויך.

און די מאַטראָסן זיינען שוין געווען גרייט מיט ווילדן גע-
לעכטער צו באַגריסן דעם כאַווערס געשיקטן זעץ.

אָבער דער אויסגעוועצטער-צאָן איז מיט אַ געשווינדן קעצישן
קער אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט. ער האָט זיך, ווייזט אויס, גע-
קאָנט שלאָגן ניט ערגער, איידער די מאַטראָסן פונם פראַנצויזישן
פלאָט! ער האָט זיך מיטן רוקן צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, קעדיי
זיך צו פאַרהיטן פון אַ פאַרעטערישן אָנפאַל פון הינטן. דער קאָפּ
איז אַריין צווישן די אַקסלען, און אָפן שטערן זיינען אַרויסגע-
טראָטן צוויי טראָפּנס שווייס.

ער האָט אויסגעשריען:

— אַהאַ, אַ גאַנצער פראַנצויזישער שענקל גייט אַנטקעגן איין
רוסישן סאָלדאַט! דער קאַמף איז, דוכט מיר, ניט קיין גלייכער
אַפילע. מיילע, וועל איך אַליין פאַר זיך באַשטיין, אָן אַ כאַווער!

אומזיסט האָט דער דערשראָקענער זשאָרזש קריקי אָנגעכאַפּט איינעם אין דעם אַנדערן פֿון די צוויישעסטע מאַטראָסן און זיי גע־וואָלט צוריקהאַלטן — דער שטרייט איז שוין אַוועק צו ווייט. פֿון די טישן, וועלכע ס'האָט צוזוקט צו די ווענט, זיינען אַף דרערד געפֿלויגן פֿלאַסן און קופֿליעס, צופֿליושקענדיק ווײַן און ביר. די היגטערשטע האָבן זיך געשפּאַרט אַף די פֿאָדערשטע. דער אויס־געזעצטער־צאָן האָט אַ וואָרף געטאָן פֿאַר זיך אַ שטול, קעדיי די אָנפֿאַלער זאָלן צו אים נאָענט נים קאָנען צוגיין, און געוואַרט, אָנשטעלנדיק די פֿויסטן פֿאַרן פּאָנים. דאָס געשלעג איז שוין גע־ווען גרייט זיך צו צופֿלאַקערן, האָט זיך פּלוצלונג אין דעם אַל־געמיינעם הו־האַ דערהערט אַן אומגעריכטער קאָל:

— דו האָסט אַ כאַוועך, נים שרעק זיך!

די צורייצטע פֿון דער קריגערייַ מאַטראָסן האָבן נים ווילנדיק אַראָפּגעלאָזן די פֿויסטן. אינם קרייז איז לעבן אויסגעזעצטן־צאָן געשטאַנען זשאַן, מיטן רוקן צו אים געווענדעט און די פֿויסטן צוגעשפּאַרט צו די באָקעס, און האָט געקוקט אַף די אָנגעשטא־נענע מאַטראָסן מיט דער דרייסטקייט און אַנטשלאָסנקייט פֿון אַ יונגן האָן.

— פּאַכדאָנים! טויגעניכטסן! — האָט ער געשריען הילכיק, פֿאַ־רייסנדיק די נעמבע אַף אַרויף — זאַלבעצוואַנציק אַף איינעם?

באַ אַ מינוט האָט געהערשט אין שענקל „מאַטראָסנפֿרייד“ אַ טויטע שטילקייט. ס'האָט זיך נאָר געהערט, ווי ברוסטן האָבן שווער געאָטעמט און ווי איבער דער וואַנט האָט עטלעכע מאָל גרילצנדיק אויסגעשריען די אויסטיטי. און פּלוצלונג האָט אַ דו־נערדיקער געלעכטער פֿאַרטרייסלט די ווענט. אופֿגעבויגן אין דרייען, האָט דין געלאַכט דער קלייניקער זשאָרזש קריקי און די פּרישטשיקעס אַף זיין פּאָנים זיינען פֿון טונקל־רויטע געוואָרן בלייך־ראָז. ס'האָט געלאַכט דער אויסגעזעצטער־צאָן אַליין אויך, צוקנדיק מיט די פֿעסטע אַקסלען:

— אָט דאָס איז אַ פֿאַרטיידיקער!

— דער וועט שוין באַוועלענען ניט לאָזן!

— און וויפֿל יאָר איז דיר, באָכער?

דעם אויסגעזועצטן-צאָנס שווערע האַנט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַף זשאַנס אַקסל. אָפּווישנדיק די טרערן, וואָס זיינען אים געקומען אין די אויגן פֿון לאַכן, האָט דער אויסגעזועצטער-צאָן געזאָגט:

— אַדאַנק, קליינער. פֿון דיר וועט אַרויסקומען אַן ערלעכער כאָוועך. קום צו מיין טישל, איך בין מעכאַבעד.

ווען דער קריגעריי האָט שוין קיינער מער ניט געטראַכט, איבערוואַרפֿנדיק זיך מיט וויצלעך, אַזוי ווי מיט פּילקעס, האָבן זיך אַלע צוועצט אַף זייערע ערטער. דער אויסגעזועצטער-צאָן האָט אַוועקגעזעצט זשאַנען לעבן זיין טישל און באַשטעלט פֿאַר אים אַ באָקאַל מאַלינע-סיראָפּ. ער האָט מער ניט געלאַכט. ער איז ווידער געווען פֿאַרכמורעט און האָט ווייניק גערעט. צ־ריינגע־לאָזן די אויבערשטע ליפּ אינעם סיראָפּ, איז זשאַן געזעסן אַנטקעגן אים און האָט געקוואָלן פֿון נאַכעס, וואָס אַזאַ העלדישער יאַט באַגייט זיך מיט אים, ווי מיט אַ גלייכן.

פֿון דעם אָוונט אָן האָט זיך צווישן זשאַנען מיטן אויסגעזועצטן-צאָן פֿאַרקניפּט אַ פֿעסטע פֿריינטשאַפֿט. אין יענעם אָוונט, אינעם טומלדיקן און רויכיקן שענקל „מאַטראָסנפֿרייד", האָט דער אויסגעזועצטער-צאָן געזאָגט זשאַנען, אַז אין דער גאַנצער גרויסער וועלט האָט ער ליב בלויז איין זאַך:

— רעוואָלוציע.

און בא זשאַנען האָבן זיך געעפֿנט די אויגן. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער סעריניאַק איז ניט פּאָשעט אַ גראָבער, פֿאַריסענער מענטש, אַף וועמען מ'דאַרף פֿאַרגעסן. דער סעריניאַק און זיין גלייכן זיינען פֿאַרביסענע סאָנים, מיט וועלכע מ'דאַרף קעמפֿן. ווי קעמפֿן?

— דורך רעוואָלוציע, — האָט געזאָגט דער אויסגעזועצטער-צאָן.

און זשאַן האָט אים אָנגעקוקט מיט גליענדיקע אויגן.

V

דער אויסגעזעצטער-צאָן האָט באַשלאָסן צו אַנטלויפֿן קיין רוס-לאַנד.—אָפֿן יאָט אינטער אַ זעגל.—פֿאַרוואָס שלאָגן זיך די רוסישע אַרבעטער?—ניט גוט צו באַגעגענען אַן אַבאַט.—דער אויסגעזעצטער-צאָן האָט געזאָגט: „געפֿונען!"

פֿון טאָג צו טאָג איז פּיער רעבו געוואָרן אַלץ מאָרעשכוירעדיקער: זיינע געשעפֿטן זיינען אַוועק שלעכט. גאַנץ פֿריִ, ווען אין „מאַטראָסנפֿריינד" פֿלעגן נאָך די לאָדן ניט זיין געעפֿנט, פֿלעגט ער אַוועקגיין אין שטאָט, און קומען פֿלעגט ער שפּעט באַנאַכט, אַ פֿאַרמאַטערטער, אַ צורייצטער און אַ הונגעריקער.

אַן אומעטיקער פֿלעגט ער זיך דאַן זעצן צום טיש, אָנשטאָפּן די ליולקע מיט ביליקן בייסיקן קאַפּאַראַל און צולאָזן זיך מיט אַ גאַנצן שטראָם בייזע און גאַליקע רייד:

— באַ, אינם היינטיקן פֿראַנקרייך איז פֿאַר אַן ערלעכן מענטשן ניטאָ פֿונוואַנען צו לעבן! צו אַן אַרבעט איז ניט צוצוקומען—אַלע שטעלעס זיינען אָנגעשטאָפּט מיט אונטערלעקער און מיט גווירישע לאַקייען. צו אַלדע שוואַרציאָר! צייט געווען שוין אונדז אויך קומען צום סיכל, ווי אונדזערע רוסישער כאַווירים. איך, דער זון פֿון אַ פּאַריזשער קאָמונאַר, דאַרף אָפּשלאָגן די טירן בא דידאָזיקע פּאַצוקעס, וואָס זיינען פֿעט געוואָרן פֿונם שווייס און בלוט פֿון די האָרעפּאַשניקעס.

ער פֿלעגט קיינמאָל אַזויפֿיל ניט ריידן. ער איז געווען אויפֿגערעגט און שטאַרק פֿאַרביטערט. זשאָרזש קריקי פֿלעגט דאַן, קעדיי דעם פֿריינט זיינעם אויפֿצומונטערן, צוגריפֿנעמען אין צימער זיינע אַלע כאַיעס און נעמען מיט זיי איסיקן: די קעץ פֿלעגן שפּרינגען דורך רייפֿן, די אייסטיטי פֿלעגט פֿאָרשטעלן אַ שיקערן קאַפּראַל, די הינט פֿלעגן מיט פֿריילעכן געביל אויסטאַנצן מאָדישע טענץ.

פּיער רעבו איז געווען ניט צו טרייסטן.

שפעט אינאָזונט האָט צו אים אָנגעהויבן אַריינגיין דער אויס-געזעצטער-צאָן.

ער האָט געזאָגט:

— וזשאַן איז מיין פריינט,—ווער ווייס, עפשער האָט ער מיך געראַטעוועט פון טויט? וויל איך זיין א פריינט פון זיינע עלטערן אויך.

געווען איז ער אַ רוסישער סאָלדאַט.

ווייט—הינטער איטאַליע, הינטער טערקיי, הינטערן שוואַרצן יאַם, צווישן די געלע פעלדער פון ריאַזאַנער גובערניע איז גע-לעגן פאַרוואָרפן זיין היימיש דערפל.

עך! דאָרטן בלאָזן זיך אינם קאָרן די קעפלעך פון די קאָרנ-בלומען, הודיעט דער ווינט אין די בעריאָזע-וועלדלעך, און אין דאָרף, באַגינען, קרייען הילכיק און קלינגעדיק די הענער. ווער קאָן וויסן, צי ווער פון זיין מישפּאָכע איז נאָך אַף דער ווייסער וועלט פאַרבליבן?

דער אויסגעזעצטער-צאָן איז געבאָרן אין אַ דערפל, וואָס האָט זיך איינגעטיליעט אין אַ פּאַרטיפונג ניט ווייט פון דער אַייזנבאַן-קאַזאנקע. זיין קינדהייט איז געווען אַ וואָרגלאָזע—ווינטער א שליטל, אַ פעסטער שלאָף אַפן אויוון, זומער—אַ טייך, באָדן זיך, פיש כאפן. און אַז ער האָט געגומען אונטערוואַקסן, האָט ער ארום זיך דערזען פרעסקיים, שמוץ, פינצטערקייט, שיק-רעס.

אַ כאַיעשן לעבן האָט דאָס דאָרף געלעבט אין דער צאַרישער צייט, די אוראַדניקעס האבן געוועלטיקט, די גייסטלעכע האָבן געטריבט.

אַלס ייִנגל נאָך געדענקט דער אויסגעזעצטער-צאָן, ווי מ'האָט אין דאָרף ציגש געגומען. דער פאָטער איז געזעסן אַף דער באַנק, אומעטיק אראָפּגעלאָזן דעם צעפּודלטן קאָפּ אַף די הענט, די מוטער האָט טרויעריק געיאָמערט אין ווינקל.

זיינען אריין דער סטאַרשינא, דער דעסיאַטניק, דער אוראַדניק.

טרייסלענדיק די גראָבע רויטע באַקן, האָט דער אָפּגעפּרעסטע־נער אוראַדניק דונערנדיק געשריען:

— וואָס, דו פּעל געשוינדענע, ווילסט פּרוּווסטו זיך אַרויס־דרייען פון צינס?

דער פּאָטער האָט זיך אויפגעהויבן. אַ וואָרף געטאָן אָן דער ערד די היטל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט און קווייטשיק אַנטקעגנגעשריען—אַזוי קאָל האָט ער נאָך באַם פּאָטער ביז אַהער קיינמאָל ניט געהערט:

— איך האָב אַ גאַנצן ווינטער אַ קאָפּיקע אין די אויגן ניט אָנגעזען! ס׳ איז אַ קוק אין שייער—איינע שטרוי. וואַלגערט זיך דאָרטן צודריבלטע! נאַ, טרינק מיין בלוט, אויב קיין געווינסן איז באַ דיר ניטאָ!

— דו זינגסט שוין קלאָגלידער! — האָט דער אוראַדניק נאָך העכער זיך צושריען, אַריבערשרייענדיק דעם פּאָטער, און זיינע וואָנצן, האַרטע, אַזוי ווי כאַזערהאָר, האָבן זיך אַרופּגעהויבן צום נאָז.—ס׳אַראַ זשוליק אַ פויער דאָס איז. ען, ס׳אַרא נעבעכקע ער

מאַכט זיך! אַף שיקערן איז געלט מיסטאמע שטענדיק פאַראַן! און אויב דו ווילסט ניט מיט גוטן, וועל איך נעמען איבער גוואַלד. כעוורע, נעמט באַ אים צו די קו!

די מוטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דר׳ערד און זיך גענומען שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט. דער פּאָטער איז געוואָרן גראָ אין פּאָנים און קוים אַרויסגערעט:

— די לעצטע.

און פּלוצלונג, צוכליפּענדיק זיך, ווי אַ ייִדענע, האָט ער אָן באַזינונג אַ טראָט געטאָן צום אוראַדניק. דער אוראַדניק האָט אויפֿגעהויבן זיין געזונטן, אַף רויט אָנגעפּראָרענעם פֿויסט.

— איכל ניט לאָזן שלאָגן דעם טאַטן! — האָט דאָס ייִנגל אַרויסגעקוויטשעט און זיך אַ וואָרף געטאָן צווישן זיי. דער זעץ איז אויסגעקומען אים אין פּאָנים. פֿון די דיאָסנעס האָט אַ שפּאַר געטאָן בלוט, און ער האָט וויינענדיק אַרויסגעכראַקעט די אויסגעשלאָגענע ציינער.

פֿון דער צייט אָן האָט מען דעם ייִנגל אַ נאָמען געגעבן „אויסגעזועצטער-צאָן".

אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען נעכטן, געדענקט דאָס אַלץ דער אויסגעזועצטער-צאָן קלאָר און שמערצלעך. פֿון דערזעלבער צייט אָן האָט אין דעם ייִנגלס נעשאָמע גענומען וואַקסן אַ טעמפּער האַס צו אַלעמען, וועמען ס'איז אין לעבן געגעבן געוואָרן די מאַכט צו אונטערדריקן, צו שלאָגן און צו רויבן.

דאָס לעבן אין דאָרף איז געוואָרן אַלץ שווערער. דאָס ייִנגל האָט גענומען גיין אין שול. דאָרטן איז געווען אַ לערערן אַ קליינינקע, אַ ווייסינקע, אַ שוואַכינקע. זי האָט דעם ייִנגל ליב געהאַט, ווייל ער פֿלעגט גוט באַנעמען — און אינגיכן איז דער אויסגעזועצטער-צאָן געוואָרן דער געלערנסטער אין גאַנצן דאָרף. דעם פֿאָטערס באַלעבאַטישקייט איז אָבער מיט יעדן טאָג געגאַנגען אַף ערגער און ערגער. די אָרעמקייט האָט מיט איר טרוקענער קליע אָנגעקלאַפּט אין צוקרימטן טויער פֿון זייער הייזל.

דאַן איז געוואָרן באַשלאָסן אָפּצושיקן דאָס ייִנגל צו אַ פֿעטער אין מאָסקווע אַף איינאָרדענען אים צו אַ מעלאָכע.

האָט די מוטער געפּלאָנכעט, און דער פֿאָטער האָט באַם געזעגענען געזאָגט:

— זע, דו זאָלסט דאָרטן אין מאָסקווע ניט ווערן צולאָזן, וואָרעם זי, די שטאָט מאָסקווע, איז אַ בייזע שטאָט, וועסט אונ-

פּערוואַקטן, וועסט מיר, דעם פֿאָטער דיינעס. אַ הילף זיין און אַ שפּיזער.

דער פֿאָטער האָט געאַרבעט אַלס אַ זעצער אין דער דרוקעריי, וואָס אויף דער דריטער מעשטשאַנסקער גאַס. דעם פּלעמעניק האָט ער איינגעאָרדנט אַלס לערניינגל. דאָ פֿלעגט דאָס יינגל פֿון אינדערפֿרי ביז אינאָוונט שלעפּן די ברעטלעך מיטן זאַץ, דערלאַנגען פּאַפּיר צו דער מאַשין, באַם פּרעס מאַכן אָפּדרוקן פֿון שפּאַלטן זאַץ. מאָסקווע האָט אים פֿארטריבט—דאָ איז ער זיך אויסגעקומען גאָר קליין און נישטיק.

ס'זיינען אָנגעקומען מוירעדיקע טעג—דאָס יאָר 1905.

ווען אויף די מאָסקווער גאַסן האָבן אַ הילך געטאָן די ערשטע זאַלפּן, איז דעם אויסגעוועצטן-צאָן נאָר וואָס געוואָרן עלף יאָר. אין דער דרוקעריי האָט מען גערעט, אַז דאָס פֿאָלק איז אויפֿגעשטאַנען קעגן קייסער, אַז אַלע דאַרפֿן אַרויס אויף דער גאַס. אויף די ראָגן האָט מען אומגעוואָרפֿן טראַמוואַי-וואַגאָנעס, אָנגעשלעפּט קלעצער, איבערגעקערט דראָשקעס, געבויט באַריקאַדן. איבער געדיכטע מאַכנעס אַרבעטער האָבן געפֿלאַטערט רויטע פֿאָנען.

און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די טעג פֿונם אויפֿשטאַנד, וועלכן די צאַרישע גענעראַלן האָבן דערשטיקט.

די קאָזאַקן האָבן געשלאָגן די רעוואָלוציאָנערן. אין שטאָט זיינען אַוועק טרייפֿעס. דעם פֿעטער האָט מען פֿאַרזעצט אין טורמע, די דרוקעריי האָט מען צייטווייליק פֿאַרמאַכט. דער אויסגעוועצטער-צאָן האָט נים געהאַט, וווּ זיך אַהינצוטאָן, האָט ער אויסגעוואַרט, ביזוואַנען ס'האָט זיך איינגעשטילט דאָס ווילדעווען פֿון די קאָזאַקן, און איז אַוועקגעפֿאָרן אַהיים.

אַהיים איז ער געפֿאָרן מיט אַ שווער געמיט. עפּעס אַזוי ווי ס'וואָלט אָנגעשטאַנען אַן אייביקע נאַכט, און קיין שיין פֿון ערגעץ איז נים צו זען. דאָס פֿאָלק איז ווידער געווען פֿאַרשמידט אין קייטן, דער צאַרישער אָרדנונג האָט געזיגט. אין די יאָרן, וואָס ער האָט פֿאַרבראַכט אין מאָסקווע, האָט דער אויסגעוועצטער-צאָן

אַסאַך זיך דערוווּסט, אַסאַך באַגריפֿן. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז ס׳זײַנען פֿאַראַן מענטשן, וואָס גיבן אָפּ זייער לעבן פֿאַר פֿרייהייט און זײַן הייליקסטער פֿאַרלאַנג איז געוואָרן — שטעלן זיך אין זייערע רייען.

אינדערהיים האָט אָבער געוואַרט די נויט. מ׳האָט געדאַרפֿט העלפֿן דעם פֿאָטער אין דער באַלעבאַטישקייט. סײַ אין די שטעט, סײַ אין די דערפֿער זײַנען אַלע געווען אָנגעשראָקענע, אַף די אײַזנבאַן-סטאַנציעס פֿלעגן שטראָף-אָפּטיילונגען צושיסן די אײַזנבאַן-אַרבעטער. פֿון וואַגאָנפֿענצטער האָט דער אויסגעזעצטער-צאָן געזען אין שניי זיך וואַלגערן שוואַרצע טויטע קערפּערס.

האָבן זיך געצויגן יאָרן פֿון שווערן דאָרפֿישן לעבן. דער אויסגעזעצטער-צאָן האָט זיך מיטן לעבן ניט צופֿרידן געגעבן. ער האָט זיך לערנען געוואָלט, און ווען ס׳איז געקומען די צייט, האָט ער פֿון די ערשטע אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אין דער סעמינאַריע, וועלכע גרייט צו פֿאָלק-לערער.

ער איז געגאַנגען גלײַך צום ציל: אַפּריער זיך לערנען, און דערנאָך אַלע קריכעס אָפּגעבן פֿאַר דער רעוואָלוציע. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס פֿאָלק וועט קומען צו זיך, וועט אָנזאַמלען קויכעס און איבעראַנייס אַרויסשטעלן די רויטע פֿאָן.

אַזוי איז אונטערגעקומען די דײַטשישע מילכאָמע. דער אויסגעזעצטער-צאָן איז צוגענומען געוואָרן אין אַרמיי.

אין סאַמע אָנהויב מילכאָמע האָט מען אים אוועקגעשיקט קיין פֿראַנקרײַך, און ער האָט דאָרטן אין פֿרעמדן לאַנד, אינײַנעם מיט זײַן פֿאָלק, פֿאַרטיידיקט די פֿראַנצויזן.

די מילכאָמע האָט זיך אָבער געענדיקט. אַף די פֿראָנטן האָבן אויפֿגעהערט צו הוקען די האַרמאַטן. אין רוסלאַנד האָט זיך צופֿלאַקערט און איז אוועק אין זיגרײַכן גאַנג די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע. און זיי, די רוסישע סאָלדאַטן, האָבן די פֿראַנצויזן נאָך אַלץ געהאַלטן בא זיך. אין רוסלאַנד חאָבן זיך די רוסישע אַרבעטער און פּויערים אונטער דער רויטער פֿאָן געוועדט קעגן

דעם גענעראַל דעניקין און דער אויסגעזועצטער-צאָן האָט גע-
שמאַכט אין פראַנקרייך, ווי אַ געפאַנגענער.

דער אויסגעזועצטער-צאָן האָט ניט געוואָלט און ניט געקאָנט
וואַרטן. ער האָט צוגערעדט די כאַווײרים צו אַ בונט. די רוסישע
סאָלדאַטן האָבן געפאָדערט בײַ דער פראַנצויזישער מאַכט, מ׳זאָל
זיי שיקן אַפּשיקן צוריק אין זייער רעוואָלוציאָנערער היים. די
פראַנצויזישע מאַכט האָט אָבער מוירע געהאַט פאַר דער רוסישער
רעוואָלוציע און זי געהאַסט. צו הילף דעם גענעראַל דעני-
קין האָבן זיי געשיקט זייער פלאָט אין אָדעס און אין נאָוואָראָסייסק.
און די אומרויִקע רוסישע סאָלדאַטן האָט זי באַשלאָסן אָפּצושיקן אין
אַפריקע, אין אַ קאָלאָניע, וווּ דאָס פראַנצויזישע כאַיעל האָט גע-
האַלטן אין דער מוירע די דאָרטיקע איינגעבאָרענע.

דער אויסגעזועצטער-צאָן האָט ניט אויסגעהאַלטן.

ווען מ׳האָט די סאָלדאַטן שוין אָנגעלאָדן אַפן טראַנספאָרט-
שיף, איז ער אַנטלאָפן. אויסבאַהאַלטן האָט ער זיך אין די פאַר-
וואָרפענע ווינקלען לעבן מאַרסעלער האַפן און געשפּייזט האָט ער
זיך דורך שווערער אַרבעט דאָרטן גופא, בײַם האַפן. אַף אַ וויאָרסט
פלעגט ער אויסמײַדן יעדן פּאָליציאַנט. אין האַפן האָט געקאָכט
דער האַנדל. יעדן טאָג פלעגן צו די לאַנדונג-פלעצער צופאָרן
שיפן אונטער פראַנצויזישע, איטאַליענישע און ענגלישע פלאַגן.
שטופנדיק זיך צווישן די מאַטראָסן, פלעגט דער אויסגעזועצטער-
צאָן זיך צוקוקן צו די אָפגייענדיקע דאַמפּפערס.

ער האָט באַשלאָסן צו אַנטלויפן קיין רוסלאַנד.

ווען דעם אַלץ פלעגט דער אויסגעזועצטער-צאָן לאַנג שמועסן
מיט רעבו אין ציבערל לעבן שענק. ווען די געסט פלעגן זיך שוין
צוגיין און זשאָרזש קריקי מיט יוליען פלעגן צונויפנעמען אין אַל-
מער אריין די אויסגעוואַשענע גלעזער און אויסקערן די פאַרברו-
דיקטע פאָדלאָגע.

בײַטאָג, ווען עס פלעגט זיך אַמאָל ניט מאַכן אין האַפן קיין
אַרבעט, פלעגט דער אויסגעזועצטער-צאָן אַריינגיין נאָך זשאַנען,

און זיי פֿלעגן איבערנעמען, ווי כאַווערים, אָוועקגיין צום יאַם. ווי אַ רויִקער בלאָיִלעכער ליילעך איז דער יאַם געלעגן אויסגעשפּרייט הינטערן מאָל, וויגנדיק אַף זיך די לייכטע פֿישער-זעגלער, וואָס פֿלעגן אַוועקשווימען ווייט אַפֿן האָריזאָנט. בײַ אַ באַקאַנטן פֿישער פֿלעגן זיי נעמען אַ שיפֿל, אָנשטעלן אַ זעגל, דער לייכטער ווינטל פֿלעגט אים אָנבלאָזן, דאָס זאַלציקע וואַסער פֿלעגט רוישן בײַם שפּיץ פֿון שיפֿל — און זיי פֿלעגן זיך טראָגן אַנטקעגן דער ווייס-צעשפּרייטער ראַכוויטע פֿון יאַם, אַהין, וווּ עס גיסן זיך צונויף דער הימל מיטן יאַם און דער יאַם מיטן הימל — גליקלעכע מיט זייער איינזאַמקייט אין דער ברייטער וואַסער-וויסטעניש.

אָפֿטמאָל פֿלעגן זיי אַפֿן יאַם אַרייַנקומען אין אַ שטיל. דער זעגל פֿלעגט אַראָפּהענגען, ווי אַ שמאַטע. אַפֿן גלאַנציקן יאַם-פֿלאַך פֿלעגט אין טויזנטער צונויפֿגעגאָסענע פֿייערלעך זיך שפּיגלען די זון. זיי פֿלעגן זיך אויסטאָן נאַקעט, אונטערשטעלנדיק זייערע קערפּערס דעם אומבאַראַכמאָנעסדיקן ברען פֿון דער זון. און פֿלעגן זיך-אויסציִען אַף דער דעק פֿון שיפֿל.

דער הימל פֿלעגט איבער זיי אויסקומען, ווי אַן איבערגעקערטע שיסל, געפֿאַרבט אַף הימלבלאָ.

פֿאַטשנדיק זיך איבער דער פֿאַרשוויצטער באַוואַקסענער ברוסט, פֿון וועלכער עס האָט געשמעקט מיט געזונטן, פֿאַרהאַרטעוועטן קערפּער, האָט דער אויסגעזוזעצטער-צאָן געזאָגט:

— ניט דאָ, קליינער, דאַרפֿן מיר איצט זײַן. אין מײַן היימלאַנד איז אַ רעוואָלוציע. דאָס פֿאָלק האָט זיך אופֿגעהויבן פֿרייהייט זיך אויסצוקעמפֿן, און איך דאַרף דאָך זײַן מיט זיי אינאיינעם, ווייל איך בין דאָך אויך פֿונעם פֿאָלק. די מילכאָמע האט מיך פֿאַרוואָרפֿן קיין פֿראַנקרייך, — ווען דו וואָלסט וויסן, ווי איך רייס זיך אַהין, צו זיי, און אויך צוצושטיין צו דער רעוואָלוציע! אַלס ייִנגל האָב איך געזען די רעוואָלוציע פֿון פֿינפֿטן יאָר, — איך בין אָבער דאַן געווען אַ קליינער, אַזאַ ווי דו. נאָכדעם האָב איך זיך

אַסאַך געלערנט. איצט האָלט איך אויך קאָנען שטעלן זיך פֿאַר דער פּאָלקאָווניק. עך, קליינער, צי קאָנסטו דאָס פֿאַרשטיין, ווי מיר בייסן די הענט!

זשאַן האָט ערנסט געקוקט אויף אים, אָפּן גלאַנציקן פּאַס פֿון זיינע ציינער, ווי צווייג האָבן געפֿעלט, און געזאָגט:

— איך קאָן דאָס פֿאַרשטיין, אויסגעוועצטער-צאָן.

דיין זיידע, זשאַן, איז געווען אַ פּאַריזשער קאָמונאַר. דיין זיידע איז געווען איינער פֿון די, וועלכע האָבן קימאַט מיט הונ-דערט יאָר צוריק אויפֿגעהויבן אין פֿראַנקרייך אַן אויפֿשטאַנד פֿון באַרבאַקעס. די גענעראַלן האָבן זיי אָבער דערשטיקט. די פּריצים — די דאַמלסטיקע זיגער — האָבן איבער זייערע קערפּערס זייער האָט געוועטיקט. און יעצט לעבט אין אייער רעפּובליק דער האָרעפּאַש-ניק אויך אַזוי שווער, ווי פֿאַר די קעניגן. וואַרט! דאָס, וואָס אייערע זיידעס האָבן אָנגעהויבן, וועלן מיר, די רוסישע אַרבעטער און פּויערים, פֿאַרזעצן. דער גאַנצער וועלט וועלן מיר ברענגען פֿרייהייט. וואַרט, וואַרט!

אויפֿהייבנדיק זיך אויף די קני, האָט דער אויסגעוועצטער-צאָן זיך געשלאָגן מיט דער פּויסט אין האַרצן, און פֿון די דיראַזיקע קלעפּ זיינען אָפּן קערפּער פֿאַרבליבן רויטע פֿלעקן. זיינע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפֿנט, פּונקט ווי ער וואָלט זען עפּעס וווּנדערבאַ-רעס.

— האָב צייט — עס וועט אין רוסלאַנד קיין איין פּיצל ערד ניט בלייבן, ווו ס'זאָלן קרעכצן פּויערים, און קיין איין שטעטעלע, ווו אַרבעטער זאָלן ברעכן די רוקנס צוליב דער גוויריש קע-שענע! האָב צייט, — עס וועט אין דער גאַנצער וועלט קיין איין פֿאַרשקלאַפֿטער קנעכט ניט בלייבן! זאָלן נאָר זיין אַלע צונויפֿגע-גאָסן, אינאיינעם. עך, יאַטל! זעסט — מיר פֿעלן צוויי ציינער: איך בין געווען אויכעט אַזאַ סמאַרקאַטש, ווען דער אוראַדניק האָט מיר זיי אויסגעזעצט דערפֿאַר, וואָס מיין פֿאָטער האָט ניט גע-קאָנט באַצאָלן אין דער צייט די צינזן. דעם האָרעפּאַשניק איז

שווער צו לעבן אױף דער וועלט, יעדער איינער פֿון אונדז האָט זיך זיין צאָרע, אונדז אלעמען אונטערדריקן די שטארקערע. און שטאַרקער איז היינט דער, וועך עס פֿאַרמאָגט געלט וואָס מער. אין דער גאנצער וועלט זיינען מיר די פֿארברעכטע און די געיאָגטע. פֿאַרגעדענק זשע, יאַסל, דעם נאָמען פֿון דעם גרויסן מאָן, וועלכער שטעלט זיך איין פֿאַר אונדז און וועלכער פֿירט אונדז צו פֿרייע שלאכטן. דעדראָזיקער נאָמען איז — לענין. יענעם אָוונט, ווען דו האָסט זיך פֿאַר מיר אָנגענומען, האבן מיר די מאַטראָסן פֿאַר דעמדאָזיקן נאָמען שיר נים צעמאזיקט. אָט זיינען זיי שויטים! אַזוי ווי די באַראַנעס האָט מען זיי געפֿירט אױף מיל-כאָמע און איצט וועט מען זיי, אויך ווי באַראַנעס, שיקן צו די ברעגן פֿון רוסלאנד שיסן אין די רוסישע רעוואָלוציאָנערע אַרבע-טער. זיי וועלן אָבער קומען צום סייכל, זיי וועלן קומען, גע-דענק מיין וואָרט, זשאַן!

אַ צוהיצטער האָט ער זיך אויסגעצויגן אױף דער דעק פֿון שיפֿל אין זיין גאַנצער לענג, פֿאָכנדיק מיט זיינע פֿאַרברענטע שטאַרקע הענט, ווי אַ ווינטמיל.

און פלוצלונג האָט ער געזאָגט מיט אַ גוטמוטיקן, געלעכטער-דיקן טאָן.

— מיילע, דו האָסט נאָך ווייניק וואָס געזען אױף דער וועלט. עי, הויב נאָר אויף דעם זעגל, אַ ווינטל האָט זיך אויפֿגעהויבן!

אָנציִענדיק די פון נאַסקייט גליטשיקע שטריק, האָט זשאַן פֿון דער זייט אַלץ געכאַפּט אַ קוק אױפֿן אויסגעזויצטן-צאָן. ער האָט געקוקט אױף אים, ווי אױף א מענטשן פֿון אַן אַנדער וועלט — אַזעל-כע ווערטער האָט מיט אים נאָך קיינער נים גערעט: נים די מו-טער, נים דער לערער אין קאלעוש, נים אַפֿילע דער פֿאָטער. די קני האָבן אָנגענעם געגאָיעט. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט, ווי דער גרויסער זייגער אױפֿן שטאָטישן ראַטהויז. אָט, דאָס איז שוין איינ-מאָל אַ מענטש!

זשאַן האָט געזאָגט:

הער נאַר, אויסגעוועצטער-צאַן. נעם מיך מיט קיין רוסלאַנד.
— דיך? נאָך וואָס?
— איך וויל זיך אויך שלאָגן פאַר דער רעוואָלוציע!
דער אויסגעוועצטער-צאַן האָט געלאַכט. ס׳איז אָבער געווען קענטיק, אַז ער איז צופרידן.
— שלאָגן זיך פאַר דער רעוואָלוציע, וואָס, איז ניט קאַסטאַניעס אָפּבאַקן.
— איך ווייס — האָט וואָס געזאָגט באַליידיקט — נעם ניט מיט, אויב דו גלויבסט ניט.
דער אויסגעוועצטער-צאַן האָט אים ליבלעך א טרייסל געטאָן פאַרן הוילן אקסל.
— ע, דו קאָנסט זיך דאָך באַליידיקן אויך, קליינער! נו, באַטראַכט זיך אַליין — טויג דאָס? מיר זיינען דאָך ביידע, קאָן מען זאָגן, כאַוויירים ביזן קייווער. אָט ווארט, האָב צייט, מירן די זאַך באטראַכטן.
זיי האָבן זיך צוריקגעקערט אין האַפן.
פונדאַנען, פון יאַם, האָט זיך, ווי אַף דער האַנט, געזען די שטאָט א צוגעטוליעטע צום יאַם לעבן די בלאָ-ליך-גרינע אָפּצווייגן פון די פראַוואַנסער אַלפּן. אפן אויסערן רעיד האָבן אומבאַוועגלעך געדרעמלט די גראָע לאַנגע גופן פון די קריגשיפן. נידעריק איבערן וואַסערפלאַך האָבן זיך, רויִק זוכנדיק, אומגעטראָגן מעיון, און אָפטמאָל האָבן אין ווייערע שנאָבלען געגלאַנצט די שופן פון די געכאַפּטע קליינע פישלעך.
אין יענעם טאָג האָט פיער רעבוּ זיך פרי צוריקגעקערט פון שטאָט. אַף זיין געלן פּירקאַנטיקן פּאָנים האָבן זיך נאָך קיינמאָל ניט געלייגט אזוינע ביטערע קנייטשן. א סאָף, ניטאָ מער וואָס צו זוכן קיין ארבעט אין מאַרסעל! נאָך צוויי וואָכן און זיין גאַנץ ביסל אָפּגעשפּאָרטע געלט וועט צוגיין, ווי פרילינגשניי אַף דער זון. יוליע נעבאַך וועט שטאַרבן פאַר הונגער און וועט אוועק איבער די הייזער. און ער, פיער רעבוּ, דער בעסטער

קוכער אין מאַרסעי און איינער פֿון די בעסטע אין גאַנץ פֿראַנק־רייך, וועט זיך פֿאַר צאָרעס אַראָפּוואַרפֿן פֿון מאָל אין יאַם אַריין און אים וועט אַ האַיפֿיש איינשלינגען! אַ פֿאַרשאָלטן לעבן און פֿאַרשאָלטענע מענטשן, וועלכע פֿאַרמאָגן אויך אַזוי־פֿיל האַרץ, וויפֿיל אין דער סאַכאַרע איז וואַסער פֿאַראַן!

מיט אַ שמערצלעכן אויסדרוק אױף פּאָנים איז יוליע צוגע־גאַנגען צו אים און אים געהאָלפֿן אַראָפּשלעפּן דעם פּידזשאַק פֿון די פֿאַרשוויצטע אַקסלען. זי איז געווען אַבערגלויביש, ווי אַלע פּאַשעטע פּראָוואַנסערנס.

— אַז מ׳חיל געפֿינען גליק, — האָט זי געזאָגט טרויעריק — מוז מען זיך אַ וויילינקע אָנהאַלטן אָן הויקער פֿון אַ האַרבאַטן קריפּל. דאָס איז דער סאַמע ריכטיקער מיטל. און ווײַטער ווייס איך אײַך, פֿאַרוואָס אונדז גליקט ניט. פּאַריקן כוידעש האָב איך אין גאָס באַגעגנט אַן אַבאַט. און דאָס איז אַ סימען אױף שלעכטס. ווען מען באַגעגנט אַן אַבאַט, מוז מען זיך טײַקעף אָנכאַפּן אָן עפּעס אַן אײַזערנע זאַך, דאַן גייט דאָס אומגליק פֿאַרבײַ. און איך האָב גאָרניט ניט געהאַט קיין אײַזערנס, לאַבסאָלוטן גאָרניט, דאָס בין איך שולדיק, פּיער.

די גוטע פֿרוי איז שוין גרייט געווען זיך צו באַגיסן מיט טרערן און האָט שוין די האַנט אין קעשענע אַרײַנגעשטעקט נאָכן נאָזטיכל. דאָ איז אָבער פּיער רעבו, וועלכער פֿלעגט ניט ווערן אײַנקאַעס אַפֿילע אױף די יול־פֿליגן, אַרויס פֿון די קיילים. זײַן פּאָנים איז געוואָרן אין רויטע פֿלעקן. ער האָט אַזוי שטאַרק אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פֿויסט אין טאַבאַקערקע, אַז ער האָט פֿאַר־בויגן דאָס דעקל מיטן בילד פֿון דער רויטהאָריקער פֿרוי, און אויסשטשירענדיק די אויגן, האָט ער אויסגעשריגן:

— רייד ניט קיין נאַרישקייטן, יוליע, איך בעט דיך! באַ דײַן זון וועלן שוין אינגיכן אָנהויבן וואַקסן וואָנצן, און דו כאַזוערסט נאָך איבער, ווי אַ קליין מיידל, אַלע דאָרפֿישע באָבעמײַסעס! ניט אינם הויקער פֿון דעם קריפּל גייט דאָס און ניט אינם אַבאַט,

וואָס פּלאַנטערט זיך, ווי אַ געשפּאַנטעטער פערד, אין זייגע לאַנגע פּאָלעס. עס גייט אין דעם, וואָס מאַרסעל, גאַנץ מאַרסעל האָט פאַרגעסן מיינע טריופּלען און מיינע מאַיאָנעזן. וואָס וועט איר זאָגן אַף דעם, אויסגעזעצטער-צאָן? און וואָס וועט איר דערויף ענט-פערן, מיין פריינט קריקי?

צוויי אין כאַראַקטער פאַרשיידענע מענטשן. איידער דער אויסגעזעצטער-צאָן און זשאַרזש קריקי, איז נאָר ניט געווען צו געפינען — האָבן זיי ביידע דעריבער פאַרשיידן אויפגענומען דעם אַרבעטלאָזן קוכערס איפגערעגטע רייד.

דער אויסגעזעצטער-צאָן האָט איבערגערוקט די ליולקע פון רעכטן מוילווינקל אין לינקן און אַרויסגערעט קורץ:

— איהו!

אין דער צייט, ווען זשאַרזש קריקי, אַ מענטש אַ באַוועגלע-כער, ווי אַ קוועקזילבער, און אַ באַלגעטון, ווי אַ באַלאַלאַיקע, האָט זיך געגעבן אַ הייב אינדערהויך, אומוואַרפנדיק דעם שטול, ווי אַ גאָרן, זיך איבערגעדרייט אַפן אָרט, טרייסלענדיק מיט די הענט אינדערלופטן און זיך צוטרינן, צוקנאַקנדיק מיטן צונג און גאָרגלענדיק דעם „ר".

— מיין אָרעמער פריינט פּיער, מיין געפאַוולטער פריינט פּיער! וואָס איך קאָן אייך אַף דעם ענטפערן? אויב גאַנץ מאַרסעל האָט פאַרגעסן אייערע מאַיאָנעזן, אייערע טריופּלען און הינדלעך אין פּאַמפּאַס, האָב איך, זשאַרזש קריקי, ניט פאַרגעסן אייער פריינט-שאַפט און וועל זי קיינמאָל ניט פאַרגעסן! לעבט בא מיר, פריינט מיינער, מיט אייער ליבער פרוי, מיט אייער וואָיליקן יינגעלע, און איך און מיינע שטיבכאַיעס, און מיין אויסטיטי וועלן מיט אייך שטענדיק צופרידן זיין!

אַן אויפגערעגטער, אַ צונוימענער, האָט ער אַרויסגענומען אַ רויטן פוליאַרענעם טאַשנטוך, אזאַ גרויסן, אַז מ'וואָלט מיט אים געקאָנט דעקן אַ טיש, און גענומען הילכיק שנייצן די נאָז. די שאַרפע הילכעריי פון זיין נאָז האָבן צורייצט די הינט, און זיי

האָבן זיך צוװאָיעט. יוליע איז שטאַרק ניספּאָעל געװאָרן פֿון זשאָרזש װײך האַרץ, און פֿיער רעבע האָט געזאָגט:

— אַ דאַנק, גוטער ברודער, פֿאַר אַ גוט װאָרט, נאָר פֿאַר מיר איז נאָך צופֿרי צו טראַכטן װעגן באַגאַדעלניעס. איך װעל נאָך מילכאָמע האַלטן. איך װעל נאָך אױף מײַן קאָפּ אָנטאָן אַ קלאָ־רע קוכערשע יאַרמלקע. איך האָב הײַנט אין שטאָט געהערט אַ נײַעס: עטלעכע פֿון אונדזערע אָנגעזעענע פֿאַבריקאַנטן מיט זײַ־רע פֿאַמיליעס אונטערנעמען אַ רײַזע קײַן דאָרעם־רוסלאַנד, אין קרים. זײ האָבן שױן געקױפֿט אַן עלעגאַנטע יאַכטע, װעלכע שטײט פֿאַראַנקערט אין דריטן באַסײַן. דער דאָרעם פֿון רוסלאַנד איז פֿאַרנומען דורכן גענעראַל דעניקין און מיט אים װילן זײ זיך דאָס אױפֿרײדן װעגן צושטעלן פֿאַר דער װײַסער אַרמײ פּראָ־װיאַנט און געװער. איז אַט, אױב די יאַכטע גײט אַרױס אין יאַם, דאַרף דאָך אױף דער יאַכטע זײַן אַ קוכער, ניט אַזױ, מײַנע פֿרײַנט? איז בין איך הײַנט אַװעק צו אײנעם פֿון די פֿאַבריקאַנטן, דעם הער בוקע. האָט ער מיר געזאָגט: „איך האָב געהערט פֿון אײַך, הער רעבו, אָבער װוּ האָט איר די לעצטע צײַט געדינט?“

— „איך האָב געדינט, — זאָג איך, — בײַם הער סערינײַאַק“. „אױב אַזױ, — זאָגט ער, — רעבו, איז װוּ איז אײַער רעקאָמענדאַציע פֿון דעם הער סערינײַאַק?“ באַ, אַ רעקאָמענדאַציע! איך האָב דאָך ניט געקאָנט זאָגן, אַז הער סערינײַאַק, דערדאָזיקער אָפּגעפּרעסענער דאָװאָראַכער, האָט זיך אַרױסגעװאָרפֿן אױף דער גאַס, אָנרופֿנדיק מײַן זון גאַנעװ און מיך אַלײן נאָך אױך צודערצו!

— גאָט מײַנער, גאָט, — האָט יוליע אַרױסגערעדט, װינגנדיק דעם קאָפּ.

זשאָרזש קריקי האָט אױסגעשפּיגן אין װינקל און נאָכדעם זיך געזעצט. ס׳איז געװאָרן שטיל. די הינט האָבן, קראַצנדיק זיך, אונטערגעקװיטשעט. זשאַן האָט אַ קוק געטאָן אָפּן אױסגעזעצטן־צאָן און זיך פֿאַרװוּנדערט איבערן אױסדרוק פֿון יענעמס פּאָנים:

זיין שטערן האָט זיך אויפֿגעקנייטשט, די בלאָע אויגן האָבן זיך האַלב פֿאַרמאַכט—דער אויסגעזועצטער-צאָן האָט אָנגעשטרענגט וועגן עפּעס געטראַכט.

געפֿונען!—האָט ער. אין א ווײַלע ארום געזאָגט מיט אַ רויִקן טאָן.—אָט וואָס, רעבע: מאָרגן וועט אייך הער סערינִיאַק געבן אַ רעקאָמענדאַציע. איך גאַראַנטיר פֿאַר דעם. מיר זײַנען דאָך דאָ אַלע גוטע פֿרײַנט—ניט עמעס?—איז קאָן איך דאָך ריידן אָפֿן? איז אָט וואָס, מאָרגן ברענג איך אייך די רעקאָמענדאַציע, און עס קאָן זיין, אז איך זאָל זיך אליין אויך אײַנאָרדענען אף דער יאַכטע.

פּיער רעבע האָט אומגלויבּיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— מיר איז היינט ניט אין קאָפּ קיין געלעכטערס, אויסגע-זעצטער-צאָן.

— וואָס פֿאַר אַ געלעכטערס!—האָט זיך אָפּגערופֿן אף דעם דער אויסגעזועצטער-צאָן.—ניט איר, ניט איך—ביידע האָבן מיר ניט ליב אָפּוּלע צו ריידן, איז לאָמיר זיך אָפּשטעלן אף דעם: מאָרגן אף דער נאַכט וועט סערינִיאַקס רעקאָמענדאַציע זיין בײַ אייך אין קעשענע.

און ער האָט זיך טייקעף אויפֿגעהויבן און גענומען זיך געזעג-נענען. ארויסגייענדיק, האָט ער אַ ווונק געטאָן זשאַנען. זשאַן איז אַרויס מיט אים הינטער דער טיר.

דער אויסגעזועצטער-צאָן האָט זיך צוגעהאָרכט צו די שמוּ-סען, וואָס האָבן זיך דערטראָגן אַהער פֿון זאַל, דאַן האָט ער זיך אײַנגעבויגן צו זשאַנס אויער און אויסגעשעפּטשעט:

— גרייט זיך, קליינער, איך דאַרף דיין הילף. זיי מאָרגן פּונקט 12 אף דער קרומער גאַס לעבן לײַדיקן פּלאַץ. נעם מיט אַ פּלעשל טינט, פּאַפּיר און אַ גוטן קאָנווערט און קיינעם א וואָרט ניט. אַ קיווער. פֿאַרשטאַנען?

זשאַן האָט שווייגנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

דער אויסגעוועצטער-צאָן איז ארויס אף דער גאַס. איִנגיִכן איז זיין קרעפּטיִקער רוקן, זיינע אונטערזעציקע אַקסלען און זיין קורץ-געשאָרענער קאַרק אונטערן ברעונטענעם היטל פֿאַרשוואונדן געוואָרן הינטערן ראָג. עס האָט זיך בלויז געהערט נאָך דאָס קלאַפּן פֿון זיינע מיט אייזערנע טשוועקעס באַשלאָגענע שטיוול איבער די שטיינערנע טאָוולען פֿונם טראָטואַר

VI

די געוועלטאַט פֿון די פֿראַנצויזישע טעראָריסטן באַמבאַרדירטן פֿאַרניכטער.—א העלבלאָער קאָנייערט מיט א טונקלבלאָען האַנטל. א טויט די, וואָס פֿאָלגן ניט!—ניין, זשאַן האָט ניט טיירע די געשעפֿטנישן ווערן צייטיק.

אַפֿן אַנדערן טאָג, פּונקט אין דער באַשטימטער צייט, איז זשאַן געווען אַפֿן באַשטימטן אָרט.

די קרומע גאַס, וועלכע האָט זיך מיטן מאַירעוודיקן ברעג שטאָט געצויגן אַראָפּ צום יאַם, איז געווען דורכויס פֿאַרבויט מיט נידעריקע, געל-געפֿאַרבטע הייזער, האַלב-איינגעפֿאַלענע און פֿאַרלאָזענע. אין עק גאַס האָט זיך געצויגן אַ ליידיקער פּלאַץ.

דאָ האָבן זיך, צווישן שפּענער און מיסט, געוואַלגערט אַלטע צוטריקנטע פֿעסלעך אָן רייפֿן, האַלב-צופֿוילטע שמאַטעס, פֿאַרשטויבטע פֿלעשלעך — דער אָפּפֿאַל פֿון אַ גרויסער שמוציקער שטאָט. די ווענט פֿון די שכייניִשע הייזער זיינען געווען הויך און האָבן קימאַט ניט דורכגעלאָזן קיין זון. דער אויבערשטער היִלצערנער טייל פֿון פּאַרקאַן איז געווען צופֿוילט און צופֿאַלן אונטערן דראַנג פֿון די יאַמווינטן; דער אונטערשטער געמויערטער טייל איז געווען אויסגעבראָקלט.

זשאַנען איז לאַנג ניט אויסגעקומען צו וואַרטן. איִנגיִכן האָט זיך פֿון הינטער דעם צופֿאַלענעם פּאַרקאַן באַוויזן די נידעריקע געשטאַלט פֿון אויסגעוועצטן-צאָן. ער איז געגאַנגען, פֿייפֿנדיק אַ

וואָלפֿערישע רוסישע לידער, און מאַכמעס ס'האָבן אים פֿאָרנט גע־ פֿעלט צוויי ציינער, איז דאָס פּיפּן אויסגעקומען הויך און וואָ־ לפֿעריש. זיין בלאָע העמדל איז געווען צושפּיליעט, און פֿון אונ־ טער איר האָט אַפּערגעשימערט די גלאַנציקע ברוינע ברוסט, אָ פֿאַרוואָקסענע מיט שוואַרצע האָר.

דער אויסגעוועצטער-צאָן איז היינט געווען פֿריילעך. דערזען וואָלפֿן, האָט ער זיך בריים צושמייכלט. מיט איין שפּרונג, ניט אָנהאַלטנדיק זיך מיט די הענט, איז ער אריבער איבערן פּאַרקאַן און זיך אַ פּאַטש געטאָן איבער די פּאָלקעס.

— דו ביסט שוין דאָ, קליינער? גוט! אָבער וואָס פֿאַראַ טאָג היינט איז! אין אַזאַ טאָג קען מען די גאַנצע וועלט איבערקערן.

ער האָט שטאַרק אַ טרייסל געטאָן וואָלפֿס האַנט, אַזוי שטאַרק, אַז וואָלפֿן האָט דער אַקסל געגומען ווי טאָן. דערנאָך האָט ער אים אָנגעקלאַפּט אין שטערן מיט זיין קורצן, גראָבן און בלאָ־ באַנאָגלטן פֿינגער און געזאָגט:

— אַ קאָפּ האָסטו אַ גרויסן, ווי אַ קירבעס. אין אַזאַ קאָפּ דאַרפֿן געבאָרן ווערן דרייסטע געדאַנקען. איז וואָס, יאַט, ביסטו גרייט אַף אַ העלדישער שטיקל אַרבעט?

— איך בין גרייט די גאַנצע וועלט איבערצוקערן—האָט וואָלפֿ וואָגיק אַרויסגערעט.

— רעכט! און האסטו ניט מורא, מיר זאָלן ניט כאַפּן אָנגע־ בראָכן די ביינער?

— באַ, אָנגעבראָכן די ביינער! אַ פּאָר אויסגעוועצטע ציינער— דאָס איז קיין אומגליק ניט.

כאַ-כאַ-כאַ!—האָט דער אויסגעוועצטער-צאָן זיך שטאַרק צו־ פֿרידן פֿאַנאַנדערגעלאַכט.—בעעבעס, קיין בעסערן כאַוועֶר איז אַף דער גאַנצער וועלט ניט צו געפֿינען! קום, קליינער, לאָמיר צוגיין הינטער יענעם הויפֿן שמאַטעס, אַז קיין פֿייגעלע זאָל אונדז ניט הערן.

זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט הינטער די בערג מיסט און שפּענ-
לעך און אַרומגענומען די קני מיט די הענט. דעם אויסגעזעצטן-
צאָנס הענט זיינען געווען אָדערדיקע, פעסט צונויפגעזעצטע, ווי
בײַ אַ מענטשן, וועלכער הויבט צוויי קילאָ ווי צוויי קאַרטאָפ-
ליעס; זשאַנס הענט זיינען געווען דינע און שוואַכינקע מיט דייט-
לעך-אָפּגעצייכנטע אונטערן הויט בלאָע אָדערלעך. דער אויסגע-
זעצטער-צאָן האָט צונויפגעצויגן די ברעמען. זיינע ווייסלעכע
וויעס האָבן זיך פאַרזשמורעט, און הינטער זיי האָבן זיך, ווי
אין אַ וואַלד, באַהאַלטן די פעסטע בלאָע אויגן.

ער האָט אָנגעהויבן אַזוי:

— דו ווייסט, אַף וואָס פאַר א שטיקל אַרבעט מיר וועלן זיך
באַלד בײַדע לאָזן?

— נו, אַף וואָס פאַר אַ?! מירן גיין קריגן פאַרן פאָטער די
רעקאָמענדאַציע.

— ריכטיק. און ווי וועלן מיר דאָס מאַכן?

— דאָס איז שוין דיין אייסעק.

— אויך ריכטיק. ביסט אַ בראַנד אַ יונגאַטש, זשאַן. איצט
זאָג מיר אָט וואָס: סעריניאַקס הויז און גאָרטן און זיין גאַנצן
הויף קענסטו גוט?

— אַזוי ווי מײַנע אייגענע פינף פינגער.

— און טינט מיט פּאַפּיר האָסטו געבראַכט?

— פאַראַן — האָט זשאַן געענטפערט, ווי ס'ענטפערן די שיפּ-
ליים, און אַרויסגענומען פון קעשענע א קליינינקע פלעשעלע,
פעסט פאַרשטעקט מיט א קאָריקל, אַ בויגן פּאַפּיר און אַ העל-
בלאָען קאָנווערט מיט א טונקלבלאָען קאַנטל.

זיי האָבן זיך אַנידערגעלייגט מיט די בײַכער אַראָפּ. דער
אויסגעזעצטער-צאָן האָט מיט זיין גערונצלטער האַנטפלאַך אויס-
געגלעט דאָס פּאַפּיר, מיט די ציינער געעפנט דאָס פלעשל טינט

און לאנג געריי‌ניקט די פען מיטן נאָגל. דאַן האָט ער איינגע-טונקט אין די טינט די פען, אַ קוק געטאָן, ווי עס גלאַנצט אויף דער שפּיץ און זיך אַ קראַץ געטאָן הינטערן אויער. זיינע מוילווינקלען האָבן זיך אַראָפּגעצויגן אַף אַראָפּ.

פאַרייסנדיק דעם קאָפּ, האָט ז'שאַן נאָכגעקוקט פון דער ווייט.

דער אויסגעוועצטער-צאָן האָט איגט אויבערשטן לינקן ווינקל פונם בויגן געגומען מאַכן פאַסקעלעך. מ'דאַרף רעכענען, אַז דאָס איז געווען ניט גרינג, מאַכמעס זיינע ליפּן האָבן זיך אַלץ מער און מער געקרימט און זיין שטערן און שלייפן האָבן זיך באַדעקט מיט שווייס.

ער האָט אויסגעמאָלט צוויי מענטשלעכע ביינער, געקרייצט איינער איבערן אַנדערן, און איבער זיי — אַ שאַרבן. דאָס איז געווען זייער אַ שרעקלעכער שאַרבן: די אויגנלעכער האָבן אויס-געקוקט, ווי צוויי אָפּענע גריבער און דער צושפּנטער מויל האָט באַוויזן צוויי רייען גרויסע און שאַרפע ציינער, פעסט צוגעפּגע-זשריקטע, אַזוי ווי צוואַנגען.

אונטערן שאַרבן מיט די ביינער האָט דער אויסגעוועצטער-צאָן אויפגעשריבן מיט גרויסע געדרוקטע אויס־עס:

אומדערבאַרעמדיקע געזעלשאַפט פון די פראַנצויזישע טעראָריסטן־באַמבאַרדיסטן־פאַרניכטער.
אַ טויט די, וואָס פאָלגן ניט!
אַ טויט! אַ טויט!

— אויסגעוועצטער-צאָן, איז דען פאַראַן אַזאַ געזעלשאַפט? — האָט ז'שאַן געפרעגט, פילנדיק, ווי מוראַשקעס לויפן אים איבערן רוקן.

דער אויסגעוועצטער-צאָן האָט געענטפערט געלאַסן:

— און אויב ניט, איז דאָס, מיינסטו, אַזוי שטאַרק שווער אויסצוטראַכטן זי פֿאַרן הער סטריגיאַק!

ער האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן, דאַן האָט ער מיט אַן אַנטשלאָסענער מינע גענומען שרײַבן:

„הער רעסטאָראַטאָר סטריגיאַק!

מיר, געהיימניספֿולע און אומגרייפֿבאַרע פֿראַנצויזישע טעראָריסטן - באָמבאַרדיסטן - פֿאַרניכטער, באַפֿעלן אײַך הײַנט, דעם 30-טן אַפּרעל, פּינקט צען אַזייגער אין אָוונט אַרויסגיין אין אַלטאַנקע; וועלכע געפֿינט זיך אינם ווײַטן אַנטלעגענעם ווינקל פֿון אײַער גאָרטן, אַף זייער וויכטיקע אונטערהאַנדלונגען. קיין שום געלט און קאָסטבאַרקייטן מיט זיך נעמט ניט. מיר, פֿראַנצויזישע טעראָריסטן-באָמבאַרדיסטן-פֿאַרניכטער, שטעלן זיך ניט קיין רויבערישע צילן. איר קאָנט קומען אַפֿילע אינם מאַלבוש פֿון אונדזער עלטערפֿאָטער אַדאַמען. דאָס הייסט — אַ הוילער. ווי אָבער וועט זײַן צו אײַך, אויב איר וועט זיך ווי אַ מיעסער פּאַכדן, באַהאַלטן אונטערן בעט און וועט ניט אַרויסקומען! און ווי וועט אויך זײַן צו אײַך, אויב איר וועט דאָס מעלדן דער פּאָליציי! מיר, פֿראַנצויזישע טעראָריסטן-באָמבאַרדיסטן-פֿאַרניכטער, זײַנען אומגרייפֿבאַר, ווי דער ווירבל-שטורם אין יאַם; מיר זײַנען אומפֿאַרווונדבאַר, ווי דער וואָלקן אַפֿן הימל! מיר זײַנען אומעטום, איבעראַל און ערגעץ ניט! מיר דאַרפֿן ניט אײַער לעבן, אָבער פֿאַר אַ האָר ניט פֿאָלגן אונדזער באַפֿעל וועט אײַך טרעפֿן דער טויט!! ערגעץ ניט, הינטער קיין שום ווענט, הינטער קיין שום שלעסער וועט איר זיך פֿון דעם ניט אײַנהיטן! איר, אײַער זון פּאַל און אײַער

רעסטאָראַן וועלן ווערן אָפּגעמעקט פֿון דער וועלט, ווי די פּרייסן!

אומאײַנבעטנדיקע און אומבעראַכמאָ-
נעסדיקע פּראָנצויזישע טעראָריסטן-
באָמבאַרדיסטן-פֿאַרניכטער.

— העלדיש! — האָט שאַן אויסגעשריען, אויפשטרינגענדיק פֿון אויפגערעגטער. — אָט וועט דאָס טערינײַאַק באַקומען אַ באָמבע! ס׳אַראַ ווײַערער פּאָנים בײַ אים וועט דאָס ווערן!

דער אויסגעזיצטער-צאַן האָט זעלבסטצופֿרידן איבערגעלייענט די מעגילה.

שאַן האָט געזאָגט:

— דאָס איז אַלץ גוט, אויסגעזיצטער-צאַן. איך געפֿינען אַ יאָטל, וועט ס׳זאָל אָפּגעבן דעם בריוו, און טערינײַאַק וועט קומען—פֿאַר טוירע וועט ער קומען. אָבער מיך קען ער דאָך, ווי זײַן אייגענע רויטע נאָז!

— דיראָזיקע גאַנצע אַרבעט וועל איך אַליין אָפּטאָן, — האָט דער אויסגעזיצטער-צאַן געענטפֿערט.—דײַן זאַך איז — צו פֿירן מיך אין גאָרטן. און דערנאָך — היטן. ווען מיר פֿאַרשיטן זיך, וועלן מיר שוין ניט אָנזען ניט נאָר רוסלאַנד — זשאָרזש קריקי אָפּילע מיט זײַנע כאַיעס, סאַי די תּיגע, סאַי די אַפריקאַנישע, וועלן מיר שוין ניט אָנזען, דאָס דאַרף ווערן פֿיין אָפּגעאַרבעט, מ׳זאָל ניט דורכפֿאַלן, איז, זאָגסטו, אַז דו האָסט אַ יאָטל? אַ זיכערער?

— ווי דער מאָל פֿון יאַם! אין קאַלעוש האָבן מיר זיך מיט אַ מעסערל איינגעשניטן די הענט און באַם בלוט זיך געשוואָרן אייביקע פֿרײַנטשאַפֿט.

— רעכט: איז ווו איז ער? מ׳דאַרף ניט פֿאַרלירן קיין צייט.

און ווײַלאַנג שאַן איז געלאָפֿן אויפֿזוכן זײַן כאַווער, האָט דער אויסגעזיצטער-צאַן זיך אויסגעצויגן אויף די שפּענדעלעך,

פֿאַרוואַרפֿנדיק די הענט אונטערן קאָפּ. איבער אים, הויך אין הימל, האָבן זיך שטיל געצויגן לײַכטע, קוים באַמערקבאַרע פֿרילינג-װאָלקנס, דער אויסגעזועצטער-צאָן איז געלעגן און געטראַכט וועגן דער היים. ער האָט געטראַכט, אַז פּונקט אַזוינע וואָלקנס שווימען אויך איבער די רוסלענדער פֿעלדער, איבער די ווײַטע צוזשפּרייטע, ניט אַרומצוגעמען מיט די אויגן פֿעלדער, אַף וועלכע עס ליגט נאָך דער לעצטער, בלאָטיקער אַפּרעל-שניי. און פֿאַרמאַכנדיק די אויגן, האָט ער געזען, ווי איבער דירעקטע פֿעלדער, באַדעקט מיט גערונצלטער בלאָטע און מיט פֿערד-מיסט, גייען אַרמיי-אָפּטיילן, סאָלקן, באַטאַליאָנען רויטע מיליטער-אונטער קוילן און גראַנאַטן גייען זיי — אָפּן טויט, אַף אַ העלדישן און שטאָלצן טויט פֿאַר פֿרייהייט פֿון אַרבעט און פֿון לעבן.

ער האָט זיך דערמאָנט זײַן לעבן. ווי ס'איז געווען דורכויס אָרעמקייט, דערנידעריקונג און שפּאָט; די מילכאָמע, די פֿראַנצויזישע שוצגראָבעס, ווו ס'האָט געהערשט סקאָרבוט און טויט, זײַן איצטיקן לעבן פֿון אַ פֿאַרגיפֿטעטן וואָלף, ווען מ'דאַרף ציטערן פֿאַר יעדן זשאַנדאַרם, ווען יעדער מענטש האָט אויסגעוויזן ווי אַ פֿאַרעסער.

אָבער דער אויסגעזועצטער-צאָן האָט ניט געקאָנט זײַן טרויעריק, ער האָט ניט געקאָנט זיך אונטערגעבן. דאָרטן נאָך, אין אַלטן צאַרישן רוסלאַנד, האָט ער געקעמפֿט קעגן דער פֿינצטערקייט, קעגן נויט, קעגן די קלעפּ פֿונעם לעבן, און ווען ס'פֿלעגט טרעפֿן אַ דורכפֿאַל, פֿלעגט ער ניט אַראָפּלאָזן די הענט, נאָר נאָך מער זיך פֿאַראַקשענען.

— מירן נאָך קעמפֿן! — האָט דער אויסגעזועצטער-צאָן זיך געטראַכט. — ס'עט נאָך שײַנען די זון אין אונדזערע פֿענצטער אויך! מײַן גאַנצן לעבן האָב איך בלויז געהאַלטן אין איין פֿאַרקוועטשן די פֿויסטן פֿון כּעס און זיך אַלץ געגרייט צום קאַמף. איצט איז די צײַט געקומען: כ'זאָל נאָר קומען קיין רוסלאַנד!

אין דער צייט, ווען דער אויסגעוועצטער-צאָן האָט זיך אי-
בערגעגעבן צו דידאָויקע געדאַנקען זיינע, איז שאַן צוריקגעקומען.
אַ האלבע שטאָט איז ער אויסגעלאָפן. ביזוואַנען ער האָט געפֿו-
נען זיין כאַוועד. אַלץ איז אָפגעטאָן, וואָס בעסער דאַרף מען ניט.
ווילאַנג שאַן האָט געוואָרט היינטערן ראָג, איז דער כאַוועד דורכ-
געגאַנגען פֿאַרביי רעסטאָראַן און אריינגעוואָרפן דעם בריוו דורכן
אָפֿענעם פֿענצטער פֿון הער סעריניאקס קאַבינעט. ער האָט געזען,
ווי אין קאַבינעט איז באַלד אריין הער סעריניאק אין אַ קאָסטיום
פֿון אַרבעסקאַליר און האָט באַלד טאַקע דערזען אַפֿן טיש דעם
העלבלאָען קאָנווערט מיטן סונקבלאָען קאַנט. די אַרבעט איז,
הייסט עס, אָפגעטאָן—בלייבט מער ניט צו וואַרטן אַפֿן אָוונט.

דעם גאַנצן טאָג האָבן שאַן און דער אויסגעוועצטער-צאָן
פֿאַרבראַכט אינאיינעם. מ׳האָט געדאַרפֿט געניי באַטראַכטן אַלע
איינצלהייטן פֿון דער פֿאַרשטייענדיקער באַגעגעניש מיטן הער
סעריניאַק אין דער פֿאַרוואָרפֿענער אַלטאַנקע. פֿון דעם איז אַלץ
געווען אָפּהענגיק: סאַי דעם פֿאָטערס מאַצעוו און סאַי... רוס-
לאַנד, רוסלאַנד!

דער אָוונט איז אויסגעפֿאַלן אַ קלאָרער און אַ שטילער. אַפֿן
בלאָען הימל האָבן, ווי בלאַנקע קנעפּ, געגלאַנצט די שטערן. די
איינגעזאָינער זיינען ארויס אין די גאַסן כאַפּן אַביסל פֿרישע, אָפּ-
געקילטע יאַמלופֿט. זייערע שטימען און געלעכטער האָבן זיך
הויך צוטראָגן איבער די הילכיקע שטאָטישע געסלעך.

ניין, שאַן האָט ניט מוירע! אויב אין די קני פֿילט זיך אַ לייכ-
טער ציטער, איז דאָס גיכער פֿון אומגעדולד, איידער פֿון אויפֿרע-
גונג. אויב ס׳צאַפּלט זיך דאָס האַרץ, איז דאָס גיכער פֿון הימ-
פֿאַילעס, איידער פֿון פּאַכדאָנעס. זיינע בלייכע באַקן האָבן זיך
באַצויגן מיט אַ רויטקייט, און די ליפּן האָבן זיך צוטריקנט.

גייענדיק טראָט אין טראָט אין פֿולשטענדיקן שטילשווייגן,
ווי מענטשן, וואָס האָבן שוין וועגן אַלץ אָפּגערעט און ווען ס׳איז
בלויז געבליבן אויסצופֿירן דאָס, האָבן זיי זיך גענומען דערנענ

טערן צו הער סעריניאקס גאָרטן דורך אַ שטיל, לײדיק הינ-טערגעסל.

אינם הינטערשטן צימער פֿון „מאַטראַסנפֿרײד" איז געזעסן פֿיער רעבו, דעם קאָפּ אַף די הענט אַראָפּגעלאָזן, אין שטילער פֿאַר-צווייפֿלונג. לעבן אים איז געשטאַנען אַ קופֿל ביר, וואָס יוליע האָט אים אַהער, פֿאַרבײגײענדיק, אַרײנגעטראָגן. פֿיער רעבו האָט זיך צום ביר ניט צוגערירט—דער געלבלעכער שוים האָט זיך אָפּגעזעצט און, ווי אַ שמאָל רײפֿעלע, זיך געלײגט אַרום קופֿל.

דאָס ערשטע מאָל אַף זײן גאַנצן לעבן האָט פֿיער רעבו פֿעסט געזאָגט צו זיך:

— איך בין פֿאַרפֿאַלן. און מײן זון זשאַן און מײן פֿרוי יוליע זײנען אויך פֿאַרפֿאַלן.

און אין דער רעגע, ווען ער האָט דאָס צו זיך געזאָגט, האָט אין דעם לײדיקן הינטערגעסל, וווהין עס קומט אַרויס הער סע-ריניאַקס שטאַנדיקער גאָרטן, זשאַן אָנגערירט דעם אויסגעזעצטן-צאָן פֿאַר דער האַנט און אַרויסגעשעפּטשעט:

— דאָ!

VII

די לעוואָנע איז אויפֿגעגאַנגען.—די טעראָריסטן-באָמבאַרדיסטן פֿאַרניכטער דריקן זיך פֿרײנטשאַפֿטלעך די הענט.—הער סעריניאַק איז גרויס סײַ אין טאַכדאָנעס, סײַ אין דרײסטקײט.—אַ לעקציע פֿון קאַליגראַפֿיע.—וועגן וואָס האָט הער סעריניאַק געטראַכט, קו-מענדיק אַהײם?

קײן טירל איז ניט געווען, די וואַנט איז געווען אַ דורכויסי-קע, פֿון האַרטע גראַניט-שטײנער. דער אויסגעזעצטער-צאָן האָט אָנגעקלאַפּט אין איר מיט זײן ליולקע, אויסקלאַפּנדיק דעם אי-בערגעבליבענעם טאַבאַק. דערנאָך האָט ער, פֿאַרײסנדיק דעם קאָפּ, שטיל געזאָגט:

— גאָרניט מיט גאָרניט: אַ מעטער פֿינף.

— פֿיר,—האָט געזאָגט זשאַן.

זיי האָבן זיך אומגעקוקט, און דאַן האָט זשאַן זיך אַרופֿגע-כאַפּט צום אויסגעזועצטן-צאָן אויף די אַקסלען. אויף דידאָזיקע אַקס-לען האָט מען געקאָנט שטיין אַזוי זיכער, ווי אויף די שטאַפּלען פֿון אַ שטיינערנער לייטער. זשאַן האָט אַרומגעטאַפּט די וואַנט; זי איז געווען נאָך הייס פֿון דער באַטאַגיקער זון, צווישן די שטיי-נער זײַנען געווען לעכער, פֿונוואַנען עס האָט זיך ערטערווייז געבֿרעקלט דער קאַלך:

— נו? האָט געפֿרעגט דער אויסגעזועצטער-צאָן.

זשאַן איז געזעסן אויף דער וואַנט רייטנדיק, ווי אויף אַ פֿערד.

— אַרום איז שטיל,—האָט ער געענטפֿערט.—קריך.

דער אויסגעזועצטער-צאָן האָט זיך אַזוי גרינג אַרופֿגעדראַ-פּעט אויף דער וואַנט, פּונקט ער וואָלט געווען אַ גימנאַסט פֿון צירק. זיי זײַנען אַראָפּ אין גאָרטן. פֿון די שווער שוין מיט בלעטער אָנ-געלאָדענע ביימער איז דאָ געווען אײַנגאַנצן פֿינצטער. ס'האָט גע-שמעקט מיט ערד-פּייטשקעס און מיט נאַסן זאַמד, וועלכער האָט געדיכט באַדעקט די וועגעלעך.

— פֿינצטער, ווי בײַ אַ נעגער אין בויך,—האָט דער אויס-געזועצטער-צאָן געבֿורטשעט—איך וועל זיך דאָ מיסטאָמע אָן ערשטן בוים דעם שטערן צעזעצן. אין אַזאַ כוישעך וועט מען סע-ריגיאַקן פֿון אַ בוים ניט אונטערשיידן.

זשאַן האָט אַ קוק געטאָן אויף אַרויף. די לעוואָנע איז אויפֿגע-גאַנגען, און אָנגעגאָסענע מיט אַ קופּער-רויטן קאַלטן פֿייער. דער הימל האָט גענומען ווערן העלער.

זשאַן האָט געזאָגט:

— די לעוואָנע איז אַרויס, ס'איז ליכטיק.

דער אויסגעזועצטער-צאָן האָט ווידער געבֿורטשעט:

— יאָ, די לעוואָנע, זאָלן די טייוואָלים זי אויף פּיצלעך צו-רייסן! אין אַזאַ נאַכט קאָן אַפֿילע אַ בלינדער זשאַנדאַרם זען אַלץ, אַזוי ווי אויף דער האַנט. די סאַמע פּאַסיקע נאַכט אויף אַן

איבערפֿאַל אױף אַנאַרכיסטן-באָמבאַרדיִסטן. איך קאָן זיך װעטן, אַז דער אָפּגעפּרעסענער גאָנער האָט געשטעלט אױף די פּיס די גאַנצע פּאָליציע, די יאַמפּאָליִציע און די שטאָטישע. עט, װאָס ס'װעט זײַן, װעט זײַן, אױסקלײַבן איז ניטאָ פֿון װאָס — אָדער רױט, אָדער טױט. אַזױ איז דאָס, גוטער ברודערל. איצט שפּיק אָן די אױערן. מײַן אַרבעט װעט זײַן צו טרײַבערן דעם גאָנער, און דו גיב דער־װײַלע אַכטונג אױפֿן געזונטשטײג.

בײַ די װערטער האָט דער אױסגעזעצטער-צאָן אַרױסגענומען פֿון קעשענע אַ שװאַרצע פּאַטשײלקע מיט אױסשניטן פֿאַר די אױגן, נאָז און מױל און אָנגעטאָן דאָס אױפֿן קאָפּ, אױנטערן היטל. אַזױ האָט ער אױסגעזען, װי עפּעס אַ משונהדיקע כאַיע. װעל־כע קומט אַמאָל צו כאָלעם, װען מען לײגט זיך שלאָפֿן אָן װע־טשערע. זײַן נאָז, װאָס איז געװען דורכגעשטעקט דורכן אױס־שניט און פֿאַרגאָסן מיט לעװאָנעשײַן, האָט אױסגעזען װײַס, װי קרײַט.

ער האָט אַ קראַקע געטאָן, אַרײַנגעלײגט די הענט אין די קעשענעס, אַ טרײסל געטאָן מיטן קאָפּ און אָן איבעריקע רײד באַפֿױלן:

— פֿיר!

זײער פּאָרזיכטיק, ס'זאָל אַ צװײגל אונטער די פֿיס ניט אַ קנאַק טאָן, האָבן זײ זיך געלאָזן אין דער טיף פֿון גאָרטן.

און דער גאָרטן — אין בלױען לעװאָנעשײַן — האָט אױסגעזען לעגענדאַריש. דאָס איז געװען אַ גרױסער, גוט אָפּגעהיטער גאָרטן, װעלכער האָט אײַנגעשלונגען ניט װײניק מענטשלעכע פּראַצע. אָפּ־געקאָלכטע עפּלבױמער האָבן זיך געצױגן אין געאָרדנטע רײען לענגױס די גלײכע, װי די שנירעלעך, אַלײען, נידעריק פֿאַר־שפּרײטנדיק איבער זײ די צוקרימטע סוקיקע צװײגן, גרײטע שױן צום בליִען. אַ דורכױסיקע װאַנט פֿון קוסטעס האָט אָפּגעטײלט דעם פֿרוכט-סעקטאָר פֿון אַ װײַט צושפּרײטן פּלאַץ.

דאָ זיינען געווען געזעצט דיניעס און ראַמען מיט איינפֿאַסונג פֿון פּעטרושקע און שניטלוק. צו פֿלעקלעך צוגעבונדן האָבן זיך געצויגן נעגעלעך צום הימל אַרויף. אַף די ספּעקטן האָבן בונט געשימערט די שלאָפֿנדיקע בלומען: דורך די שייבן פֿון די ספּעקטן האָט זיי לעוואָנע געגאָסן איר זילבערנעם שיין אַף די לאַנגע קרומע שווערדן פֿון די איריסן, אַף די בלאָגרינגע שטענגלעך פֿונם מאָן, אַף די זילבערנע דראלדן פֿונם גינעריום, וואָס האָט זיך פֿאַנאַנדערגעלאָזן, ווי אַ פֿאָנטאַן.

אינם טרייבהויז, וואָס האָט זיך געצויגן בא דער זייט, האָבן אין רייען געשלאָפֿן פּערסיקעס-ביימער.

דעם איינגעזעצטן-צאָן האָט גאָרניט געריכט דידאָזיקע גאַנצע פּראַכטפֿולקייט. ער האָט שווייגנדיק געשפּרייזט הינטער זשאַנען, געהאָרכזאַם איינהאַלטנדיק די טריט, ווען יענער פֿלעגט זיך אָפּשטעלן, און איינהערנדיק זיך, ווען יענער פֿלעגט צוליגן דעם פֿינגער צו די ליפּן.

זיי זיינען אריבער דעם אָפֿענעם פּלאַץ און אַריין אין אַ שמאָלער פֿינצטערער, ביז בעז באַפֿלאַנצטער אַלייע. אין דעראָזיקער אַלייע האָבן זיך זשאַן און פּאַל ניט איינמאָל באַהאַלטן, פֿאַרשטעלנדיק זיך, אַז זיי זיינען אַמעריקאַנישע קאָוובאָיען, וועלכע באַשטייען אין גאָרניט ניט, אָבער ס'זאָלן נאָר זיין אויסטערלישע פּאַסירונגען און אַ גוט גלעזל וויסקי. זשאַן האָט מיט אַ שמייכל דערמאָנט די פֿריערדיקע שפּילן: וואָס פֿאַר באַטרעף האָבן זיי אַנטקעגן די פּאַסירונגען פֿון לעבן!

די אַלייע האָט געהערט צום פֿאַרוואָרפֿענעם ווינקל פֿון גאָרטן, צו דער אַלטאַנקע. די אַלטאַנקע איז געווען אַן אלטע מיט אַרומגעשיילטע, רויטגעפֿאַרבטע ווענט, מיט ווייסע זיילן, אַף וועלכע ס'איז שווער געלעגן אַ מאַסיווער דאַך. די לעוואָנעשיין האָט מוטנע באַלויכטן די שמאָלע פֿענצטער. דאָ איז געווען אומהיימלעך און שטיל, ווי אַף דער דעק פֿון אַן אויסגעטריקנטן ברונעם.

די „אַנאַרכיסטן" האָבן איינער דעם אַנדערן פֿאַרשטאַנען אָן ווערטער. סיף צו דערערד געבויגן, ווייַנען זיי זיך פֿאַנאַנדערגע־גאַנגען אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען און, באַהאַלטנדיק זיך אין די קוסטעס, זיינען זיי ארומגעגאַנגען די אַלטאַנקע פֿון אַלע זייטן. קיין שום פֿאַרדעכטיקעס איז ניט געווען. דער אויסגעוועבטער־צאָן האָט אומגלויביק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— אָדער דידאָזיקע בעסטיע איז צופֿיל איבערגעשפּיצט אָדער זי האָט פּאַשעט מוירע געקראָגן.

— וויפֿיל איז דער זייגער? האָט זשאַן געפֿרעגט.

— ניט שפּעטער פֿון צען.

— ער זיצט עפּשער אין אַלטאַנקע?

— מעגלעך אויך, אַז ער ליגט גאָר אין בעט. אַריבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע און פֿאַרשטאָפּט די אויערן מיט וואַט. לאָמיר טאָן אונדזערס, יאַטל.

— לאָמיר טאָן,—האָט זשאַן אַרויסגעשעפּטשעט.

— דו קוק מיט אויגן, פֿאַרזעסטו—איז וועלן מיר שוין זיין דאָרטן, ווו דער שוואַרצער פֿעפֿער וואַקסט.

איכ׳ל קוקן,—האָט זשאַן געזאָגט, סטאַרענדיק זיך איינצו־האַלטן דאָס ציטערן פֿון זיינע קני.

— זע זשע, גוטער ברודער, פֿאַרפֿיר ניט. וועסט עפּעס באַ־מערקן—גיב אַ פֿייף. און דאַן אַנטלויף, ווי דו פֿאַרשטייסט. ווייל דאַן וועלן מיר דאָך איינער דעם צווייטן בלויז שטערן. ראַטעווע זיך, ווי דו קאָנסט.

ער האָט פֿאַריכט די פֿאַטשיילקע אָפֿן פּאָנים. זשאַן איז געווען ווי צוגעוואַקסן צו דער ערד; ער האָט מוירע געהאַט זיך מוידע צו זיין, אז אים איז אָפֿן סאַמע שענדלעכסטן אויפֿן באַפֿאַלן אַ פּאַ־כעד. דער אויסגעוועבטער־צאָן האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, זשאַן האָט זי אַ דריק געטאָן מיט ציטערנדיקע פֿינגער.

— טראָג דורך, קרומע!—האָט געזאָגט דער אויסגעוועבטער צאָן און אויסגלייכנדיק זיך אין זיין גאַנצער הויך, איז ער מיט

פֿעסטע טריט אַוועק צו דער אַלטאַנקע. אין גאַנג האָט ער ניט ווילנדיק געציילט די טריט: איינס, צוויי, פֿינף, ניין... נאָך דריי — און פֿון טיר וועט אַ זשאַנדאַרם אָנשטעלן אַף אים די רונדע עפֿענונג פֿון אַ רעוואָלווער. „וואָס עס דאַרף געשען, — האָט ער אַרויסגערעדט צו זיך אַליין, — דאָס יועט מען ניט פֿאַרמיידן!“

די פֿאַרעלטערטע טרעט פֿון גאַניק האָבן זיך געבויגן אונטער דער לאַסט פֿון זיין קערפּער. ער האָט אַ צי געטאָן צו זיך די טיר, וועלכע האָט זיך געעפֿנט מיט אזאַ קלונג, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ נאָס פֿון אַן אַלטן מאַן. די לעוואָנע האָט העל באַלויכטן די פֿענצטער, לייגנדיק גרינלעכע קילע ליכטפּאַסן אַף דער וואַנט און אַף דער פּאָדלאָגע. אין מיטן אַלטאַנקע איז געשטאַנען אַ רונדער געפּאַרבטער טיש.

אַף אַ געפֿלאָכטענעם לענשטול איז באַם טיש געזעסן דער צושראָקענער הער סעריניאַק.

דער אויסגעוועצטער-צאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין טיר.

דאַן האָט הער סעריניאַק גענומען זיך הויבן פֿון אָרט. געהויבן האָט ער זיך זייער לאַנגזאַם, אָנשפּאַרנדיק זיך אָן טיש מיט ביידע הענט, וועלכע זיינען פֿון גרויס אויפֿרעגונג געווען שוויציק, עפּעס ווי צוגעקלעפּט צום האָלץ. און מאַכמעס הער סעריניאַק איז געווען היפּש גראָלעך, איז דער לענשטול געווען פֿאַר אים צו ענג און האָט זיך איצט געהויבן מיט אים איניינעם. זיין פּאָנים איז איצט געווען בלייך, צוליב וואָס זיין רויטע באָרד, וועלכע איז געווען צושויבערט און געהאַט אָנגעוואָרן איר גווירישן אויסזען, האָט אויסגעזוען קימאַט שוואַרץ. שטאַרק פֿינקלנדיק מיט די אויגן, האָט ער טאַמעוואַטע געקוקט אַפֿן אויסגעוועצטן-צאָן, גלייך אין די אויגן-אויסשניטן פֿון יענעמס שוואַרצער פּאַטשיילקע.

דאַן האָט ער אים אונטערגעשטרעקט די הענט; זיינע פֿינגער האָבן געטאַנצט, פּונקט ווי ער וואָלט שפּילן אַף אַ האַרפֿע עפּעס גאָר אַ לעבעדיק לידל. ער האָט געעפֿנט דאָס מויל, די אונטער-

שטע קינבאַק האָט קאָנוולסיוו געגעבן אַ שפּרונג אינדערהויך און אַ קנאַק געטאָן אָן דער אויבערשטער. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן. ווידער האָט ער געעפנט דאָס מויל.

—א—מם...—האָט זיך דערטראָגן צום אויסגעזעצטן-צאָנס אויער.

דער אויסגעזעצטער-צאָן האָט זיך מיט גרויסקייט אַ נויג גע-טאָן.

— א—מם...—האָט הער סערינניאַק איבערגעכאַזערט.

זיינע הענט זיינען אַראָפּגעהאַנגען, ווי שטריקלעך. ער האָט זיך צוריקגעוואָרפן איניינעם מיטן לענשטול. יועלכער איז געווען ווי צוגעקלעפּט צו זיין גראָבן הינטן; דער שטול האָט זיך איינ-געשפּאַרט מיט די פיסלעך אין פּאָדלאָגע, און הער סערינניאַק איז ווידער געזעסן אין לענשטול. ער האָט אָפּגעווישט מיטן אַרבל דעם שווייס פון שטערן און אויסגערעט:

— גוטן אָוונט, הער באָמבאַרדיסט.

דער אויסגעזעצטער-צאָן האָט זיך ווידער מיט גאַדלעס אַ נייג געטאָן.

— הער כאָשעווער באָמבאַרדיסט, אַנאַרכיסט און טעראָ-ריסט,—האָט געבאָלבעט סערינניאַק, וועלכער האָט פּלוצלונג באַ-קומען אַ טאַלאַנט צום רירן.—בעקאָוועדיקער הער פאַרניכטער... איך האָב געהאַט די ערע און דעם פאַרגעניגן צו דערהאַלטן איי-ער פריינטלעכע איינלאַדונג... און איך האָב ניט געוואָלט צו קו-מען, ווי איר זעט... איך האָב ניט געקאָנט אָפּזאָגן זיך פון דעם גליק צו באַקאָנען זיך...

דער אויסגעזעצטער-צאָן האָט אַ טראָט געטאָן צו אים.

הער סערינניאַק האָט זיך ווידער אויפגעהויבן איניינעם מיט זיין שטול.

—...באַקאָנען זיך און זיך צו איבערציייגן אין די איידעלע שטרעבונגען אייערע,—האָט ער פאָרגעזעצט באָלבען.

— צו דער זאַך!—האָט דער אויסגעזעצטער-צאָן ביז איבער-געשלאָגן.

— אויסגעצייכנט,—האָט הער סעריִניאַק אַרויסגעבורטשעט:

— איך בין שטענדיק געווען אַ פּריינט פון אַרבעט און אַ פאַרביסענער סוינע פון ליידיקגיין... איך האָב מיין גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן דער אַרבעט און האָב געהאַט דערפאָלג. איך פאַרשטיי, אַז איך דאַרף זיך טיילן... אַ קליינעם טייל פון מיין פּראַצע... פאַרוואָס אָבער אף אַזאַ גראָבן אויפן, הער באַמבאַרדיִסט? וואָלט דען ניט געווען פּאַסטעטער, ווען איר קומט צו מיר אין קאַבינעט? איך בין גאַנץ פריינטלעך און...

— צו דער זאַך! -האָט דער אויסגעזעצטער-צאָן אַ ריטשע געטאָן.

— הינדערט פראַנק?—האָט הער סעריִניאַק אויסגעשעפּטשעט.

— עי!

— צוויי... צוויי הונדערט?

— דאָס שענקט אייך אייער זון, דעם הויכהייליקן שויטע, דעם אָפּגעפּרעסטעם דאָווראַבערל, הער האָרעפּאַשנער סעריִניאַק.

— דריי הונדערט—האָט סעריִניאַק געוואָגט מיט א זיפץ און גענומען קריכן אין בוזימקעשענע.

אומזיסט האָט ער דאס געטאָן, דער הער סעריִניאַק! דער אויסגעזעצטער-צאָן איז געווען א צוקאָכטער. ער האָט פאַרגעסן, ווי ער געפינט זיך, ער האָט פאַרגעסן אָן די זשאַנדאַרמען, פאַר וועלכע ס׳איז גאָר א קלייניקייט אים צו פאַרשיקן, ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. פאַרקוועטשט די פויסטן, האָט ער אַריינגעשריען גלייך אין הער סעריִניאַקס גראָבן אָנבליק אריין:

— ניט דריי הונדערט, ניט פינף הונדערט, ניט טויזנט, ניט פערציק טויזנט! האַלט פאַר זיך אייער פאַרפלוכטע אַפּוטיקע, בּיז-וואַנען דאָס פאָלק אַליין וועט דאָס בא אייך ניט צונעמען! און ווען איך וואָלט געדאַרפט געלט, וואָלט איך זיך טאַקע מיט אייך

צערעמאָניעס! געטראָפֿן א יעקעלע. איך וואלט אײַער גאַנצן הויף
אַף אַש צוריבן מיט אייך א צוגאָב! און איך וועל טאַקע צורייבן,
מיין טייערינקער—זאָלסט זיך נאָר דערוועגן מיר א פּיפּס טאָן,
וועסטו שוין זען, ווער דאָס זיינען די פּראַנצויזישע אַנאַרכיסטן-
באָמבאַרדיסטן!

— אך, איך וויים דאָס שוין גאַנץ גוט—האָט הער סעריניאק
געזאָגט און אַוועקגעלייגט צוריק דעם מייסטער.—איך ווייס דאָך
נאָך אבער אלץ ניט, וואָס איר פֿאַרלאנגט פֿון מיר, מיין טייע-
רער? צי געפֿינט איר ניט, אַז בא אייך איז דער קאָל אַ צו העל-
דישער, ער הוקעט, ווי א יאַם-האַרטאַט. און, בעטמעס, מיינע
פויקהייטלעך זיינען אביסעלע צאַרטער, איידער בא א העלפֿאַנד.
ניין, ניין, איך וויל אייך קיין שום אומאנגענעמער ניט זאָגן—אין
אייערע אינטערעסן מיין איך דאָס: ס'איז איצטער נאָך ווייט ניט
נאַכט, און אין מארסעל זיינען שטענדיק פֿאַראַן נייגעריקע. אַזוי,
הייסט דאָס. צי געפֿינט איר ניט, אז די נאַכט איז א דושנע?
אייך איז, אַפּאָניט, הייס אונטער דער פּאַטשיילקע.

— איך געפֿין, אַז איר האָט זיך אַביסל דערהיילט פֿון אײַער
שרעק, הער סעריניאק. בעסער אַזוי—וועט איר גיכער פֿאַרשטיין,
וואָס איך פֿאַרלאנג פֿון אַייך, און איר וועט זיך באַרעכענען, צי
לוינט פֿאַר אייך צו טאָן מיין פֿאַרלאַנג.

— איך הער אייך,—האָט הער סעריניאק געזאָגט באשיידן
און צונויפֿגעלייגט די הענט איבערן בויך. צום באדויערן, איז אין
אלטאנקע ניטאָ קיין צווייטער שטול. איך רעכן אָבער, אַז אונ-
דזער אַודיענץ וועט זיך צו לאַנג ניט פֿאַרציען.

— דאָס וועט אַלץ זיין אָפּהענגיק פֿון אַייער נאָכגיביקייט,
הער סעריניאק,—האָט געזאָגט דער אויסגעוועצטער-צאָן, זעצנדיק
זיך אַפֿן טיש, און גענומען קלאָר מאַכן דעם איניען. גערעט האָט
ער גיך און אָפּגעהאַקט.

די געוועלשאַפֿט פֿון די פֿראַנצויזישע אַנאַרכיסטן-באָמבאַר-
דיסטן-פֿאַרניכטער האָט דערפֿארן, אַז הער סעריניאק האָט אַפֿן טאָמע

שענדלעכסטן אויפֿן אַרויסגעטריבן זיין קוכער פּיער רעבו. אַט וואָס. און ניט גענוג, וואָס ער האָט אים ארויסגעטריבן, האָט ער אים נאָך קיין רעקאָמענדאַציע אויך ניט געגעבן. דעם הער סע־ריניאַק איז באוווסט, אַז בענויגייע ערלעכקייט טרייסלט פּיער רעבו אויס פֿון ארבעט ניט נאָר דעם הער סעריניאַק אַליין, נאָר אַפּילע דעם הערן מער פֿון מאַרסעל. אלע אימשטענדן פֿון דעם איניען זיינען גוט באוווסט דער געזעלשאַפֿט פֿון די פּראָווינציזשע אַנאַרכיסטן־באָמבאַרדיסטן־פֿאַרניכטער, און דאָ איז וועגן דעם ניטאָ וואָס צו ריידן. געגאַנגען דאָס פֿינגערל האט דעם הער סעריניאַקס זון. נאָר פֿאַרן הער סעריניאַק איז ניט געווען פּאַסיק זיך אין דעם מוידע צו זיין. דער הער סעריניאַק האט בעסער אַרויסגעוואָרפֿן אַף דער גאַס דעם גאַנץ אומשולדיקן קוכער. צי גע־פֿינט ניט איין דער הער סעריניאַק, אַז אַזאַ טאַט רופֿט זיך אָן— נידערטרעכטיקייט?

הער סעריניאַק האָט געשוויגן.

ער האָט, קאָנטיק, ניט איינגעפֿינען, אַז אַזאַ טאַט רופֿט זיך אָן נידערטרעכטיקייט.

דער אויסגעזעצטער־צאָן האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע דעם בויגן פּאַפּיר, דעם טינטער מיט דער פֿען און אַנידערגעלייגט עס אַפֿן טיש לעבן סעריניאַקן. יענער האָט אים פֿאַרוואונדערט אָנ־געקוקט.

— וואָס איז דאָס?

— אַ בויגן פּאַפּיר, טינט און פֿען.

— אַ דאַנק פֿאַר דער דערקלערונג,—האָט הער סעריניאַק העפֿ־לעך געזאָגט.—איצטער פֿאַרשטיי איך שוין אויך, אַז דאָס איז טאַקע א בויגן ווייסע פּאַפּיר, טינט און א פֿעדער. וואָס אָבער, הער באָמבאַרדיסט, וועל איך מיט דעם טאָן?

— איך דענק אַז שרייבן, הער סעריניאַק.

— וואס אזוינס וועל איך שרייבן, הער באָמבאַרדיסס?

— וואס איך וועל אייך דיקטירן, הער סעריניאַק.

הער סעריניאק האָט אַ טראַכט געטאָן. דאַן האט ער גענומען דאָס פֿלעשעלע און גענומען אין האנט די פען. איב זייגען אַ·ינ-געפֿאַלן ספּייקעס. פֿאַרזשמורענדיק די אייגן, האָט ער אַ ברעג געטאָן:

— און אויב איך וועל זיך אָפּזאָגן, הער באמבארדיסט? דעם עמעס זאגנדיק, בין איך שוואך אין קאליגראַפֿיע. צו מיין גרויסער כארפּע. פֿלעג איך אין שיל אין קאליגראַפֿיע שטענדיק באַקומען שלעכטע באלן.

— איך וואָלט אייך ניט ראטן זיך אָפּצוזאגן, הער סעריניאק. אייער גאָרטן איז גאַנץ אימבאלעבט, און מיינע כאוויירים האלטן די וואַך אויסגעצייכנט; וואָס איז שייעך צו מיר, איז בין איך אַ נאָענטער גוטער ברודער אָט מיט דער מאלפּעטשקע.

באַ די ווערטער האָט דער אויסגעזועצטער-צאָן אַרויסגענומען פֿון קעשענע און אַנידערגעלייגט לעבן זיך א גרויסן, שווערן רעוואָלווער פֿונם מין „בולדאָג". הער סעריניאק האָט זיך א קרים געטאָן. אין דער אויסערלעכקייט פֿונם רעוואלווער אפֿילע איז געווען עטוואָס העסלעכס — אין דעם איז הער סעריניאק געווען איבערצייגט.

אַ ווײַלע האבן זיי געשוויגן. דערנאָך האָט הער סעריניאק זיך בייז אַ ריס געטאָן פֿאַר דער באָרד און אַיינגעטונקט די פען אין טינטער.

— איך הער אַייך — האָט ער געזאָגט האָפֿענונגלאָז.

דער אויסגעזועצטער-צאָן האָט גענומען דיקטירן. הער סעריניאַקס פען האָט לאַנגזאַם געפּויזעט איבערן פּאַפּיר, אַף וועלכן די טינט האָט געגלאַנצט אין דעם לעוואָנעשיין, ווי צוגאָסענע זיל-

בער. אין דער שטילקייט האָט סאַקסיִש געקלונגען דעם אויסגע-
ווייצטן-צאַנס גראָבלעכער קאָל, און ס'האָט זיך געהערט דאָס
צאַאַרדיקע סאָפּען פֿונעם הער סעריניאַק.

אין דריי מינוטן אַרום איז אָפּן ווייסן בויגן פּאַפּיר געשטאַנען
פֿאָלגנדעס:

ה ע ר ן ב ו ק ע.

כ אָ ש ע ו ו ע ר ה ע ר ב ו ק ע!

ווייסנדיק, אַז איר פֿאָרט גאָר אינגיכן אָפּ אַף אייער
אייגענער יאַכטע קיין רוסלאַנד, אייל איך מיך צו ווענדן
זיך צו אייך מיט אַ בּיטע, ווייענדיק פֿאָרויס איבערצייגט,
אַז איר וועט זי דערפֿילן.

דער איבערגעבער פֿון דעמדאָזיקן בריוו, מיער רעבו,
האָט אין פֿאַרלויף פֿון אַסאַך יאָרן געדינט אין מיין
אינטערנעמונג אַלס קוכער. אַ געניטערן און ערלעכערן
מענטשן איז שווער צו געפֿינען איך גאַנץ פֿראַנקרייך.
איך באַדויער זייער, וואָס ער האָט צוליב פֿאַמיליען-
אָנגעלעגנהייטן פֿאַרלאָזן מיין רעסטאָראַן, וועמעס באַ-
רימטקייט האַלט באַ פֿאַלן, אָן סאָפּעק, צוליב רעבוס
אויעקגיין. איך בעט אייך זייער נעמען מיער רעבו אַף
דער יאַכטע אַלט קוכער, צוזאַמען מיט זיין קליינער
פֿאַמיליע.

איך דערלויב זיך אייך צו פֿאַרזיכערן, אַז קיין בע-
סערן קוכער האָט פֿראַנקרייך נאָך גאָרניט געזען.

איך בעט אויך נעמען אַף דער יאַכטע אַלס לאַקיי
דעם רוסישן סאָלדאַט, וועלכער וועט אייך צוניץ קומען
אין רוסלאַנד אַלס אַ דאָלמעטש. דאָס איז אַ וואָילער

יונג מיט אַ דימענטענעם האַרץ, אַ פֿאָלגער און זייער אַן ערלעכער, און לויט זיינע איבערצייגונגען שטייט ער שטאָל און אייזן פֿאַרן צוריקאויפֿשטעלן אין רוסלאַנד די צאַרישע מאַכט. דעמדאָזיקן יונג קען איך שוין פֿון לאַנג, איך האָב אים עפּעס ליב און איך אַכט אים און איך גאַראַנטיר פֿאַר אים, ווי פֿאַר זיך אַליין.

מיט די אַלערבעסטע ווּנטשן אַייער

מ אָ ר י ס ס ע ר י נ י אַ ק.

דער אויסגעזעצטער-צאָן האָט אויפֿמערקזאַם איבערגעלייענט דאָס פּאַפּירל, צונויפֿגעלייגט עס אין פֿירען און באַהאַלטן אין קעשענע. דורך די אויסשניטן אין ביכל האָט מען געקאָנט זען, אַז זיינע אויגן האָבן אויפֿגעלעבט.

הער סעריניאַק האָט געזאָגט מיט אומפֿאַרהוילענעם פֿאַרדרוס:

— כ'וואָלט אַ באַלן זיין צו וויסן, פֿאַר וואָסער אויסוווּרף איך גאַראַנטיר דאָ, ווי פֿאַר זיך אַליין!

— צי ניט צופֿיל ווייס איר אַ באַלן צו וויסן, כאָשעווער רעס-טאָראַטאָר?—האָט דער אויסגעזעצטער-צאָן, לאַכנדיק, געענטפֿערט מיט אַ פֿראַגע—איך האַלט, אַז איצט קענען מיר זיך פֿאַנאַנדער-גיין גוטע פֿריינט. און אַף לעצט דערמאָן איך אייך נאָכאַמאָל: הענגט אויף אַפֿן מויל אַ גוטן שטאַרקן שלאָס און לאָזט ניט פֿאַ-נאַנדער די צונג. איין ניט אָפּגעהיט וואָרט—און מען לייגט אייך אָפּ, ווי אַ דאָוואָראַכער. די אַנאַרכיסטן-באָמבאַרדיסטן שיסן אויס-געצייכנט—דאָס זאָלט איר האָבן אין זינען. און איצט—אַ גליק-לעכע נאַכט! זיצט דאָ שטילינקערהייט אַ פֿערטל שאַ און דאַן גייט עסן אייער וועטשערע. איך רעכן, אַז זי האָט שוין באַוויזן זיך אָפּצוקילן.

דער אויסגעזועצטער-צאָן האָט זיך העפלעך פאַרנויגט און איז אַרויס אַף די שפּיץ פינגער, פעסט פאַרמאַכנדיק נאָך זיך די טיר. זיינע טריט האבן דורכגעסקריפּעט איבער די שטיגן פון טרעפ און זיינען פארשטומט געוואָרן. די לעיואָנע האָט העל געלויכטן. קליינע וואָלקנדלעך האבן, ווי א לייכטער פוך, זי ארומגערינגלט. הער סעריניאַק האָט א פיר געטאָן מיט דער האנט איבערן פּנים, איינהאלטנדיק זיך פונט כיישעק זיך אַ קניפּ צו טאָן אין באַק.

אַ זויערע גרימאַסע האָט פאַרצויגן זיינע ליפּן.

ער האָט געטראַכט:

— „פאַרט פונדעסטוועגן וואָלוול אָפּגעשניטן. האב אים אַ שווארציאַר דעמדאויקן רעבּי, זאָל ער פאָרן און זאל מען אים דאָרטן ארופּשטעכן אַף א באַלשעוויסטישן מיסטגאָפּל, וועט זיין אין פראַנקרייך מיט איין זשוליק ווייניקער!“

ער האָט ארויסגענומען דעם גאָלדענעם זייגער, דער לייכטנ-דיקער ציפערבלאט האָט באוויזן, אַז מ׳דאַרף נאָך תּארטן צען מינוט. ס׳איז אים איינגעפאַלן, אַז מ׳קאָן גאַנץ לייכט כאופן די-דאָזיקע באַמבּאַרדיסטן: מ׳דאַרף בלויז אַרופּ טאָן פּאָליציי, קאָן מען זיי אלעמען אָנעמען, אזוי ווי די האָזן. און עפּשער טאַקע אָנ-קלינגען טייקעף אין טעלעפאָן, איפרודערן אלעמען מ׳זאָל זוכן? שווארציאָרן, פּאַקן די אויסוורפן!

האָט ער זיך אבער דערמאָנט: „אָפּלייגן ווי אַ דאָוואָראַכער“... ניין, עס לוינט ניט צו קלינגען!

און גייענדיק שוין אַהיים און אונטערשטעלנדיק זיין פּליך אונטער דער לייכטער אָוונטפרישקייט, האָט ער מיט צופרידנקייט געטראַכט:

„וואָס פאַר אַ גרויסע באַדייטונג דאָס האָט פונדעסטוועגן, ווען אַ מענטש איז קלוג און ניט קיין פּאַכרן!“...

VIII

דער אויסגעוועצטער-צאָן האט געשלאָסן פֿרײַנטשאַפֿט מיט די גיט-גוטע.—יעטער קאָן פֿאַרורטיילן פּיער רעבי!—זשאַרזש קריקי און זיינע כאַיעס ווערן פֿאַריאַכטעט.—יוליע האט געזאָגט: „מיר שווימען דעם גליק אַנטקעגן. איך גלויב אין דעם, זשאַן!“

די געשעענישן זיינען אוועק מיט אַן אומגלויבלעכער געשווינדקייט. איבערגעלייענט דעם בריוו, האָט הער בוקע געזאָגט, אַז הער סעריניאקס, זיין געערטן פֿריינט, וואָרט איז באַ אים הייליק. די יאַכטע, אַן אויסגעריכטע צו דער רייזע, האָט זיך שוין געוויגט באַם לאַנדונגפּלאַץ פֿונם קאָמערץ-באַסיין. הער בוקע האָט איינגעשטימט צו נעמען אויך דעם רוסישן סאָלדאַט, ווי באַלד סעריניאַק גאַראַנטירט פֿאַר אים. ס'איז געבליבן בלויז אָפּצורײַדן מיקויעך געהאָלט.

זשאַן, יוליע און זשאָרזש קריקי האָבן זיך קיין אָרט ניט געפֿונען, ווילאַנג פּיער און דער אויסגעוועצטער-צאָן זיינען געגאַנגען אָפּשמועסן מיט בוקען. יוליע איז געווען אַנגעשראָקן פֿון די צאָרעס, וואָס האָבן געהאָנגען אַף איר קאָפּ... ס'איז געווען פֿריִ, דער שענק איז געווען ליידיק. יוליע האָט סטאַם אַזוי איבערגעשטעלט די קופֿליעס אַף די פּאָליצעס, איבערגעדעקט מיט שוואַרצע סעטקעס די פֿאַרדאַרטע שטיקלעך פּוטערברויט. אָפּטמאָל פֿלעגט זי מיט געבעט אויפֿהייבן צום סופֿיט אירע שיינע, מיט טרערן פֿאַרגאָסענע אויגן.

פֿאַנאַנדערגעלייגט אַף דרערד דעם אַטלאַס, איז זשאַן שוין געשוווּמען צו די ברעגן פֿון רוסלאַנד. אַלץ איז געווען אין אָרדענונג, ווייל פֿאַר דער זאַך האָבן זיך גענומען די באַמבאַרדיסטן-פֿאַרניכטער. מיט א געשווינדקייט, וועגן וועלכער די וועלט-טעכניקער האָבן נאָך אַפֿילע כאָלעמען ניט געקאָנט, האט זשאַנס פֿינגער דורכגעשניטן די כוואַליעס פֿונם מיטלענדישן יאַם. ער איז פֿאַרבייגעפֿאָרן קאָרסיקע און סאַרדיניע. אַף ווייניקע סעקונדן האָט

ער זיך פֿאַרהאַלטן אין די איטאַליענישע פּאָרטן. דעם גריכישן אַרכיפּעלאַג איז ער דורך אין עפּעס מער איידער אַ סעקונדע. אינם דאַרדאַנעלן־דורכגוס איז ושאַנס פֿינגער געבליבן שטעקן, טאַכטעס ער איז געווען צו גראָב פֿאַר אַזאַ שמאָלן דורכגוס.

פּיער רעבוס און דעם אויסגעזועצטן־צאָנס קוסטן האָט גע־מאַכט אַ סאָף צו זיינע שווערקייטן.

פּיער רעבו איז געווען ניט צו דערקענען. צי האָט מען אַקאָרשט פּיער רעבון ניט פֿאַרביטן? מע האָט געקאַנט שווערן, אַז פֿון זיינע אַקסלען הייבן זיך אַראָפּגעקייקלט אַ פּאָר צענדליק יאָר! זיין פּאָנים איז געווען געדרויטלט און פֿריידיק, ווי בײַ אַ גליק־לעכן קינד, די וואָנצן האָבן זיך באַוועגט, אַזוי ווי לעבעדיקע, און די אויגן, וואָס האָבן קיינמאָל שמייכלען ניט געקענט—קאָן מען דען סאַקע גלויבן אַזאַ וווּנדער?—זיינע אויגן האָבן געלאַכט!

— די זאַך איז געמאַכט, טוטער!—האָט ער אויסגעשריען אַזוי הויך, אַז זיינע שלייפֿן זיינען אויך בלאָ געוואָרן—אי, דער אויס־געזעצטער־צאָן! איך קאָן זיך וועטן, אַז ער האָט אַן אייסעק מיט ניסגוסע. הער בוקע האָט אונדז אַלע פֿירען צוגענומען, און מיר האָבן אַקאָרשט ערשט אונטערגעשריבן גאָר אַ גינסטיקן קאָנטראַקט. די יאַכטע איז שוין מיט דאַמף, און מאָרגן נאָך מיטיק פֿאָרן מיר.

און דאָ האָט ער אַריינגעלייגט די הענט אין קעשענע און אַרויסגענומען אַ פּעקל פּאַפּירלעך—דעם הער בוקעס אויפֿגאָב.

— פֿריינט מיינער קריקי, ביז אין קייווער אַריין, ביזן לעצטן אָטעמצוג וועל איך דיין גוטסקייט ניט פֿאַרגעסן! לאָמיר זיך איצט אָפּשפּריצן אונדזער האַצלאָכע, מיר האָבן דאָך געפּאַסט אַזוי לאַנג.

האָבן די גלעזער גענומען קלינגען. יוליע האָט געוויינט אָפּן קאָל. זי האָט געטאַינעט, אַז טרערן פֿון צאַר קאָן מען נאָך ווי עס איז איינהאַלטן, אָבער איינהאַלטן טרערן פֿון גליק—דאָס קאָן קיין איין מענטש ניט. די הענט האָבן זיך, וואָיענדיק, געיאָגט איבערן פּוסטן זאַל, אומוואַרפֿנדיק די בענק. אויסטיטי האָט געקוויטשעט.

דער אויסגעוועצטער-צאָן האָט גענומען אן אָנגעגאָסענע גלאָז ווײַן און-אויפגעהויבן זי איבערן קאָפּ.

— מײַנע פראַנצויזישע פרײַנט! — האָט ער געזאָגט מיט אַ גערירטן קאָל. — מאָרגן פאַרלאָזן מיר די אומפרײַנטלעכע ברעגן פון קאַפּיטאַליסטישן פראַנקרײַך און מיר לאָזן זיך צו די ברעגן פון רוסלאַנד, וואָס קעמפט און פאַרגיסט איר בלוט פאַר דער פרײַהייט פון די אַרבעטנדיקע. איר קאַמף איז אונדזער קאַמף. איר זיג איז אונדזער זיג. דערום טרינק איך פאַרן זיג פון די רוסישע אַרבעטער!

אַלע האָבן הילכיק געשריִען הוראַ.

לאַנג הוליען איז אָבער ניט אויסגעקומען: צו איינס האָבן שוין אַלע פיר געדאַרפט זײַן אַפן באָרט פון דער יאַכטע. אויסגעליידיקט איר גלעזל קוים ביז האַלב, האָט יוליע אָפּגעווישט מיטן פאַרטעך די ליפּן און, אונטערשפּרינגענדיק, ווי אַ קליין מיידעלע, איז זי אַנטלאָפן אין קאַמערל, און די ווײַסע בענדלעך פון איר פאַרטעך האָבן געפלאַטערט, אַזוי ווי לענטעס, צוגעבונדענע צו פאַקעלן אין קאַרנאַוואַל-טעג.

ווילאַנג די מאַנסלײַט האָבן געטרונקען פאַר אַ גליקלעכן וועג און פאַר האַצלאָכע אין ווײַטערדיקן לעבן, האָבן יוליע מיט זשאַנען אײַנגעפּאַקט די קעסטלעך. יוליעס הענט זײַנען אַזוי פלינק געפלויגן אַהין און אַהער, אַז ס'איז געווען שווער אַף זיי צו קוקן. אונטן אין די קעסטלעך האָט זי געלייגט קליידלעך, פּיערסבונטע זשילעטקעס, זשאַנס קורצע הויזלעך, שטאַרק אויסגערייבענע פונהיינטן. דאָס האָט זיך אַלץ אין שטרענגסטער אָרדענונג, אַ שיכט נאָך אַ שיכט, געלייגט אין די קעסטלעך, וועלכע האָבן זיך, דוכט זיך, גאָרניט געקאָנט אָנזעטיקן.

אַלע ווײַלע פלעגט יוליע פלוצלונג אַ וואָרף טאָן אַ ווײַט. וואָס זי האָט גראַד געהאַלטן אין האַנט — איר מאַנס אַ פּידזשאַק, איר אַ לײַבל, זשאַנס אַ פּאָר זאָקן — און אַרומכאַפּן זשאַנס דינינקע העלדזל, ווײַנענדיק אַלץ נאָך מיט די פרײַדן-טרערן, וואָס

קיין איין מענטש איז ניט אימשטאנד זיי אײַנצוהאלטן, און טאַ־נען:

— רוסלאנד יועט אונדז ברענגען גליק, איך פיל דאָס, אָט יועסטו זען, וועסטו זען, זשאַן! פראַנקרייך איז אונדז געווען אַ שטיפמאַמע, כאָטש איין גאָט ווייס, ווי איך האָב זי ליב געהאַט!

און ווידער פלעגט זי זיך באַגיסן מיט טרערן, און זי וואָלט דערביי אַליין גאַרניט געקאָנט זאָגן, צי זיינען דאָס טרערן פון צאַר אָדער פרייד.

צי אָיונט איז דאָס איינפּאַקן געווען פאַרענדיקט. פיער רעבו, דער ערנסטער און פאַרשטענדיקער פיער רעבו, איז ניט גאָר פעסט געשטאַנען אף זיינע גלייכע און געזונטע פיס, וואָס ס'האָט איִם אַליין ניט ווייניק פאַרוואונדערט. אָנשפּאַרנדיק זיך מיט דער האַנט אָן וואַנט און שטאַרקנדיק זיך מיט די לעצטע קויכעס, האָט ער געטאַינעט:

— נו, און אז איך האָב אויסגעטרונקען איבעריקע, איז ווער קאָן דאָס פיער רעבון פאַרווּרטיילן? יולי, זשאַן און דו, מיין האַר־ציקער פריינט קריקי, און דו, אויסגעזעצטער־צאָן, דעם טייוולס און מיין גוטער ברודער—צי וועט איר פאַרווּרטיילן פיער רעבון, דעם קוכער פון דער יאַכטע „ווייסע מעווע“?

ער האָט אויפגעהויבן דעם גראָבן פינגער זיינעם אַף אַרויף, איִם פאַרטראַכט באַקוקט און מיט פעסטער איבערצייגונג צוגעגעבן.

— אָ, ניין, זיי וועלן פיער רעבו, דעם קוכער פון דער יאַכ־טע „ווייסע מעווע“ ניט פאַרדאַנקען!

ס'איז אָנגעקומען דער געהויבענער מאָמענט פון געזעגענען.

זשאָרוש קריקיס אַלע כאַיעס זיינען געווען פאַרזאַמלט אין גרויסן זאַל. די קעץ זיינען געזעסן איינער לעבן אנדערן אַפן בופעט, ושמורענדיק זיך אף דער שיין מיט יענער קלוגער גלייכגילטיקייט, וועלכע צייכנט אָפּ זייער מין. די הינט האָבן געקוויטשעט. די אויִסטיטי האָט זיך געריצט מיטן באַלעבאָס, געווייזן אים פייגן.

ניט צו באַליידיקן קריקי, האָבן אַלע אָפּפאָרנדיקע—יוליע, פּיער, דער אויסגעוואַקסענער-צאָן און וושאַן—איינער נאָכן אַנדערן געקושט די כאַיעס. אַפּריער האָבן זיי געקושט אין די נאַסע נעזער די קעץ, דערנאָך די הינט. אַ קוש טאָן די איסטיטי איז געווען שווער, ווייל זי פּלעגט קוויטשענדיק פּראַשקען אין די באַקן יעדערן, וואָס פּלעגט צוגיין צו איר.

איבערגעקושט אַלע כאַיעס, האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן צו קריקי. דאָ, בא אים אויפן האַרצן, זיינען פאַרגאָסן געוואָרן די לעצטע געזעגנטרערן. קריקי האָט ניט געקאָנט ריידן. ער האָט בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ און געברומט. זיינע טרערן האָבן ניט אויסגעהאַלטן. ער האָט ניט געקאָנט באַגלייטן די פריינט אויף דער יאַכטע, מאַכמעס עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן די לייזונג.

פאַר פינצטער שוין זיינען אונדזערע רייזנדע אָנגעקומען אויף דער יאַכטע.

די יאַכטע „ווייסע מעווע" האָט אויסגעזען, ווי אַ צאַצקע, וואָס איז געקויפט געוואָרן פאַר אַ קינד אין אַ גרויסאַרטיקן פּאַריזשער מאַגאַזין. זי האָט געלויכטן, ווי אַ לאַמטערן, מיט הונדערטער ליכט, וועלכע האָבן זיך געשפּיגלט אין געווייגט זיך אויף די טונקעלע כוואַליעס פון דער בוכטע. דער ווייסער קוימען איז געווען מיטן שוואַרצן ראַנד האָט זיך גערויכערט. און די מיט די בערשט ריין אָפּגעריבענע און אויסגעוואַשענע פּאַדלאָגע פון דער שיפּדעק האָט געציטערט פונם פּולסירן פון דער מאַשין. דאָ איז אַלץ געווען בלאַנק, העל, רייך. אין דער קאַיוט-קאָמפּאַניע האָבן לאַקייען אין פראַקן סערווירט אַוונטברויט. אויף דער שיפּדעק, ווו די הערן אינדוסטריעלער מיט זייערע פאַמיליעס האָבן איינגעאָטעמט די אָוונטלעכע יאַמלופט, האָט אַ קליינער סטרונע-אָרקעסטער שטיל געשפּילט זייער טרויעריקע און זייער סימפּאַטישע מעלאָדיעס.

פּיער רעבו האָט אויסגעטרונקען סאָדעוואַסער, אָנגעטאָן זיך אין ווייסן, מיט אַ ווייסער יאַרמלקע אויפן קאָפּ. און איז אַ וועק אויף דער קוך. די טעג פון נויט און פון אומגיין ליידיק זיינען געווען

אַריבער. דער אױסגעװעצטער-צאָן איז אַװעק צום באָסטמאַן. אױף זײַן גורל איז אױסגעפֿאַלן שװאַרצע אַרבעט. און יוליע האָט אין דער ענגער קאַיוטע, אױפֿן סאַמע הינטערטײל פֿון שיף, גענומען אײ-סיקן און האָיזען-אַ נעסט גענומען װעבן פֿאַר זיך, פֿאַרן מאַן, פֿאַרן זון.

אױף מאָרגן, אַרום האַלבן טאָג, האָט די „װײַסע טעװע״ אױפֿגעהױבן דעם אַנקער.

דער פֿרימאָרגן איז געװען אַ זוניקער, אַ קילער און אַ לױטערער, װי עס טרעפֿט זיך צום סוף פֿון אַ גלײַכמעסיקן און פּרעכטיקן פֿרילינג. די יאַמעװען, ניט קײן גרױסע, אָבער גאַנץ אָפֿט באַקרױנטע מיט װײַסן שױם, האָבן זיך, אָפּפֿאָלגנדיק און װי-דער אױפֿברױזנדיק, מיט אַ גלעזערנעם פּליושק צושלאָגן אָן דעם גראַניט פֿונעם מאָל. אין דעם זונשײַן האָט אין געמישטע העלע פֿאַרב זיך געשפּיגלט טאַרסעל. ס'האָט אױסגעזען, פּונקט װי דער װײַסבערדיקער װײַנאַכט-מאַן װאָלט דאָ דורכגעגאַנגען בײַ דער פֿוס פֿון די טראַװאַנסער אַלפּן מיט זײַן אומגעהױערן זאַק און װאָלט מיט אַ פֿולער האַנט דאָ בײַם ים צעשאָטן די אַלע הײַזעלעך. גערטענער, קירכעלעך און טורעמלעך, װעלכע זײַנען דאָ שױן אַזױ געבליבן פֿאַרגליװערט אין אַ קונציקער און ליבער אומאָרדענונג.

בײַם לאַנדונגפּלאַץ האָט זיך אױפֿגעקליבן אַן אױלעם, אַ פֿאַרפּוצטער אױלעם פֿון דער אָרטיקער בורזשואַזיע, אױף אַרױסבאַגלײטן טײַערע פֿרײַנט. העלע שטאָפֿן פֿון פֿרױען-קלײדער, װײַסע קאָסטיומען פֿון מענער, געלע פֿלעקן פֿון שטרױהיט האָבן געשימערט דאָ און דאָרט. פֿאַרטױבנדיק האָט אַ שפּיל געטאָן אַ בלאָז-אָרקעסטער, די זון האָט געפֿלאַמט אױפֿן מעש פֿון די װאַלטאָרנעס און פֿון די קױשיקע קאָרנעט-אַ-פּיסטאָנס. פֿאָכנדיק מיטן שטעקעלע און מיט זײַן קודלאַטן אַריסטאָקראַטישן קאָפּ, האָט דער גראָבער קאַפּעלמײַסטער אונטערגעטאַנצט אַנטקעגן אָרקעסטער, אַלע װײַלע אומקוקנדיק זיך אױף דער „װײַסער טעװע״ מיט אַזאַ מינע, פּונקט װי זי װאָלט דאָ די רעגע דאַרפֿן אונטערגײן.

די אָפּפֿאָרנדיקע האָבן זיך צונויפֿגעשפּאַרט באַם באָרט. צוליבן ראַש פֿון דער פּיעוּלעכער קאָנטאַטע האָט מען ניט געהערט איינער דעם צווייטן.

נאָר אָט האָט זיך אינם ראַש פֿון די מעשענע קיילים אַרײַנגעשניטן דער פֿײַף פֿונם דאַמפֿער. ער איז אָנפֿאַנגס געווען אַ הייזעריקער און אַן אָנגעשטרענגטער, ווי ער וואָלט זיך וויגן, ווי ער וואָלט זיך וועלן אָננעמען מוט; נאָר אָט האָט ער זיך אָנגענומען מוט און צוגרילצט זיך זיגרייך און געדיכט, צעטרייסלענדיק דעם גאַנצן שיפֿקערפּער און ווייטיקדיק שנײַדנדיק אין די אויערן.

אין אוילעם האָט מען גענומען מאַכן מיט טיכלעך, מיט וואָנטיקעס, מיט היט. מ'האָט אופֿגעהויבן דעם טראַמפּ. די ווינדעס האָבן זיך גענומען דרייען, אָנוויקלענדיק די שטריק. דער לאַנדונגפּראַק האָט זיך אַ רוק געטאָן אַף צוריק.

דער האַפֿן, די מאַמאושנע-געביידעס האָבן גענומען לאַנגזאַם, ניט געאײַלט אָפּרוקן זיך.

— מאַמע! — האָט זשאַן אַ געשריי געטאָן. — קוק גיכער — דאָס איז דאָך זשאַרוש קריקי!

אַפֿערקומענדיק פֿון הינטערן ראָג פֿונם ריזיקן קופּערט-ענלעכן געבײַ פֿון דער מאַמאושנע, איז אונטערשפּרינגענדיק געלאָפֿן דער הינקעדיקער באַלעבאָס פֿון „מאַטראָסנפֿרײַד“. זײַן קליינינקע פֿיגור האָט פֿונדערווײַטן אויסגעוויזן, ווי עפּעס אַ שפּילצייג. אין איין האַנט האָט ער הויך איבערן קאָפּ געהאַלטן אַ גרויסן שטרויהוט, ווי די, וועלכע די פּויערים טראָגן באַ פֿעלדאַרבעט, און האָט געפֿאָכעט מיט אים, ווי מיט אַ פֿלאַג. אין דער אַנדער האַנט האָט זיך געזוייסט אַ נאָטיכל, צונויפֿגענומען אין אַ הייפּל. דאָסדאָזיקע טיכל האָט ער לויפֿנדיק צוגעטראָגן צו די אויגן. ער האָט נעבאַך פֿאַרשפּעטיקט! אַף וועמען האָט ער איבערגעלאָזן זײַנע כאַיעס, זײַן שענקל, זײַנע טומלדיקע געסט?

זשאַרוש קריקי האָט אָפּגעגעבן זײַנע פֿרײַנט זײַן געזעגנסאַליוט.

די „וויסע מעווע" איז ארויס אין יאַם. אין אַ ברייטן האַלב-
קרייז האָט זיך אויסגעבריגן דער סיַף-בלאָער האָריזאָנט. מאַרסעל האָט
זיך פאַרצויגן מיט אַ נעפּלדיקן רויכעלע, אַזאַ לייכטן און צאַרטן, ווי
דער הימל. דאָרטן זיינען פאַרבליבן הער סעריניאַק און פאָל, וואָרוש
קריקי און דער פּאַסטטאַליאָן, דער פעטבדל גרענואר מיט זיין
לעדערנעם האַנטבייטל, דער מוניציפּאַלער קאַלעוש מיטן געטוּמל
פון קינדערישע קוילעס און די העלדישקייטן פון די פראַנ-
צויזישע באָמבאַרדירסטן. דאָרטן זיינען פאַרבליבן וואַנס קינדער-
יאָרן.

יוליע האָט ארומגענומען וואַנען און צוגעדריקט זיין קאָפּ צו
איר האַרצן.

— מיר פאָרן דעם גליק אנטקעגן,—האָט זי געזאָגט מיט אַ צערט-
לעכן קאָל,—איך גלויב אין דעם, וואַן.

וואַן האָט זיך פעסט איינגעקוקט אין דעם בלאָלעכן
נעפּל, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם ברעג, די שטאָט און די דרעמ-
לענדיקע שיפן אין האַפן. וואַן האָט קיין וואָרט ניט אַרויס-
גערעדט. אַדיע, מאַרסעל!

צווייטער טייל

דער יאם לאכט און וויינט

I

די באַוויינער פֿון דער „ווייסער מעדע".—פּאַריאָס אין דער אייסנבאַנער-באַן מאַרעשכירעריקי—דער יאַם קאָן לאַנג לאַכן.— מייער רעגנ ייל דערציילן וועגן זיין פֿאָטער דעם קאַפּיטאַן.

אין די ערשטע טעג פֿון דער רייזע איז דער וועטער געווען אַ קלאָרער, אַ לויטערער. אָפֿן וואָלקנריינעם הימל האָט, ווי ריינער גינגאָלד, געלויכטן אַ פֿריילעכע זון. אומגיין פֿליגט זי אַ רויטע, ווי אַ רייפֿער באַקלאָזשאַן, באַפֿאַרבנדיק מיט פּאַפּיר דעם האָריזאָנט. האַלבן טאָג פֿליגט זי זיין געלבלעך און בריענדיק, ווי צושמאָלצענער מעש, און דאַן פֿליגט אַף דער „וואַסער-מעוועאַלעס לעבעדיקע צוגיין פֿון שטיקנדער היץ.

צו אָוונט פֿליגט די זון זיך ווידער אָנגיסן מיט בלוט. זי פֿליגט ווערן שווער, אָנגעשוואָלן און שלעפּעריק, פֿליגט פֿאַרלירן איר היץ. פֿליגן אַף דער יאַכטע די מענטשן אויפֿלעבן. און ווען דער יאַם פֿליגט די זון איינשלינגען, פֿליגט אַף אַמאָל אָנשטיין דעמערונג, אַזאַ געדיכטע און בלאָע, ווי אַ פֿאָרהאַנג וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזן פֿון הימל.

די יאַכטע איז געגאַנגען מיט אַ גלייכן מאַרשרוט אַף קאָנסטאַנטינאָפּאָל. די אינדוסטריעלער האָבן גאָרניט געהאַט וואָס צו טאָן ניט אין די איטאַליענישע, ניט אין די גריכישע האַפֿנס—זיי האָבן זיך געאײַלט צו מאַכן אַ געשעפֿטל מיטן בראַון גענעראַל דעניקין. פֿונעם שיף אויס איז דעם צווייטן טאָג ניט געווען צו זען קיין לאַנד. דאָס לעצטע לאַנד, וואָס זשאַן האָט גע-

וען, איז געווען קאָרסיקע, די אָנגעברויגעוטע שטיינערדיקע קאָרסיקע, וואָס האָט געבאָרן נאַפּאָלעאָנען.

ושאַן האָט זיך באַקאָנט מיט דער יאַכטע און מיט די מענטשן, וואָס האָבן זי באַוואָינט.

ניט קיין סאַך זיינען דאָס געווען.

אָט איז דער הער בוקע, דער געוואַנט-קעניג, אָף וועמעס פאַבריק ס'האָט פון זינט דער מילכאָמע אין דער נאָכמילכאָמעדיקער צושטערונג געהערשט אַ פולשטענדיקער קריזיס אין דער פּראָדוקציע. ער איז ניט צו דיק, אָבער זיין גוף איז הויוונדיק, ווי אַ פוטערגעבעקס, און גיין גייט ער אַזוי פאָרזיכטיק, פונקט ווי פון דעם קלענסטן שטוס קאָן ער זיך צושיטן אָף פיצלעך. און זיינע גראָבע, ווי באַ אַ נעגער, צושפּרייטע ליפּן רויכערט זיך פון פרי ביז שפּעט אַ ברוינער ציגאַר מיט אַ גאָלדענעם קאַנטעלע.

הער בוקע איז זייער רייך. הער בוקע איז דער רייכסטער פון אַלעמען אָף דער יאַכטע, דעריבער ווערט זיין יעדער ווונטש דערפילט אָן טאַינעס.

און ווייל יעדער ווונטש זיינער ווערט דערפילט אָן טאַינעס, איז הער בוקע קאַפּריזנע, ווי אַ קינד.

ער וויל, למשל, מ'זאָל אים טיטולירן ווי אַ גראַף — „דורכלויכט", ניט קוקנדיק אָף דעם, וואָס זיין פאָטער איז געווען אַ קליינער אָנגעשטעלטער אין אַ קאָנטאָר פון אַ פאַבריק און דער זיידע האָט געפּיטערט בעהיימעס אין אַ דאָרף אין נאָרמאַנדיע.

ער וויל, אַז צו מיטיק, אין דער קאַיוט-קאָמפּאַני, זאָל דער דיקסטער און דער אָנזיכטיקסטער אָף דער יאַכטע לאַקיי אים באַדינען באַזונדער און אַז קיינער זאָל ניט אויפשטיין פון טיש, איידער דער הער בוקע וועט ניט אויסרויכערן זיין נאָכמיטיקדיקן ציגאַר.

ער וויל אויך, אַז דער יאַם זאָל שטענדיק זיין רויִק. איז דער יאַם ניט רויִק, פאַררופט ער צו זיך דעם קאַפּיטאַן, דעם הער דיו-

וואַל, און אַנקוקנדיק אים מיט זיינע אומבאַוועגלעכע, שווערע אויגן, זאָגט ער אים מיט באַדויער:

— אויב איר, הער קאַפּיטאַן, וועט דערלאָזן, אַז די יאַכטע זאָל זיך וואַקלען, וועט מיר אויסקומען כאַראַשע צו האָבן אַף דעם, וואָס איך האָב אייך מיין יאַכטע־אַנגעטרויט. און אויב איך וועל אַף דעם כאַראַשע האָבן, וועט אייך אויסקומען צו פאַר־לאָזן די יאַכטע אינם נאָענטסטן האַפן. אַ גוטער שיפּמאַן דאַרף קענען דעם יאַם, ווי זיין-אייגענע קעשענע, דאַרף אַלץ וויסן און אַלץ פאָרויסזען. און באַם הער בוקע קאָנען דינען בלויז גו־טע שיפּלייט. גייט.

אזאַ איז געווען דער הער בוקע. ווען האָט אים קייקער פיינט געקראָגן. ווען האָט אים פיינט געקראָגן נים בלויז פאַר דעם, וואָס דער הער בוקע איז געווען ענלעך אַף אַן אָפּגעפּרעסטענעם כאַזער. הער בוקע פלעגט גאָרניט ניט טאָן און נאָר בלויז באַ־פעלן. פון אַלע מענטשן אַף דער וועלט האָט הער בוקע ליב גע־האָט בלויז איינגיינציקן, און דערדאָזיקער איינציקער איז געווען ער אַליין. הער בוקע האָט אַלץ פאַראַכט, פון אַלץ כויזעק גע־מאַכט, אַף אַלץ געשפּיגן, כוץ אַף געלט.

דער אויסגעזעצטער-צאָן האָט געזאָגט וועגן דעם הער בוקע:

— מ׳דאַרף אַזוי איינאָרדענען דאָס לעבן, אַז פאַר אַזוינע פיירעס זאָל קיין אָרט נים זיין אַף דער וועלט.

דער אויסגעזעצטער-צאָן האָט אויך פיינט געהאַט דעם הער בוקע.

דעם הער בוקעס באַגלייטער זיינען נים געווען אַזוינע גרויס־אַרטיקע, ווי האָבן אויך ליב־געהאַט געלט. זיי האָבן אויך אַף אַלץ אין דער וועלט געשפּיגן. באַ זיי איז אָבער נים געווען דעם הער בוקעס פאַרנעם. זיי האָבן נים געהאַט זיין דרייסטקייט, זיין האָפּעדיקייט, און זיי האָבן אַגעוו נים געהאַט סאַקע אַזויפיל פאַבריקן און אַזאַ קאַפּיטאַל, ווי דער הער בוקע.

זיי אַלע איינעם האָבן אויסגעוויזן ושאַנען, ווי איין פערזאָן. אַפּילע די שטימען זייערע ווינען געווען עפּעס ווי גלייכע. אָנגע-טאָן זיינען זיי געווען אַלע גלייך, פּלעגן אין איין און דערזעל-בער צייט אויפשטיין און אין דערזעלבער צייט זיך לייגן שלאָפן. צוויי זייערע האָבן גענומען מיט זיך אַף דער שיף זייערע ווייבער, וועלכע פּלעגן פיר מאָל אין מעסלעס בייטן זייערע קאָסטיומען, אַסאַך שלאָפן, שפּילן אַפן ראָיאַל, אומשפּאַצירן אַף דער שיפדעק, פאַרפּילנדיק די לופט מיטן אַראָמאַט פון איידעלע, צאַרטע פּאַר-פומען, פּלעגן זיך אַביסעלע פריילעך מאַכן אַביסעלע לאַנגווײלן און פּלעגן מוירע האָבן דערטרונקען צו ווערן.

אַלע באַוואָינער פון דער יאַכטע האָבן זיך געטיילט אַף צוויי טיילן. און דער טייל, צו וועלכן ס'האָט געהערט דער הער בוקע, האָט פאַרנומען אַף דער יאַכטע אַלע בעסטע פּלעצער. דאָס לעבן פון דעמדאָזיקן טייל מענטשן האָט אויסגעוויזן, ווי אַ דורכויסיקע פרעכטיקע הוליאַנקע. זייער טאָג פלעגט אַוועקגיין אונטער קלאַנ-גען פון מוזיק, אַמאָל פריילעכע און אַמאָל טרויעריקע. אַ נים קיין גרויסער סטרונע-אָרקעסטער. וועלכן הער בוקע האָט אין מאַר-סעל אָפּגעדונגען. פּלעגט פון מאָרגנס פרי זיך באַזעצן — וועדליק ווען — אָדער אַף דער שיפדעק אָדער אין סאַלאָן, לעבן די קאַיוטן גאָכן ווערן נאָך אָנגעשטעלטער בא די קאַיוטן עסצימער, און וואַרטן ביז דער אָנגעשטעלטער זייער אַרבעט-טאָג. ווערט קומען אין אַף זיין ווונק דאַן אָנהויבן ווערט קומען און נים אַ ווונק.

און אַט לויפט אונטער דער אָנגעשטעלטער קלאַפּט דער הער בוקע האָט זיך אויפגעכאַפּט. דער קאַפּעלמייסטער קלאַפּט מיטן שטעקעלע איבער די נאָטן, וואָס ליגן פאַר אים אַפן שטענ-דער.

— אין וואָס פאַר אַ שטימונג האָט זיך דער הער בוקע אויפ-געכאַפּט?

— אָ, דער הער בוקע האָט זיך אויפגעכאַפּט אין אַ שלעכטער שטימונג! דער פּאָנים איז בא אים ערדפאַרביק גראָ, און ער האָט אַפּילע נים געענטפערט דעם לאַקיי אַפן „גוטמאָרגן"!

טאָר מען, הייסט עס, ניט שפּילן קיין צו הילכיקע, בראַוור-נע, אָדער פֿריילעכע זאַכן: דאָס וואָלט שוין גאר אופּגערעגט דעם הער בוקע. מ'טאָר אויך ניט שפּילן קיין צו טרויעריקע זאַכן. טרויעריקע זאַכן טראָגן אָן אַף הער בוקע אַן אימעט. דאַרף מען אויסקלייבן שטילע, צאַרטע מעלאָדיעס, וואָס זאָלן פֿאַר-טרייבן דעם הער בוקעס שלעכטע שטימונג, ווי אַ לייכטער ווינט פֿאַרטרייבט די וואלקן אַפֿן הימל.

זינגען די פֿידלען, און דער וויאלאָנטשעל האלט אונטער מיט אַן איינגעהאַלטענעם באַריטאָן. איבער די קעפּ פֿון די מוזיקאַנטן גליטשט זיך לאַנגזאַם און צערטלעך דעם קאפעלמייסטערס שטעקעלע.

און ווידער פֿליט דער לאקיי.

דער לאקיי זאגט:

— די הערשאַפֿטן ווינען אריבער אין סאַלאָן אַפֿן לייכטן פֿרישטיק.

שנעל בייטן די מוזיקאַנטן איבער די נ... ווייערע שטענ-דערס. עס שאָרכט די גראָבע פּאַפּיר. מ'... ...יצט שפּילן עפּעס

פֿרײלעכס, עפּעס לײַכטעס און לעבעדיקס, וואָס זאָל וועקן צו שפּאַס און געלעכטער. פֿון וואָס די פֿרימאָרגנדיקע קאַפּע זאָל אויסזײַן באַזונדערס דופּטיק און געשמאַק.

פֿריש און לעבעדיק פֿאָכעט דער קאַפּעלמײַסטער מיט זײַן לײַכטן שטעקעלע. און די פֿידלען זינגען, זינגען די גאַנצע צײַט, ווי לאַנג די הערשאַפֿטן פֿרישטיקן, שפּאַסנדיק און לאַכנדיק, אין סאַלאָן.

די פֿידלען זינגען אַ גאַנצן טאָג. זיי זינגען דאַן, ווען די פֿאַבריקאַנטן ציִלן זיך אין זייערע באַקוועמלעכע און ווייכע וויג-שטולן אַף דער שיפֿדעק, וואַרעמענדיק אַף וואַרעמעס, און שטעקן אויס אַף דער זון די גלאַנציקע פּענימער. זיי זינגען בײַם וואַרעמעס, ווי זינגען אין אײנס ווען אין קאַיוט-קאָמפּאַני הויבן זיך אָן די טענץ.

זיי שווייגן בלויז דאַן, ווען הער ביקע מיט זײַנע כאַווײרים פֿאַרשפּאַרן זיך אין קאַיוטע צוליב וויכטיקע געשעפֿטלעכע שמו-עסן. דאָרטן, הינטער דער פֿעסט-פֿאַרמאַכטער טיר, שאַרפֿן די פֿאַבריקאַנטן זייערע מויכעס, ווי אַזוי מערער אָנצולעבן זיך אָפּן כעשבן פֿונם בירגערקריג אין רוסלאַנד. אין קאָרידאָר די לאַ-קייען גייען אַף די ציִקעס. אַף דער שיפֿדעק הערשט אַ שטילקייט. עס בורטשעט נאָר די שלאַפֿלאָזע, אומדערמידלעכע מאַשין.

אין דאַן, בייס די פֿאַבריקאַנטן שלאָפֿן, עסן, שמידן זייערע רויבערישע פּלענער אין טאַנצן אונטער די קלאַנגען פֿונם סטרו-נע-אָרקעסטער, לעבט זיך דעם אַנדערן טייל באַוואוינער פֿון דער „ווײַסער מעוויע” אַן אײגענעם אָפּגעזונדערטן לעבן.

אין דער מאַשין-אָפּטײלונג, אין היץ און איפּעס, שטייען די הייצער און מאַשיניסטן. דער שטייערער איז פֿאַרגליווערט בײַם ראָד אונטער דער בלענדנדער זון. אַף דער קיך, באַ דער אָנגעגלי-טער פּליטע, אַרבעטן פֿיער רעבי מאַיסים מיט די פֿענדלעך און מיט די סקאָווערדעס; אונטער דער בלאַנק-ווײַסער יאַרמלקע איז זײַן פּאָנים רויט, ווי דאָס פֿײַער אין דער פּליטע, און גלאַנצט פֿון שוויס. דער אויסגעזועצטער-צאָן שלעפּט קאַסטנס פֿונם אײַז-

האַלטפֿוי, רײַבט מיט דער באַרשט דער שפּרעק, העלפֿט צו דעם בופֿעטשיק, העלפֿט אונטער אַלעמען, װער עס האָלט בײַ ניט פֿאַרטיק װערן מיט זײַן אַרבעט.

ער איז פֿאַרכמאַרעט, װי אַ געװיטער־װאָלקן, און קוקט אָנגעבראָגעס. אַפֿטמאָל פֿאַרקװעטשן זיך זײַנע פֿינגער אַזױ פֿעסט, אַז די פֿינגער װערן װײַס.

ער ברומט שטיל און קאַטעגאָריש:

— װאַרט נאָר, אין רוסלאַנד, אַז מירן קומען, װעלן שױן די דאָזיקע פּריצים זיך אָנרײַניקן! זײ האָבן זיך גענומען פֿאַרשאַרן מיט הײליקע הענט די הײסע קױלן פֿון דער רוסישער רעװאָלוציע. זײ װאָלן זיך אַקאָרשט ניט אָפּבאַקן די הענט!

שפּעט נאָך האַלבע נאַכט, װען אײבן װערט אַנטשװיגן די מוזיק און די פֿאַרמאַטערטע דינערשאַפֿט רוימט אָפּ פֿון טיש די רעשטלעך פֿונעם אָװנטברױט, װען אין דער קאַיוט־קאָמפּאַני פֿאַרלעשן זיך די ליכט און הער בוקע אין זײַן קאַיוטע מורמלט שױן פֿון שלאָף, קומט דער אײַזנגיסער־צאַן אין רעבעס קלײנער קאַיוטע.

אומבאַרוויגענדיק. בעט יוליע אױס די בעטן, איר פּנים איז גליקלעך און רויק. די שװערע צײַטן זײַנען אַװעק, פּיער איז װידער בײַ דער אַרבעט! עס גלײבט זיך אָבער נאָך אַלץ ניט. עס שטעלן זיך איר אַלץ פֿאָר די פֿריערדיקע שרעקלעכע טעג. און זי זאָגט מיט אַ זיפֿץ:

— איך בין אײַך זײער דאַנקבאַר, אײַזנגיסער־צאַן, און איך אַכט אײַך, און אײַער פֿרײַנטשאַפֿט מיט זשאַנען איז מיר זײער אָנגענעם. אָבער בײַ אײַך איז אַזאַ ניט קײן אײַנגעהאַלטענער כאַראַקטער, אַז ס׳איז פּאַסיט אַ שרעק. טאַקע. איר קאָנט אַמאָל אָפּטאָן אומזיסט. אַז מ׳זאָל טרעפֿן די רכטרײבן פֿון דער שטעלע און אונדז אַלעמען — מיך און אים, און זשאַנען, און אײַך אַלײן — אַרױסזעצן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. און זשאַן איז אַזױ װי איר: ניט עסן, ניט טרינקען, נאָר באַדערפֿן לאָז אים. אײַ, די קנס, פֿאַרלאָז איך זיך אױף דיר, זשאַן!

פיער רעבו איז אויך אופגעלייגט. אַ גרויסער איניען—צו וויסן, אַז דו האָסט א ז:כערע באשעפטיקונג!

אָפּטער, איי־דער פריער, נעמט ער ארויס זיין טאַבאַקערקע און שטאָפּט אָן מיט טאַבאַק זיין ברוטשקע-ענלעכן נאָז.

— באַ!—זאָגט ער,—אַ באַלאָנעס. מוטער, צו זען דאָרטן אַ געוויטער, ווו דער הימל איז אינגאַנצן ריין!

פּאָרט אָבער גייט דורך בא אים איבערן פּאָנים אַ שאָטן פון טרויער. שווער אָפּזיפצנדיק, זאָגט ער:

— דו, יודיע, האָסט געשטיילט מיט מיר א לעבן פון מי און דאַכקעס, פול מיט סאַמע גרויזאַמע קלעפּ. און פּאָרט זיינען מיר אינערלעך ווייט איינער פון צוויי:טן! מאַך ניט קיין ראַכמאָנעס-פּאָנים: עס איז אזוי, דו פאַרשטייסט מיך ניט. איך בין אין נאַטור צו שווערוואָגיק צו קעמפן, אָבער אין זשאַנען וואָלט זיך מיר וועלן אויסהאָדעווען א רעוואָלוציאָנער. דעריבער פרייט מיך זיין פריינטשאַפט מיטן אויסגעוואַקסן-צאָן: אינם אויסגעוואַקסן-צאָן פלאַקערט א נעשאָמע פון אַ בונטאַר.

דאָ, אין רעבוס קאַיוטע, פאַרשווינדט פון אויסגעוואַקסן-צאָנס פּאָנים די פאַרכמורעסקייט. וואָס מען זאָל ניט ריידן, אָבער מיט יעדן דריי פונם געווינט איז פּאָרט רוסלאַנד אלץ נעענטער און נעענטער. און דאָרטן איז נויטיק יעדער איינער, וואָס איז איבערגעגעבן דער רעוואָלוציע.

פאַרמאַכנדיק די אויגן, זעט דער אויסגעוואַקסטער-צאָן שטעט רוסישע, ארומגעכאַפּטע פון בונטאַרישן פלאַקער; פאָנען רויטע, וואָס באַקרענצן די שטעט, און מיט באַגייסטערונג פלאַמענדיקע פּענימער. זיך זעט ער צווישן זיי.

ניט בעקויעך שוין איינצוהאַלטן זיינע דימיונעס, שרייט ער, פאַרפולנדיק די ענגע קאַיוטע מיטן פאַרשטיקטן דונער פון זיין קאָל:

— דער דאַמפּער קריכט, ווי א שילדקראָט! איך האָב אַף מיין לעבן נאָך ניט געזען אַזאַ שמאַטעדיקע יאַכטע... אוי ארום ווען די רעוואָלוציע זיגן אָן מיך, איך וועל זיך שעמען פאַר די:

פאַווייִרים די אויגן צו ווייזן. ווז. וועלן זיי פרעגן, האָסטו זיך אומגע־טריבן, ווען מיר האָבן דער רעוואָלוציע אונדזער לעצט ביסל בלוט אָפּגעגעבן? און וואָס וועל איך זיי דעמלט ענטפערן, בירגער זשאַן?

ס'איז שפעט, און באַ יוליען קלעפּן זיך די אויגן. אירע באַוועגונגען ווערן פאַרשלאָפן, דער קאָפּ לאָזט זיך אַראָפּ אַף דער ברוסט, זי שלאָפט איין, אָנגעשפאַרט אַף דער קישן.

— אייגנטלעך,—מורמלט דער אויסגעווּצטער-צאָן, — איז מיר שוין צייט צו גיין. נאָר פאַר אַ גאַנצן טאָג איז נישטאָ, ווען אַ וואָרט אויסצורײדן: זיי אַזוי גוט און טאַנץ אַרום אַרום דעם הער בוקע מיט זיין אָפּגעפרעסענער כאָפּטע.

פיער רעבו וואָלט נאָך גערן אַביסל שמועסן. סאָפּקאָלסאָף—אויסשלאָפן זיך וועט מען באַווייזן אין קייווער.

— עס,—זאָגט ער,—זיצט נאָך, אויסגעווּצטער-צאָן. היינט בין איך ניט גליקך צו אַן אַנדער טאָג, געשטימט עפּעס באַריידעוודיק. און אַז איר זייט שוין אין אַ רעוואָלוציאָנערער שטימונג, איז זאָל איך אייך עפּשער דערציילן אַביסל אויספירלעכער וועגן מיין פאָטער? דער אַלטער איז, צום גליק, ניט געווען ענלעך אַף מיר—ער איז געווען גרייט אַראָפּדרייען דעם קאָפּ די בורזשויען, אין דער צייט, וואָס איך האָב אָן אייסעק בלויז מיט הינדלשע קעפּ. מיין פאָטער קאָן איך בלויז מעקאַנע זיין, אָבער צו זיין אַרבעט פעלט מיר אי דער קויעך, אי דער כאַראַקטער אף דעם. באַ, זשאַן, דיין זיידע איז געווען איינער פון יענער מאַכנע געריסטע, וועמעס אָנדענק עס היטן הייליק אַלע פראַנצויזישע פּראָלעטאַריער. דו ביסט שוין גענוג אויסגעוואַקסן אַף אויסהערן דעם גאַנצן עמעס וועגן דיין זיידן. דער אויסגעווּצטער-צאָן האָט עס פאַרשטאַנען אין דיר פאַנאַנדערצובלאָזן דעם פייער פון עמעסער ליבע צו פרייהייט. די צאָרע איז, האָט מיין צונג איז פּעסט צוגעקלעפּט צום גומען און באַוועגט זיך שווער.

פיער רעבו האָט כיטרע אַ קוק געטאָן אַפן אויסגעווּצטן-צאָן און דערנאָך אף זשאַנען.

— מײלע, וואָס קאָן דאָ זײַן — איכ׳ל זיך טײלן מיט אײַך מײַן אויצער.

ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָל, פונקט ווי הינטער דער טיר וואָלטן זיך צוגעהערט פֿײַנטס אויערן.

— פונם פאָטער איז מיר געבליבן א יערושע. אָט, דער טײַוול זאָל עס נעמען — א יערושע פון אַ פּאַריזשער קאָמונאַר! און אָטאָ דאָ איז עס, אַף דער דעק פון דעמדאָזיקן קופּערטל.

אַרויסגענומען א שליסעלע, האָט פיער רעבו זיך געשטעלט אַף די קני, אָפּגערוקט פון אונטער דער בעט אַ קליינעם לעדער-נעם, היפּש אָרומגעריסענעם קופּערטל, אַרײַנגערוקט אין שלאָס דעם שליסל. די ספּראַנדזשינע האָט הילכיק אַ קנאַק געטאָן. דער אויסגעוועצטער-צאָן האָט שווייגנדיק צוגעקוקט, און זשאַן האָט אַזש אויסגעצויגן זײַן דינעם האַלדז.

פון אונטער אַ פּאַק רײַנע געקראַכמאַלטע קראַגנס און בונטע — אַף אַלערליי צופאַלן אין לעבן — שניפּסן האָט דער קוכער אַרויסגעשלעפּט אַ ניט קיין גרויסע פירקאַנטיקע העפטל אין אַ לײַוונטענעם גראָען, מויז-קאָלירנעם אײַנבונד.

דאָס איז געווען אַ גאַנץ געוויינטלעכע העפטל פון אַ פּאָר צענדליק בלעטער, פאַרגעלטע פון עלטקייט און באַשריבענע מיט אַ ברייטער האַנטשריפט. די קאַנטן פון די בלעטער זײַנען געווען צוריסן און ערטערווייז פאַרבויגן.

פיער רעבו האָט מיט זײַנע ברייטע הענט צוגעדריקט דאָס העפטל צום בוזעם פון זײַן שטובּיקער קורטקע.

— דאָס זײַנען די נאָטיצן פון מײַן פאָטער, דעם קאָמונאַר אַלעקסאַנדער רעבו, ווען די ווערסאַלער האָבן אַכזאָריעסדיק פאַרפייניקט אים לעצטן טאָג פון דער פּאַריזשער קאָמונע. אין איר לעצטער שאָ, אַפן טויטנבעט, האָט מיר די מוטער זיי איבערגעגעבן. נאָכדעם, ווי זי איז אומגעלאָפן איבער גאַנץ פּאַריזש זוכנדיק איר מאַן, האָט זי געפונען דידאָזיקע נאָטיצן בײַ אַ זיי-גערמאַכער אין דער דעטערע-גאַס. דו באַקומסט זיי אַלס דײַן

איינגנטום, ושאַן, ווען מיינע אויגן וועלן זיך פֿאַרמאַכן אַף קיינ־מאָל שוין מער ניט צו זען דעם ליכטיקן שיין. באַהאַלט זיי, היט זיי, ווי דעם שוואַרצאַפּל פֿון אויג. און זיי שפּיגלט זיך אָפּ די אָפּענע, ערלעכע נעשאָמע פֿון איינעם פֿון יענע מענטשן, וועלכע האָבן זייער לעבן, זייער פּערזענלעכן גליק מאַקריוו געווען פֿאַר פֿרייהייט. דערדאָזיקער פֿרייהייט האָט מען גיך אונטערגעהאַקט די פֿליגלען. ווער ווייס—עפּשער איז שוין ניט ווייט יענע שאָ, ווען די נעשאָמעס פֿון די פּאַריזשער קאָמונאַרן וועלן אופֿלעבן אַף נייע באַריקאַדן פֿונם אַרבעט-פֿאָלק!

פּיער רעבו האָט מיט יִיראַס-האַקאָוועד אופֿגעהויבן די אויגן צום באַלקן. זיין פּנים דער הינט פֿון פֿליטע פֿאַרגרעבטער פּאָנים איז עפּעס ווי ליכטיק געוואָרן. אַ קינדישע באַגייסטערונג האָט זיך אַף אים אויסגעגאָסן.

דער אויסגעצוצעטער-צאָן האָט אַרופֿגעלייגט זיין האַנט אַף דעם קוכערס הענט.

— כאַווער,—האָט ער געזאָגט מיט אַן אומדערוואַרטעטער פֿון אים ליבלעכקייט,—די זאַך פֿון דיין פֿאָטער איז אין די הענט פֿון די רו־סישע אַרבעטער. און דו וועסט דערלעבן דעם נאַכעס צו זען, ווי דאָס איינ־יקל פֿונם פּאַריזשער קאָמונאַר וועט אַרוף אַף די רוסישע באַרי־קאַדן.

דער אַלטער קוכער האָט שטאַרק געפּינטלט מיט די אויגן. זיין ברוסט האָט געאָטעמט צופּייפֿנדיק. אין קאַוטע איז איינגע־טראָטן אַ שטילקייט, אין וועלכער ס'האָט זיך בלויז געהערט יו־ליעס שלאָפֿנדיקער אָטעם. דאַן האָט דער אויסגעצוצעטער-צאָן ענערגיש אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ.

— נו, ניסאָ וואָס זיך דאָ צוצוויאַכמערן, פֿריינט מיינע, דאָס פּאַסט ניט ניט פֿאַר אַ זון און ניט פֿאַר אַן אייניקל פֿון אַ קאָמו־נאַר. ועצט זיך, פּיער רעבו, און לייענט אונדז דאָס העפֿטל. פֿאַר די טויטע—רום, און פֿאַר די לעבעדיקע—קאַמף און לעבן.

II

דער יאַם ווינט.—פּיער רעבו טרעט צו צו דער דערציילונג.—— די פאַמיליע פון אַן אָרעמען מאָלער.—דער אכטינפערציקסטער יאָר.—אַלעקסאַ׳דער רעבו פאַרבלייבט אין פאַריז.—ס׳איז אויס-גערופן געוואָרן קאָמונע.

עפּעס ווי קלאָגנדיק און אַזוי ווי קאַעסודיק האָבן די כוואַ-ליעס געקלאַפּט אָן בארט פון דער יאכטע. די באַטאָגיקע היץ האָט זיך פאַרביטן אַף באַנאַכטיקן אומוועטער. די לייכטע יאכטע, אַ פאַרוואָרפענע אין דער אופגערעגטער וואסער-וויסטעניש, האָט זיך געבויגן אונטערן אָנדראַנג פונם אַלץ זיך שטאַרקנדיקן ווינט.

דער יאַם האָט געוויינט.

דער יאַם האָט געוויינט היִנטערן ווענטל פון דער קאַיוטע, און אינם גלעזערנעם גראַפין, וואָס איז געשטאַנען אַפן טיש, האָט זיך געוויִגט דער וואַסערפלאַך.

דער אַלטער קיִכער האָט אָנידערגעלייגט דאָס העפטל אַפן טיש און, פאַנאַנדערפּענענדיק זיין גראָען איינבונד, אויסגעגלעט מיט דער האַנט די פאַרגעלטע בלעטער.

דאַן האָט ער אָנגעהויבן ריידן. גערעט האָט ער מיט אַ האַרטן, באַדעכטיקן קאָל, אָפטער אָפּשטעלנדיק זיך און איבערכאַזערנדיק איינציקע ווערטער צו עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד, פּונקט ווי ער וואָלט לייענען עפּעס אַ שווערן קסאַוו. זיינע ברעמען, שוין אַביסל באַפאַרבטע מיט אַ געלער גראָקייט, זיינען די גאַנצע צייט געווען צונויפגעצויגן צום נאָז-וואָרצל. דערציילנדיק, האָט ער נאָכאַנאַנד געקוקט אַריבער די קעפּ פון זיינע צוהערער אַפן שנור פונם עלעקטרישן גלעקל, וואָס איז געהאַנגען איבערן בעט און וועל-כער האָט זיך אומגעוויִגט צוליִב דער אופרעגונג פונם יאַם, ווי אַ פּאַמפּעדיקל פון אַ זייגער.

אָנגעהויבן האָט ער אַזוי:

„מיין פאָטער—דיין זיידע, זשאַן,—אַלעקסאַנדער רעבו, איז געבאָרן אין פּאַריז אין יאָר טויזנט אַכטהונדערט איינונפער-

ציק אין דער פאַמיליע פֿון אַ מאָלער אַ באַלמעטופל. ער איז
אַזוי אַרום שוין אין זיינע פֿריע קינדעריאָרן געווען שוין אַן איי-
דעס פֿון דער רעוואָלוציע פֿון אַכטזנפֿערציקסטן יאָר. די איינ-
דרוקן פֿון זיינע קינדעריאָרן זיינען טומעטיקע און פֿרייד־לאָזע.
דעמדאָזיקן מענטשן האָט מאָדנע ניט בעגליקט אין זיין גאַנצן
לעבן. ער איז געווען דער יינגסטער אין דער פֿאַמיליע, דאָס
נייַנטע קינד. און מאכמעט נויט און קראַנקייט זיינען ניט אַרויס

פֿונם אָרעמען מאָלערס שטוב, איז זיין קומען אַף דער וועלט גע-
ווען גאָר ניט געווונטשן.

געוואַקסן איז ער אינגאַנצן אָן שום אופֿזיכט. די מוטער איז
לאַנגזאַם אויסגעגאַנגען פֿון שווינדזוכט, באַנאַכט פֿלעגט זי זיך
פֿאַרגיין אין אַן אָנגעשטרענגטן בלוטיקן הוסט, איז געווען אַ פֿאַר-
ביטערטע, אַ שרייענדיקע און אַן אומגליקלעכע. דער פֿאָטער
פֿלעגט פֿון פֿרי ביז שפּעט הענגען אין אַ קאָרב סאַמע אונטער
די וואָלקן און מאָלן אַ הײַלכן עס איז קופּאָל אָדער אַ פֿראָנטאָן
פֿון עפּעס אַ זעקסשטאָקיקן הויז, און באַנאַכט פֿלעגט ער אָפּט-

מאל זיין אַ באַלן אַריינגיין אין עפּעס אַ וואָליוועלן שענקל און פֿאַרגעסן זיינע צאָרעס באַ אַ גלעזל ביליקן אָבסעבּס.

אין שטוב האָט מען זעלטן ווען ווען טאָג גען ניין מען טאַג זען ניין סו. פֿלייש

אין שטוב האָט מען זעלטן געזען. די קינדער זיינען גע־פֿלעגט מען קויפֿן בלויז אין אַ יאָנטעוו. די קינדער זיינען גע־וואַקסן, ווי כאַיעס אַף דער פֿריי, ניט קיין געקאַמטע, ניט קיין געוואַשענע און שטענדיק הונגעריקע.

די עלטערע קינדער האָבן זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן איינ־אָרדענען באַ אַ מלאָכע, און אַף די ייִנגערע האָט קיינער ניט גע־קוקט. אָפֿטמאָל פֿלעגן זיי פֿון פֿרי אַוועקגיין, וווּהין די אויגן טראָגן, אומשלעפּן זיך אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, אופֿזאַמלען באַנדעס פֿון אויך אַזעלכע ווי זיי צולאָזענע כעווריע און זוכן עפּעס צו עסן. ניט איינמאָל האָט מען דיין זיידן, וואָן, געבראַכט אַהיים אַ צובלוטיקטן מיט אַן אונטערגעשלאָגענעם אויג אָדער אַן אויסגעלונקענער האַנט. דאָס זיינען אַלץ געווען פֿאַלגן פֿון געשלעגן איבער אַ געפֿונענעם אַפּן טראָטואַר אָפּגעבאַקטן קאָ־שטאַן אָדער איבער אַ שטיקל ברויט, וואָס אַ ווּעלכע ס'איז ווייכ־הערציקע ווייבל פֿלעגט אַמאָל צוואַרפֿן דער הונגעריקער כאָפּטע.

דער פֿאָטער איז געוואַקסן אַ קרענקלעכער, מיט אַן איינגעפֿאַ־לענער ברוסט. שוין פֿון קינדהייט אָן האָט זיך באַ אים אָנגע־הויבן צו אַנטוויקלען שווינדזוכט, וואָס ער האָט געיאַרשנט פֿון דער מוטער. ער איז אָבער געווען אַ ייִנגל אַ לעבעדיקער, אַ פֿאַר־שטאַנדיקער און אַ פֿאַרשנדיקער. פֿון פֿריע יאָרן אָן האָט ער גע־זען אינדערהיים אַ שוידערלעכע אָרעמקייט און אַף די פּאַריזשער גאַסן—זאַטע און גוט געקליידעטע מענטשן. אינדערהיים האָט ער געזען שמיץ, פֿאַרביטערטע און דערשלאָגענע פֿון לעבן עלטערן, קראַנקייטן און איפּעש—און אין די גאַסן האָבן אין פּרעכטיקע איינצלהייזער, פֿאַרטרונקענע אין גרינס פֿון גערטענער, געוואָוינט מענטשן ליידיקגייער, צופֿרידענע און פֿריילעכע, וואָס פֿלעגן פֿאָרן אַף אָפּגעקאָרמעטע פֿערד, פּראַווען גרויסאַרטיקע מאָלצייטן אין די רעסטאָראַנען און פֿלעגן זיך אין די אָוונטן אופֿקלייבן אין די

קלובן און סמאַטערן. אינדערהיים איז געווען אַן אייביקע וואַכע־דיקייט, אָן אַ ליכטשיין, אָן פרייד,—און בײַ יענע האָט געקאָכט און גערוישט אַן אייביקער פריילעכער יאָנטעוו.

דאָס ייִנגל האָט פרי פאַרשטאַנען, אַז דאָס לעבן איז געבויט אויף אומגערעכטיקייט. און פרי איז ער געוואָרן פאַרביטערט. זײַן פאָטער איז געווען אַן אומאַנטוויקלטער האַלב־פאַרשיקערטער מענטש—אַ מענטש, וואָס וואַרפט זיך אונטער אונטער אַלץ. שטעלט זיך מיט אַלץ צופרידן און דערוואַרט פון לעבן גאָרניט ניט. ער האָט זײַן זון אין קיין זאַך ניט פאַרשטאַנען צו העלפן.

און אָט האָט זיך צופלאַקערט די רעוואָלוציע פון יאָר טויזנט אַכטהונדערט אַכטונפערציק.

די פראַנצויזן האָבן מיט מער ווי הונדערט יאָר צוריק אָנגעהויבן זייער קאַמף פאַר פרייהייט און רעכט. מער ווי הונדערט יאָר האָבן די בעסטע פּראָלעטאַריער אָפּגעגעבן זייער לעבן פאַר דער זאַך פונעם פאָלק. און ס׳האָט זיך אַלץ ניט אײַנגעגעבן. אַראָפּגעוואָרפן דעם קעניג, ווײַנען זיי אונטערגעפאַלן אונטער דער הערשאַפט פון אַן אַנדער רעגירונג, וועלכע האָט זיך זיי געזעצט אויפן קאַרק און געטרונקען זייער בלוט מיט אַן עמעס קעניגלעכן אַפּעטיט. שטענדיק האָבן זיך געפונען מענטשן, וועלכע פלעגן פעסט אָנציען די לייצעס. נאָר דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך ניט אײַנגעשטילט. דער פּראָלעטאַריאַט האָט געזאַמלט קויכעס. אין זײַן האַרצן האָט שטענדיק געברענט דער פײַער פון אויפריר. דעמדאָזיקן פײַער האָט מען געקאָנט פאַרשיטן מיט אַש, אָדער פאַרלעשן אים איז ניט געלונגען קיינעם.

צו דער צײַט פון דער רעוואָלוציע פון אַכטונפערציקסטן יאָר איז אויפן פראַנצויזישן טראָן געזעסן דער קעניג לוי פיליפּ, וועלכן די בורזשואַזיע האָט געהאַט אויסגעקליבן. דערדאָזיקער קעניג האָט זיך מיט גאָרניט ניט אונטערשיידט פון אַלע קעניגן פון דער גאַנצער וועלט: ער האָט זיך פעסט אײַנגעקלאַמערט אָן זײַן טראָן,

אַן זיין מאַכט און זיך איינגעאַקשנט ניט צו געבן דעם פֿאָלק קיין וואַלרעכט.

האָבן זיך די אַרבעטער גענומען גרייטן צום קאַמף. אומעטום האָבן זיך געהערט פֿאָדערונגען צוצולאָזן צו דער פֿאַרוואַלטונג פֿאַרשטייער פֿון פֿאָלק. דער קעניג און זיינע מיניסטאָרן האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל דער מוניציפּאַלער גוואַרדיע—די זשאַנ-דאַרמען—איינצוהאַלטן די באַוועגונג פֿון פֿאָלק. דיין זיידע, זשאַן, וועמען ס'איז דאַן געווען אינגאַנצן זיבן יאָר, איז אין יענע טעג געווען אַף די גאַסן אינאיינעם מיטן פֿאָלק. דאָס אַרויסגעפֿירטע אַף דער גאַס מיליטער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אַנטקעגן די אויפֿשטענדלער.

איבער גאַנץ פּאַריז האָבן זיך געטראָגן פֿריידן-געשרייען:

— הוראַ, די סאָלדאַטן!

— הוראַ, די נאַציאָנאַל-גוואַרדיע!

— הוראַ, די אינפֿאַנטעריע!

ס'האָט געהילכט די מאַרסעליעזע.

— נידער מיט לוי פֿיליפּן!—האָט געשריִען דער האַמוין—זאָל לעבן די רעפּובליק!

ווען די סאָלדאַטן פֿאַראַטן—קען דער קעניג שוין גאָרניט ניט טאָן. האָט לוי פֿיליפּ זיך אָפּגעזאָגט פֿון טראָן, איבערגעבנדיק אים זיין מינדעריעריקן אייניקל, און אליין איז ער אַנטלאָפֿן קיין ענג-לאַנד.

דאָס פֿאָלק האָט געפֿאָדערט אַ רעפּובליק. האָט מען אויסגע-קליבן אַ צייטווייליקע רעגירונג. די דאָזיקע רעגירונג האָט אַרויס-געלאָזן אַ מעלדונג: „די צייטווייליקע רעגירונג האָט אָנצוזאָגן דעם פֿאָלק בלויז פֿרייד: די קעניגלעכע מאַכט איז פֿאַרניכטעט, די רעפּובליק איז געוואָרן אויסגערופֿן, דאָס פֿאָלק וועט האָבן פּאָליטישע רעכט".

די אַרבעטער האָבן, סאָפֿקאָלסאָף, אָפּגעאָטעמט. די רעפּובליק איז געווען אויסגעקעמפֿט, ס'איז געווען צייט צו טראַכטן וועגן

דעם, אַז דעם אַרבעטער װאָל זיך אָנהױבן לעבן גרינגער. אין פֿראַנקרײַך האָט זיך אין יענער צײַט בדרך־כּלל צוגעזאָגט...

דעם, אַז דעם אַרבעטער װאָל זיך אָנהױבן לעבן גרינגער. אין פֿראַנקרײַך האָט זיך אין יענער צײַט בדײַס צוגאָסן די אַרבעט־לאָזיקײט — איבער די אַרבעטער־קװאַרטאַלן האָט זיך געשפּירט דער הונגער.

צו פֿרי האָט זיך דער פֿראַנצױזישער פּראָלעטאַריאַט געפֿרײט. אומזיסט איז ער געגאַנגען מאַניפֿעסטירן אַנטקעגן ראַטהױז, פֿאָדערנדיק זײַן „רעכט אױף אַרבעט" — אַרום דער צײַטװײַליקער רעגירונג האָט זיך שױן, װי אַ מאַכנע רױבפֿײגלען, געדרײט די פֿרעסערישע בורזשואַזע, דערשפּירנדיק, אַז ס'איז צײַט פֿאַר איר אױסצושרעקן די לאַפּעס אירע נאָך דער מאַכט. אירע קױכעס זײַנען געװען גרױס. זי האָט דורכגעפֿירט אין דער גרינדונג־פֿאַרזאַמלונג אירע נױטיקע און נוצלעכע פֿאַר זיך מענטשן.

דער פּראָלעטאַריאַט איז װידער געבליבן בײַ גאָרניט.

ער האָט זיך אָבער ניט אײַנגעשטילט. ער האָט זיך גענומען גרײטן צו אַן אױפֿשטאַנד. אין פּאַריז האָט מען שױן גענומען בױען באַריקאַדן. אױף די באַריקאַדן האָבן זיך שױן געשטעלט שטאַנדהאַפֿטיקע קעמפֿער. אָבער די אַרבעטער האָבן ניט פֿאַרמאָגט גאָרניט, חוץ זײער פֿאַרצװײפֿלונג און זײער גרײטקײט צו שטאַרבן. די בורזשואַזיע האָט פֿאַרמאָגט גוט געלערנטע מיליטער. דרײַ טעג איז געגאַנגען אַ בלוטיקער שלאַכט. די בורזשואַזיע האָט געזיגט, די בורזשואַזיע האָט צוטראָטן דעם לעצטן אָנהאַלט פֿון די אױפֿשטענדלער — די סען־אַנטואַנער פֿאָרשטאָט.

און ס'האָט זיך אָנגעהױבן אַ בלוטיקער שײדימטאַנץ.

אָט אין דידאָזיקע טעג איז אינם זיבניאָריקן ייִנגל אין דער גאַנצער גרױס אױסגעװאַקסן אַ פֿאַרביסענער רעװאָלוציאָנער. דאָס ייִנגל איז אָנגעקומען אַפֿן גרענעל־פּלאַץ פּונקט אין דער צײַט, װען די זיגער האָבן דאָרטן צושאָסן זײערע געפֿאַנגענע. דאָס ייִנגל האָט געזען דעם שטאָלצן העלדנמוט, די פֿאַראַכטונג צום טױט און דאָס הײליקע בלוט.

און דאָרטן, באַ די טויטע קערפּערס פֿון די צושאָסענע אַר-
בעטער, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז פֿאַר אים איז פֿאַראַן נאָר איין
וועג—דער וועג פֿון אַ רעוואָלוציאָנער.

די בורזשואַזיע האָט געהוליעט. זי האָט איינגעפֿירט אַ צוועלף-
שאָיִקן אַרבעט-טאָג. זי האָט אָנגעשטאָפּט די טורמעס מיט ווי-
דערשפּעניקע. אַפֿן פּרעזידענטן-שטול האָט זי אַוועקגעזעצט
אַ פֿאַרביסענעם טירנע פֿון פֿאָלק—נאַפּאָלעאָנס פּלימעניק, לוי באָ-
נאַפּאַרט.

דער פּרעזידענט לוי באָנאַפּאַרט האָט זיין אייסעק שוין גוט
פֿאַרשטאַנען—אין דריי יאָר אַרום האָט. ער זיך פֿייערלעך גע-
קרוינט אַלס קייזער.

דו זעסט, זשאַן, ווי ס׳זיינען געגאַנגען די געשעענישן, פֿון
וועלכע דיין זיידע איז געווען אַן אײדעס און וועגן וועלכע מ׳האָט
דיר מיסטאָמע אינם מאַרסעלער קאָלעזש נאָר אַנדערש דערציילט.

דידאָזיִקע אַלע געשעענישן האָבן זיך שווער אָפּגערופֿן אַף
דעם מאָלערס פֿאַמיליע. אויב פֿריער איז די נויט באַ אים געווען
אַן אָפּטער גאַסט, האָט זי זיך שוין אַצינד פֿעסט איינגעבירגערט
אין זיין כווישעכדיקער כאַלופּע.

און דאַן איז געשען אַן אומגליק.

דער אַלטער מאָלער, כאַפּנדיק איינדערפֿרי אַן איבעריק גלעזל,
איז אַריינגעקראָכן אין זיין קאָרב אין זייער אַ געהויבענער שטי-
מונג. ער איז געהאַנגען ערגעץ איבער פּענצטער פֿון אַ פֿינפֿטן
עטאַזש און געזונגען פּריילעכע לידלעך. אָבער זינגענדיק האָט ער
זיך פֿאַרקוקט—און האָט אַ פֿאַל געטאָן פֿון דער שרעקלעכער הויך
אַפֿן ברוק.

אַנשטאָט אַלטן האָט מען צונויפֿגענומען אַ זעקל ביינער.

די מוטער האָט ניט לאַנג איבערגעלעבט איר מאַן:

די שווינדזוכט האָט אויפֿגעגעסן אירע לונגען, און זי איז אין
שרעקלעכע יסורים אויסגעגאַנגען אַף אַ שמוציקער ראָגאָזשע,
צוודריקנדיק אַלעקסאַנדערס קאָפּ צו איר איינגעפֿאַלענער ברוסט.

נאָכן פֿאָטערס פּלוצלונגדיקן טויט האָבן די קינדער זיך געהאַט צו פֿאַרלאָזן בלויז אויף זייערע אייגענע קויכעס. די עלטערע האָבן זיך שוין געהאַט געשטעלט אויף די פֿיס אויף אַזוי ווייט, אַז ווי האָבן שוין ווי עס איז געלעבט דעמזעלבן קלאָגעדיקן לעבן, ווי אַלע פּאַריזשער אַרבעטער. די שוועסטער האָבן כאַסענע געהאַט. אַלעקסאַנדער, וועלכער איז געווען דאַן אין דײַנע יאָרן, זשאַן, האָט זיך איינגעאָרדנט אַלס לערניינגל בײַ אַ זייגערמאַכער אויף דער דעסטרע-גאַס.

קיין שום געהאַלט האָט ער ניט באַקומען. דער זייגערמאַכער, אַן אָנגעבראָוויגעוסטער און אַ קרענקלעכער אַלטער מאַן, פֿלעגט פֿון פֿרי ביז שפּעט אומצופֿרידן בורטשען אויף דער אומרויקער צייט און האָט זיך געפֿרייט, ווען מ׳האָט לוי נאַפּאָלעאָן אויסגעוויצעצט אויפֿן טראָן.

— פֿאַראַן אַ קייזער, איז פֿאַראַן אָרדענונג אין לאַנד,—פֿלעגט ער זאָגן, אונטערהויבנדיק די גרויסע גרויע ברעמען, פֿון אונטער וועלכע ס׳האָבן אַפּערגעקוקט אַ פּאָר קליינע בייזע אויגעלעך.— אין די וואָלקן אַריין שפּרינגט מען ניט,—דאָס דאַרף יעדער איינציקער בונטאַר זיך אָנשרייבן אויפֿן שטערן!

ער פֿלעגט אַלעקסאַנדערן געבן זייער שלעכט צו עסן—דאָס, וואָס פֿון אים אַליין פֿלעגט איבערבלייבן. דידאָזיקע רעשטלעך פֿלעגט אַלעקסאַנדער זיך טיילן מיט זיין שוועסטערל, וועלכע די ברידער זיינען ניט געווען אימשטאַנד אויסצוהאַלטן.

צו צוואַנציק יאָר האָט ער אַוועקגעוואָרפֿן די זייגערמאַכערײַ און איז אַריבער אויף אַ מאַשינענבוי-זאַוואָד—אָנפֿאַנגס אַלס אַ לערניינגל, דערנאָך אַלס אַ שלאָסער. דידאָזיקע צייט פֿון מיין פֿאָטערס לעבן זיינען מיר קימאַט אינגאַנצן אומבאַקאַנט. איך ווייס, אַז ער איז געווען פֿאַרנומען מיט אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. אומגעפֿער אין דערזעלבער צייט האָט ער כאַסענע געהאַט מיט מיין מוטער, אַ שפּיצן-אַרבעטערן. פֿון דער מוטער פֿלעג איך דערנאָך אָפֿטמאָל הערן די נעמען פֿלוראַנס, ריוואָל ריגאָ—

מאַרטירער פֿון דער קאָמונע, מיט וועלכע מיין פֿאָטער פֿלעגט זיך, וואַרשיינלעך, באַגעגענען.

אַפֿן פֿראַנצויזישן טראָן איז געזעסן נאַפּאָלעאָן דער 3-טער. דער אַרבעטער האָט גאָרנישט נים אויסגעשפּילט פֿונם איבערבײַט פֿון אַ קעניג אַף אַ קייזער. נאַפּאָלעאָן דער 3-ער האָט געהאַלטן אין צוים סײַ די אַרבעטער אין סײַ די בורזשואַזיע, אַף וועלכער ער האָט זיך געשטיצט. ווען די בורזשואַזיע, שטרעבנדיק אַרײַנצונעמען אַלץ אין אירע הענט, האָט אָנגעהויבן טרוימען וועגן אַ בורזשו-אַזער רעפּובליק, האָט ער דערלויבט צו מאַכן אין פּאַריז עפֿנט-לעכע פֿאַרזאַמלונגען מיטן רעכט צו ריידן דאָרטן אַף אַלערליי טעמעס.

די אַרבעטער, וועלכע זײַנען געווען אַנטוישט אין די „רעפּוב-ליקן", פֿלעגן אַף די דאָזיקע פֿאַרזאַמלונגען אָפֿן ריידן וועגן אַ קאָ-מונע.

דאַן האָט נאַפּאָלעאָן דער 3-טער מיט אַ גיצאָכן געזאָגט צו דער בורזשואַזיע:

— איצט ווייסט איר, וואָס אייך דערוואַרט. צווישן דעם פּראָ-לעטאַריאַט און אייך שטיי איך איינער, ווי אַ וואַנט, ווי אייער לעצטע שוץ. איז באַטראַכט זיך אַליין, צי איז פֿאַר אייך גע-ווונטשן אַראָפּצוּוואַרפֿן מיין הערשאַפֿט, צי איז געווונטשן פֿאַר אייך אַ רעפּובליק!

פֿאַר נאַפּאָלעאָן דעם 3-טן איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע מיט דײַטשלאַנד. דאָס איז געווען די סאַמע שענדלעכסטע מילכאָמע פֿאַר די פֿראַנצויזישע אימפּעריאַליסטן. די דײַטשישע גענעראַלן פֿלעגן צוקלאַפּן די פֿראַנצויזישע גענעראַלן אַף ברעקלעך. אונדזע-רע אַרמייען פֿלעגן אָפּטרעטן. בײַ סעדאַן האָבן זיי באַקומען אַ טויטקלאַפּ. נאַפּאָלעאָן דער 3-טער האָט זיך איבערגעגעבן אין גע-פֿאַנגנשאַפֿט, 4-טן סענטיאַבר 1870 נעמט דאָס פֿאָלק די פֿאַרטיי-דיקונג אין זײַנע אייגענע הענט.

עס ווערט געבילדעט אַ רעגירונג פֿון נאַציאָנאַלער פּאַרטיי־דיקונג מיט טיערן אין דער שפּיץ.

די דייטשן גייען צו צו פּאַריז. טיער וויל אָבער ניט מיל־כאָמע האַלטן — ער וויל בעסער שליסן אַן אָפּמאַך מיט די דייטשן, קעדיי מיט זייער הילף צו פֿאַרפֿעסטיקן זיין הערשאַפֿט און זעצן זיך דעם אַרבעטער־קלאַס אָפֿן קאַרק.

ער ציט אָפּ די וואַלן. דאָס פֿאָלק איז אויפֿגערעגט. טיער מיט זיין רעגירונג אנטלויפֿן קיין ווערסאַל, אין פּאַריז רופֿט דאָס פֿאָלק אויס א קאָמונע.

טיער גיט זיך ניט אונטער. ער פֿאָרמירט מיליטער קעגן דער קאָמונע. עס צופֿלאַקערט זיך אַ בירגערקריג.

צו דער צייט איז מיין פֿאָטער געווען אַלט דרייסיק יאָר. איך געדענק אים זייער גוט. ער איז געווען א הויכער, אַ דאַרער, מיט אַן איינגעפֿאַלענער ברוסט, מיט א שטילן קאָל און מיט הע־לע, גרויסע, שטענדיק לאכנדיקע אויגן. דער קאָפּ זיינער איז גע־ווען אַ שמאָלער, ענלעך אַף אַן איי. אַף דער שפּיציקער געטבעט האָט זיך בעגרייזלט אַ טונקעלע בערדל. ער איז שטענדיק געווען פֿריילעך, פֿריינטלעך און באַוועגלעך. ניט קוקנדיק אַף דער שווינדזוכט, וואָס האָט זיך בא אים אנטוויקלט, האָט בא דעמדאָ־זיקן מענטשן געשפּראצט לעבן, ווי פֿון א קוואַל.

מיר געדענקט זיך באַזונדערט קלאָר דער טאָג, ווען סאמע פֿאַר דער באלאגערונג פֿון פּאַריז האָט דער פֿאָטער מיך מיט דער מוטער אָפּגעשיקט אין דאָרף צו א פֿאַרהייראַטער שוועס־טער.

עס איז געווען אַ פֿייכטער, אַ פֿאַרכמורעטער טאָג. א דינער ריעגן האָט זיך נודנע געצויגן אָן אן אויפֿהער, די שטיינער פֿון ברוק האָבן געגלאנצט. איך מיט דער מוטער זיינען געזעסן אַף אַ דאָרפֿישער פֿור, אַן אָנגעפּאַקטער מיט שטרוי, דער פֿאָטער איז געשטאנען דערלעבן מיט א בלויען קאָפּ, און דער רעגן האָט גענעצט זיינע צושויבערטע לאָקן.

די מוטער האָט געוויינט. איך האָב זיך געזעגנט צום פֿאָטער מיט די הענט, וועלכע ער האָט אַריינגענומען אין זיין ברייטער האַנט און געזאָגט לאַכנדיק:

— ס'איז גאָרניט, גאָרניט. אָט, מיר וועלן דאָ דערוויילע מיט אַלעמען פֿאַרטיק ווערן—מיט די דייטשן און מיט די אייגענע.

די פֿור האָט זיך גענומען רירן, סקריפּענדיק מיט די גרויסע רעדער. איך געדענק דעם געשטרייפֿטן צודעק אויפֿן רוקן פֿונעם נאַסן פֿערד, די דריי פֿיכטנבוימער בײַם שלאַגבוים, די שמוציק־ברוינע פֿעלדער הינטער דער שטאָט...

מער האָבן מיר דעם פֿאָטער ניט געזען.

אין דעם העפֿטל, וואָס איך וועל אייך דאָ באַלד דורכלייענען, האָט דער פֿאָטער איילנדיק פֿאַרשריבן די העראָאישע עפּיזאָדן פֿונעם קאַמף פֿון די קאָמונאַרן קעגן די ווערסאַלער. אין זיי איז קיין אָרדענונג ניטאָ, אָבער בעסער איידער אַסאַך אַנדערע היסטאָרישע ווערק דערציילן זיי וועגן דער העלדישער פֿאַרטיידיקונג פֿון דער קאָמונע און וועגן דעם טויט פֿון די בעסטע פּאַריזשער פּראָלעטאַריער.

III

אלעקסאנדער רעבוס נאָטיצן.

פֿון פֿרי אָן פּלאַצן היינט איבער פּאַריזש באָמבעס. די ווערסאַלער אַרטילעריע שיסט אין די לאַזאַרעטן פֿון דער קאָמונע. דער הימל איז שוואַרץ פֿון רויך, און אָפֿטמאָל פֿאַרשטעלט דער רויך די זון. צום געווער, קאָמונאַרן!

פֿון ראַטהויז בין איך אומגעפֿאָרן איבער גאַנץ שטאָט. שווער צו געפֿינען אַ גאַס, וווּ ס'זאָלן ניט זיין אויסגעבויט קיין באַריקאַדן. די גאַסן זיינען פֿול מיט מענטשן. איבער די בולוואַרן איז דורך אַ מאַכנע אַרבעטער. צווישן זיי האָב איך געזען פֿרויען. אַלע זיינען זיי געווען באַוואָפֿנט ווער מיט ביקסן, ווער מיט

פּיסטאָלעטן, ווער מיט גראָבאַייזנס און ברעכשטאַנגען אויף בויען באַריקאַדן. זייערע ניט אויסגעשלאָפֿענע פּנימער זײַנען געווען ערדפֿאַרביק־גראָ, ווי דער שטויב אויפֿן וועג, דורך די צוריסענע בלוזעס האָט דורכגעשימערט דאָס הוילע לײַב.

איבער זייערע קעפּ אינדערלופֿטן האָט געפֿלאַטערט אַ ווײַטע פֿאָן, אַ צעלעכערטע פֿון קוילן און גראַנאַטן־שפּליטער.

גייענדיק אין פֿוס, האָבן זיי געזונגען:

אַלע פֿעלקער זײַנען ברידער,
די טיראַנען — אונדזערע פֿײַנט.

פֿון די שאָמאָנער הויכקייטן האָט מען געפֿירט פֿאַרווונדעטע. מ׳האָט זיי געפֿירט אויף אָפֿענע פֿורן, וועלכע עס האָבן מיט אָנשטרענגונג געשלעפּט פֿאַרמאַטערטע פֿערד, אַזוינע דאַרע, אַז זייערע ביינער האָבן שיִער ניט דורכגעשניטן זייערע ברודיקע פֿעלן. די פֿאַרווונדעטע זײַנען געלעגן צונויפֿגעוואָרפֿן אויף די וועגענער. און צווישן די האַרצרײַסנדיקע קרעכצן האָבן זיך פֿון דאָרטן געהערט אויסגעשרייען:

— צום געווער! אויף די באַריקאַדן!

— געווער פֿאַר אַלע פּראָווינצן!

— מיר וועלן פֿאַרטיידיקן יעדן טראָט ערד!

— געווער פֿאַר אַלע מאָזאָליקע הענט!

איינער פֿון זיי איז געשטאַנען אויף אַ קני, האַלטנדיק זיך פֿאַרן ברעג פֿון וואָגן. דורכן שלעכט אײַנגעוויקלטן בינט אויפֿן קאָפּ איז אין ראָזיקע פֿלעקן דורכגעגאַנגען דאָס בלוט. קאָנוואַלסיוו האָט ער פֿאַנאַנדערגעעפֿנט דאָס מויל, ווי אַ פֿיש, אַן אַרויסגעוואָרפֿענער אויפֿן זאַמד. זײַן קאָל האָט זיך געריסן פֿון האַלדז אין הייזעריקע אויסגעשרייען:

ער האָט געשריען:

— זאָל מען מיר אַרויסנעמען די קויל פֿון שאַרבן, וועל איך צוריק זײַן אויף מײַן אָרט! זאָל מען מיט אַ באַנדאַזש פֿון דאָרטן

אַרויסשאַרקענען! וואָס פירט מען מיך אין לאַזאַרעט? איך בין נויטיק אַף דער באַטעריי. וועגסי איז געפאַלן, זשול גאָמאַנד איז געפאַלן, די ברידער גאושע זיינען געטויט, אָבער דער האַרמאַט קען נאָך ריידן!

אַ שטראָם בלוט האָט אים אַ שפּאַר געטאָן פון האַלדז, ער איז געפאַלן, אַריבערהענגענדיק זיך איבערן קאַנט פון וואָגן, זיינע הענט זיינען אַראָפּגעהאַנגען, ווי שטריקלעך, און איבער זיי איז אין העלע רײַטשקעלעך אַראָפּגערונען דאָס בלוט.

אויפן ווייסן פּלאַץ האָב איך באַגעגנט אַ מאַכנע פרויען. דאָ האָט מען קוים איבער דער גאַס געבויט אַ באַריקאַדע. אָנעמענדיק פאַר די שפּאַרעס פון די רעדער, האָבן די פעדעראַליסטן צוגע-פירט אַ האַרמאַט אונטער דער באַדעקונג. אַפן האַרמאַט, וועלכן ס'האָט זיך שוין איינגעגעבן איינצושטעלן, איז אַרויף אַ פרוי, אַ יונגע, מיט בלאָנדע, קימאַט רויטע האָר, וועלכע זיינען געווען באַ איר אויפן נאַקן איבערגעבונדן מיט אַ געדרייטן שטריקל. אירע שרעקלעך צוזאַמענגעטע אויגן האָבן גלייך געקוקט אין דער מאַכנע פרויען, וואָס האָבן זיך צונויפגעקליבן אַרום דער באַרי-קאַדע.

דאָס איז געווען אַ רוסישע פרוי, איינע פון די רוסן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אין אונדזערע רייען.

הויך אויפהויבנדיק איבערן קאָפּ אירע בויגעוודיקע הענט, האָט זי געשריען:

— פאַריזשער פרויען! מיר זיינען פרויען פון פרייע מענטשן פרויען פון אַרבעטער, טעכטער פון אַרבעטער. מיר קעמפן פאַר דער צוקונפט, ווען די אַרבעט וועט זיין פריי. נעקאָמע, נעקאָ-מע! פאַרגעסט ניט, וויפל ס'זיינען שוין געפאַלן. מוטערס, שיקט אייערע זין, שוועסטערס — אייערע ברידער, פרויען — אייערע מענער!

די מאַכנע האָט זי אַ כאַפּ געטאָן און זי אַוועקגעטראָגן. און לאַנג נאָך האָב איך געקאָנט זען איר קאָפּ און אירע האָר, וואָס

האָבן געברענט, ווי אַ פלאַם, און געהערט איר הויכן, שוין עס-וואַס היסטעריקלעכן קאָל:

— פאַריזש וועט זיך ניט אונטערגעבן! מיר קאָנען ניט, מיר ווילן ניט לעבן אין קנעכטשאַפט. מיר וועלן שטאַרבן פרייע מענטשן!

אָפן טוליערי-פּלאַץ איז פאָרגעקומען אַ מיטינג, ווו מ׳האָט גערעדט וועגן די אַלמאָנעס און יעסומים פון די געפאַלענע קאָ-מונאַרן. צאַלרייכע מענגעס האָבן געזונגען אַ הימן דער קאָמונע. אַ וואַלד פאַרקוועטשטע פויסטן האָט זיך געהויבן צום פאַרויכערטן הימל: „קאָמונאַרן, צום געווער!“

די שאַנצן אָטעי זיינען געפאַלן, די ווערסאַלער האָבן זיך אַריינגעריסן אין די קוואַרטאַלן גרענעל און טראָקאַדעראָ. דער כאַווער אַסי מיט טויזנט צוויי הונדערט פעדעראַליסטן זיינען פאַרנומען אין געפאַנגענשאַפט.

צו נאַכט איז גענומען געוואָרן דער טריומפאַלער טויער.

— מיר וועלן זיגן אָדער שטאַרבן! זאָל לעבן די קאָמונע!

*

פיר אַזייגער אינדערפרי, אַ גאַנצע נאַכט האָבן געקלאַפט די האַרמאַטן. זיי האָבן געשאָסן מיט לאַדונגען, אָנגעפילטע מיט נאַפט. אין שטאָט קומען פאָר שרייפעס. איך זיך הינטער די באַ-ריקאַדן אַף אַן אָפּגעבראָכענעם שטיק ראָד. די האַנט פאָלגט מיר קוים. פאַר דער נאַכט האָבן מיר אָפּגעשלאָגן עלף אַטאַקעס, אָדער צוועלף. כ׳געדענק ניט.

פיר אַזייגער אינדערפרי, און דער סוינע איז אָנטשוויגן גע-וואָרן. דער ברוק איז פאַרגאָסן מיט בלוט, פאַרוווּנדעטע קרעכצן — מ׳וועט באַלד קומען נאָך זיי. דער הימל איז רויט, ווי בלוט, די זון איז אויפגעגאַנגען.

אַ כאַווער איז אַנטלאָפן פון געפאַנגענשאַפט. ער איז אינגאַנצן אַ צודראַפּעטער, אַ צובײלטער, דער גאַנצער פּאָנים זיינער איז

אין דורכויסיקע וונדן, בלויז די אויגן זייגע גלאַנצן און עס זעט זיך, ווי ס׳באַוועגן זיך די שוואַרצבלויע ליפּן.

זיי טויטן די געפּאַנגענע. פון דעם כאַווער אָסיס אפּשטילונג איז קיינער ניט לעבן געבליבן. בלויז דער איין אַנטלאָפענער כאַווער.

דער אָפיצער, וואָס פירט אָן מיט די צוזיסונגען, האָט געזאָגט:

— ווענן שאָלעם-אונטערהאַנדלונגען קאָן קיין רייד ניט זיין. אין פּאַריזש וועלן מיר ניט איבערלאָזן אַ שטיין אַף א שטיין. דעם אופשטאנד פון די גאַנאָוויס און מערדער וועלן מיר דערטרינקען אין זייער אייגענעם בלוט. אין שטויב וועלן מיר פאַרוואַנדלען די קאַטעדראַל פון דער פּאַריזשער גאַסטוטער, לוור און די יעליסייער פעלדער, אָבער קיין איין קאָמונאַר וועט ניט אַרויס קיין לעבעדיקער פון דער שטאָט-זאָנע.

דער קאָפּ שפּאַלט זיך פון מידקייט, און ס׳דוכט זיך, אַז אין די אָדערן גיסט זיך אָנשטאָט בלוט — צוגאָסענער בליי. צום געווער, פאַרווערטיילטע! עס לאַכט דער, ווער עס לאַכט דער לעצטער.

*

די נאציאָנאַל-גוואַרדייער פונם קוואַרטאַל פּאַסי האָבן צוריק באַקומען זייער רעוואָלוציאָנערן גייסט. פאַר צוטראַגנקייט איז נישטאָ קיין אָרט אין זייערע רייען. באַ יענער בריק שוואַרצט זיך זייער באַריקאַדע, ווי דער קערפּער פון אַן אומגעהויערן כאַוער. ס׳דוכט זיך, אַז די באַריקאַדן וואַקסן אויס פון דרערד אָן דער הילף פון מענטשנהענט.

די ערד, אַן אָנגעזאַפּטע מיט העלדנבלוט, געבוירט זיי אַליין.

די געביידע פונם פינאַנץ-מיניסטעריום שטייט אין פלאַמען. איר געלבלעכער קאַרניז איז אײנגאַנצן אַרומגעלעקט פון די פייערצינגער און רויכערט זיך. פאַרייסנדיק דעם קאָפּ, זע איך די

פּיטשינקע פיגורלעך פון די פייערלעשער. ווי אַ פייערדיקער רעגן, פאַלן די פונקען אפן ברוק. עס דונערט דער שטורעם-גלאָק. זיין קאָל איז ענלעך צום קלאַפּן מיט אַ פויסט איבער אַ טשוהוגענעם רעלס. דאָס האָט די קאָמונע פאַרקוועטשט די פויסטן און זעצט אין ווילדן צאָרן איבער ווערסאַל.

— זאָל לעבן די קאָמונע!

לויפט אַ פרוי. שיר וואָס זי וואַרפט מיך ניט אַנידער. זי איז צעווילדעוועט, אירע גראָע האָר האָבן זיך אין אַ פאַרפלאָג-טערטן קנויל אַראָפּגעלאָזן אַף די אַקסלען. זי הויבט אויף הויך איבערן קאָפּ דעם טויטן קערפּער פון אַ קינד און גרילצט:

— מיט איין קאַמונאַר ווייניקער! געטויט איז מיין לולו, זעט, דערהאַרגעט איז לולו! נאָך מיט איין קאָמונאַר ווייניקער!

דער איינציקייט-פּלאַץ איז אַרומגערינגלט, די באַריקאַדן זיי-נען צושליידערט, דרייהונדערט לעבנגעבליבענע כאַווייריִם האָבן באַוועצט דעם קלויסטער מאַדלען. קיין איינער וועט פון דאָרטן ניט אַרויס. דאָמבראָווסקי, אונדזער ערלעכער דאָמבראָווסקי, אונ-דזער קאָמאַנדיר, האָט אויסגעשאָסן אין זיך אַף דער באַריקאַדע פון דער פרידנגאַס.

די קאָמונאַרן זיינען אים מעקאַבער.

דער האַמוין טראָגט זיין קערפּער, ס׳הערט זיך אַ געוויין, אַ שטיל געוויין — ניטאָ מער מיט אונדז דער כאַווער דאָמ-בראָווסקי.

מאָנמאַרטר איז גענומען...

די נאַכט פון מיטוואָך אַף דאָנערשטיק. פּאַריז ברענט, ווי אַ פאַקל, דער הימל איז בלוטיק רויט. פונקט ווי מ׳וואָלט אַ גוואַלטיק גרויסן אין בלוט אויסגעווייקטן ליילעך פאַרצויגן איבער די דעכער פון די פלאַקערנדיקע געביידעס. אין שטאָט גייט אַ וואַקכאַנאַליע פון צושיסונגען. איך געדענק ניט דעם נאָמען פון דער גאַס, ווו איך געפין זיך איצט מיטן כאַווער רענע.

די לאָדנס פֿון די הייזער זײַנען פֿאַרמאַכט. די גאַס איז פּוסט, און דאָרטן באַם סאָף גאַס שוואַרצט זיך מעשוגנעדיק די צוריסענע באַריקאַדע. מיר לעבן? יאָ, מיר לעבן נאָך. אָבער די קאָמונע איז ניטאָ. געטויט איז די קאָמונע.

די וואַנט, צו וועלכער איך האָב זיך צוגעשפּאַרט מיטן רוקן, איז קאַלט פֿון נאָכמיטאָגיקער פֿײַכקייט. דער כאַוּער רענע האָט פֿאַרקוועטשט די פֿויסטן און זעצט מיט זיי אין וואַנט, איבער-כאַזערנדיק זיגלאָז:

— די קאָמונע איז געטויט! די קאָמונע איז ניטאָ! די קאָ-מונע איז געטויט!

זײַן פּנים איז צודראַפּעט פֿון אַ שפּליטער, די רעכטע אויג איז אויסגעשלאָגן. עס שפּאַרט פֿון איר דאָס שוואַרצע בלוט.

איך נעם אַרויס דעם רעוואָלווער פֿון קעשענע.

— עפּשער שוין צייט, כאַווער רענע?

ער קוקט אַף מיר מיט זײַן אייניציקער לינקער אויג. מיר שווײַגן לאַנג. ער לאָזט אַראָפּ די הייסע האַנט אַף מײַן רעוואָלווער.

— וואַרט נאָך, כאַווער רעבו. עפּשער וועלן נאָך אַנדערע לעבנס צוניץ קומען. די קאָמונע איז צושלאָגן אין פּאַריז, זי וועט אָבער אָפּטנייַ אַלץ ווידער און ווידער אויפֿלעבן אין טולוז, רואַן, באָרדאָ — אומעטום, אומעטום, ווו דער פּראָלעטאַריער זוכט פֿרײַהײַט!

ער איז גערעכט. די קאָמונע איז צושלאָגן, די שלאַכט גייט נאָך...

*

מיט אַ בלויזן קאָפּ, מיט אַ פּנים אַ פֿאַרשמירטן פֿון בלאָטע און פֿון פּולווער-רויך און מיט פֿאַרסמאַליעטע הענט גיי איך אי-בער די גאַסן פֿון דער פֿאַרומרייניקטער שטאָט. איך ווייס ניט וווּהין איך גיי. פֿאַר אַ קאָמונאַר זײַנען אַלע טירן פֿאַרשפּאַרט. פֿאַרוואָס נעמט מען מיך ניט אָן?

עס טאָגט. די שטאָט איז פֿול מיט אַ קנאַקן פֿון שאָסן און מיטן ראַש פֿון די פֿאַלנדיקע פֿון די דעכער באַלקנס. די גאַסן זיינען פֿאַרפֿולט מיט מענטשן. די סאָלדאַטן רייסן זיך אַריין אין הייזער, שלעפּן פֿרויען, קינדער, אַלטע לייט. דער האַמוין ווילדעוועט. דאָ און דאָרט הערן זיך אויסגעשרייען:

— דער האָט זיך געשלאָגן אויף די באַריקאַדן!

— שיסט אָט די אָ, זי פֿלעגט פֿאַרבינדן די פֿאַרווונדעטע!

— אָט איז אַן אונטערצינדער! ער האָט אונטערגעצונדן הייזער! איך האָב אים געזען מיט אַ פֿאַקל לעבן אונדזער הויז!

מען כאַפּט זיי און מען בינדט זיי צונויף צו פֿינף, צו צען, צו פֿופֿצן מענטשן. מען צושיסט זיי מיט מיטראַליעזן. שרייענדיק און קוויטשענדיק, פֿאַרענדיקט דער האַמוין דערהאַרגענען די פֿאַרווונדעטע. ווערסאַל פֿאַרכלינעט זיך אינם בלוט פֿון שולדיקע און אומשולדיקע.

איך בין פֿאַרמאַטערט. איך בין צופֿייניקט. איך גיי צו צו אַ מאַכנע. דאָס זיינען אַלץ אָפּגעמישפּטע. אָן אַ זייט רייניקן די סאָלדאַטן מיט די שאַמפּאַלן זייערע אָנגעגליטע ביקסן.

צוויי סאָלדאַטן שלעפּן אַ יונגנמאַן, שרייענדיק.

— אָט איז מעושי, דער קאַפּיטאַן, ער האָט זיך געשלאָגן אויף דער גאַס רואַיאַל!

דעם יונגנמאַנס פּנים איז אָפּגעמאַטערט, פֿאַרשטיינערט.

אין דער מאַכנע אַרעסטירטע אַן אויסגעשריי:

— דאָס איז ניט מעושי! דאָס איז אַן אַנדערער!

דער יונגערמאַן שאָקלט מיטן קאָפּ:

— איז דען ניט אַלץ איינס?

מען דערהאַרגעט אים אינאיינעם מיט די איבעריקע.

דאָ גופֿע גראָבט מען זיי אויס קווערים, און די קווערים וואַרפֿט מען אויך נאָך ניט קיין אויסגעגאַנגענע. דורך קלאַפּן אָן זייערע ציטערנדיקע קערפּערס די שטיקער ערד, שווידערלעך רירט זיך דאָס בערגל אויפֿן פֿרישן קייווער.

דער זיגער טיער האָט געזאָגט:

— די סאלדאַטן האָבן געטאָן אַ גרויסע טויווע דעם פאָטער-לאַנד.

די סאלדאַטן, סאלדאַטן! קינדער פון פאָלק!

*

דער אלטער זייגערמאכער פון דער דעסטרע-גאַס, בא וועמען איך האָב אין דער יוגנט געאַרבעט אלס לערניינגל, האָט מיך צו זיך ארייגענומען. איך ווייס, ער פרייט זיך מיט טיערס זיג און מיטן אונטערגאַנג פון דער קאָטוגע. נאָר דער אַלטער האָט זיך, אַפּאָנים, דערמאָנט די פריערדיקע יאָרן, און דאָס געוויסן האָט זיך אין אים אַ ריר געטאָן.

דאָ איז אַלץ אַזוי, ווי ס'איז געווען מיט צוואַנציק יאָר צוריק. די צייט האָט, דוכט זיך, ניט אָנגערירט די אַלטע כאַלופקע. אין פאָדערצימער האָבן אף פאַרשיידענע שטימען געטיקעט די זייגערס, מיט וועלכע אלע וועגט זיינען געווען באַהאַנגען פון אויבן ביז אַראָפּ. מיר דוכט, אַז די זייגערס גופא זיינען אויך די־זעלבע—גרויסע און קליינע, קיילעכדיקע, לענגלעכע און פירקאַנטיקע.

אין דעם הינטערשטן קאמערל, ווו איך זיך אצינד, איז נאָך פאַראַן דערזעלבער מאטראַץ, אף וועלכן איך פלעג ייִנגלווייז פאַרגיסן טרערן פון פאַרביטערונג און באליידיקונג. אן אלטער פאַרלאָטעטער מאטראַץ, אָנגעשטאָפּט מיט פאַרפוילטער ראגאָושע... פאַר די צוואַנציק יאָר האט אַלעקסאנדער רעבוו זיך אפגעוואָינט פון ווייגען!

דער זייגערמאכער איז געוואָרן אלט און שוואַך, געבויגן צו דער ערד, האט אָנגעוואָרן די ציינער. אָבער אונטער די גרויסע צושויבערטע בּרעמען זיינען די אויגעלעך זיינע נאָך אלץ אזוינע שארפע און בייזע. אָנשפּאַרנדיק זיך אף זיין הילצערנעם שטעקל

מיטן פראָסטן בלעכענעם הענטל, שאָקלט ער מיטן קאָפּ און סשמאָקעט:

— דערטאַנצט זיך. ליבינקע. אזוי, אזוי, איך האָב שטענדיק געאַכט די אָרדענונג סאי אין מיין מלאָכע, סאַי אין לעבן, איז אָט קריך איך איצטער ניט אונטערן מאַטראַץ, ווי אַ פֿאַרסאַמטער האָז. איך קריך ניט, ניין, און איך פֿריי זיך מיט דער אָרדענונג.

ער האָט מיר צוגעזאָגט צו נאַכט צו קריגן פֿאַר מיר קליידער און אַ גאָלמעסער אַף אָפּצוגאָלן די באָרד מיט די וואָנצן. באַ־נאַכט וועל איך זיך סטאַרען צו דערגיין צו דער גרענעץ פֿון שטאָט. אומעטום שטייען פּיקעטן פֿון די ווערסאַלער. איך וועל האָפֿן, אַז ס׳וועט אָפּגילטן.

— אזוי, אזוי,—סשמאַקעט דער אַלטער.—שיר ניט פֿאַרבערענט גאַנץ פּאַריז. נו, פֿרייט זיך איצט, הערן קאָמונאַרן, ציילט אייע־רע כאָוויירים אַף די פֿינגער.

ווען ער נעמט סאָפּקאָלסאָף אוועק, וואַרף איך זיך אַנידער אַפֿן מאַטראַץ און שלאָף טייקעף איין.

מיין שלאָף איז אַ שווערער, אָן כאַלוימעס.

איך כאַפּ זיך אוף פֿאַרנאַכט. דורכן הויכן פֿענצטערל פֿון קאַ־מער קוקט אריין די זון, וועלכע דאַרף באלד אונטערגיין. אין פֿענצטערל זעען זיך די גרינע בלעטער פֿון אַ פּלאַטאַן. אין פֿאָ־דערציטמער שרייען הילכיק מענער־שטימען.

זיי ווערן אַלע אַף אמאָל פֿאַרשטומט. און איצט הער איך דייטלעך דעם אַלטן זייגערמאַכערס סשמאָקען:

— ער איז דאָ,—זאָגט ער, אויסריידנדיק די ווערטער מיט אַ פּייפֿנדיקן שעפּטשען.—אַ קאָמונאַר. אַלס קינד איז ער געווען אַ לערניינגל באַ מיר אין געשעפֿט, איך האָב שוין דאַן געוווּסט, אַז פֿון איס וועט אַרויס אַ רויבער. ער האָט שוין דעמלט אויס־געקוקט, ווי אַ וואָלף. אזוי, אזוי. געקומען היינט אינדערפֿרי. סראַכט איך מיר, מיילע, וועל איך אים באַהאַלטן, ער זאָל ניט

אַנטלויפֿן ערגעץ. אָט וועט קומען דער הער קאַפּיטאַן, וועל איך אים, דעם רוּבער, אַ לעבעדיקן ארויסגעבן...

פּאַשעט.

קלאָר.

דאָס העפֿט באַהאַלט איך אונטערן מאַטראַק. איצט דאַרף מען זיך פֿאַרקאַמען די האָר. פֿאַרן טויט וועל איך אַף אַ ווײַלינקע, בלויז אַף איין מינוט נאָר פֿאַרמאַכן די אויגן, כּדי צו זען די פּנימער פֿון מײַנע ליבע — פֿון לויזען און פֿון פּיערן, אַ גליק, וואָס זיי זײַנען דאָ ניטאָ. דעם טויט וועל איך באַגעגענען מיט אָפֿענע אויגן.

קאָמונאַרן קאָנען לעבן. קאָמונאַרן קאָנען זיך שלאָגן. קאָמונאַרן קאָנען שטאַרבן.

— זאָל לעבן די קאָמונע!

. . . .

בא דעם האָבן זיך אַלעקסאַנדער רעבוס נאָטיצן איבערגעריסן.

IV

וויאַן קאָן ניט פֿאַרבלײַבן אין דער קאיוטע. — דער יאַם רוישט. — דאָס קינד האָט געזאָגט: „שטיל, איך בין גרייט". — דער דאָקטער לייזט פֿון יאַבקראַנקייט. — קאָמונאַרן באַוויינען ניט דאָס פֿאַרגאַנגענע.

דער אַלטער קוכער האָט לאַנגזאַם פֿאַרמאַכט דאָס העפֿט און מיט אומזיכערע, פֿון אויפֿרעגונג ציטערנדיקע פֿינגער גענומען פֿאַרבינדן די בענדלעך פֿונם לייוונטענעם אײַנבונד. זײַנע שווערע אויגנלעפּלעך זײַנען געוואָרן רויט פֿון טרערן, וואָס האָבן זיך פּלוצלונג אַ שפּאַר געטאָן פֿון זײַנע אויגן און זײַנען לאַנגזאַם, אָניאָגנדיק איינע די צווייטע, געקראָכן איבער זײַן טיף־ערנסטן פּנים. די יאַכטע האָט זיך זייער שטאַרק געוויגט. אַ פֿלי טוענ־דיק אינדערהויך, האָט זי אַ ציטער געטאָן מיט אַלע אירע ווענט־לעך, און פּלוצלונג האָט זי זיך געגעבן אַ לאָז אַראָפּ אין דער נידער אונטערן צעווילדעוועטן געבורוס פֿון די כוואַליעס. דער

קלײנער גראַבּן, װאָס איז געשטאַנען אַפֿן טיש, האָט זיך אַ שאָקל געטאָן און איז אַנידערגעפֿאַלן. דאָס װאַסער האָט זיך אױסגעגאָסן אױף פֿיער רעבּוס קני.

ער האָט דאָס ניט באַמערקט, פּונקט װי ער האָט, װײַזט אױס, גאָרניט באַמערקט דאָס װיגן זיך פֿון דער יאַכטע.

דער אױסגעזועצטער-צאָן האָט זיך פֿעסט אָנגעשפּאַרט אָן װאַנט מיט זײַן ברײטן קאַרק און איז געזעסן אומבּאַװעגלעך. די שפּאָסנס זײַנען געקראָכן איבּער זײַן פּאָנים מיט דער געבּלעזולטער הױט, װי בּאַ אַן אינגדיק. ענדלעך האָבּן זײַנע ליפּן זיך גענומען בּאַװעגן.

ניט אָפּװענדנדיק דעם בּליק פֿון ליוק, װאָס איז געװען פֿאַרצװיגן מיט אַ פֿאָרהענגל, האָט ער דומף אַרױסגערעט:

— און װיפֿל זײערע, אַזױנע אומבּאַװוסטע, ניט געקענטע, האָט די ערד פֿאַרשלונגען? און װיפֿל נאָך װעט זי פֿאַרשלינגען? דאָס קאָן קײנער ניט צײלן. אױף זײערע בּײנער, אױף זײער בּלוט, אױף זײערע לײדן װעט אױפֿשטײן די פֿרײַהײט. מיר װעלן זי אױפֿהױבּן, רעבּו! טרױערט ניט איבּער די געפֿאַלענע, זײ האָבּן זײערס געטאָן, איצטער האַלט עס בּאַ אונדז.

זשאַן האָט ניט געקאָנט זיצן אומבּאַװעגלעך. זײַן האַרץ האָט געבּרױזט, װי די כװאַליעס הינטער דער װאַנט, די לופֿט אין דער קאַיוטע האָט אים אױסגעװיזן דושנע. ער האָט זיך אױפֿגעהױבּן און, האַלטנדיק זיך מיט די הענט אָן די װענטלעך, איז ער אַװעק צו דער טיר. קײנער האָט אים ניט אָפּגעהאַלטן. ניט פֿיער רעבּו און ניט דער אױסגעזועצטער-צאָן. זײַן דורכן קאָרידאָר איז געװען נאָך שװערער. בּאַלד האָבּן דאָס די לינקע װאַנט, דאָס די רעכטע זיך אױף אים אַ קער געטאָן. אײַנגאַנצן אַ צובּײלטער איז ער דערגאַנגען צום טרעפּ און איז אַרױס אױף דער שיפֿדעק.

אַ געדיכטע שװאַרצע פֿינצטערניש האָט אים אַרומגענומען פֿון אַלע זײַטן. די דומפּע דונערן פֿונעם יאַם האָבּן אום פֿאַרטױבּט. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט בּײדע הענט פֿאַרן בּאַריער און צוגעדריקט זיך מיט דער בּרוסט צום רעטונג-גאַרטל, װאָס איז דאָרטן גע-

האַנגען. דער גאַרטל איז געווען נאַס און קאַלט, ווי דער לייב פֿון אַ פֿראָש. ושאַן האָט פֿאַרמאַכט די אויגן, אים האָט זיך גע־דוכט, אַז ער פֿליט אין אָפּגרונט אַראָפּ.

לאַנג איז ער אַזוי געשטאַנען. פֿעסט האַלטנדיק זיך פֿאַרן פֿאַרענטש, קימאַט באַוווּסטלאָז.

און פּונקט ווי אויף דער וואָר, האָט ער געזען די ווייטע, פֿאַר־נעפּלטע, אומבאַוווּסטע שטאָט פּאַריזש, די מאַרטירער־שטאָט, אין רויך, אין סרייפֿעס, אין לוזשעס בלוט, אינם קנאַקן פֿון זאַלפּן פֿון ביקסן און פֿון מיטראַליעזן.

ער האָט געזען דעם מאָנמאַרטר, די שאָמאָנער הויכקייטן, די רעשטן פֿון די צוואָרפֿענע באַריקאַדן, פֿאַרגאָסענע מיט בלוט, די סקווערן און גערטנער, פֿאַרוואַנדלטע אין בייסאַלמענס, און די פֿאַרבלוטיקטע שטיינפּלאַטן פֿון די קוואַרטאַלן פֿון פּער־לאַשעז.

און זיין זיקאָרן זיינען אַרויסגעשוווּמען עפּעס אַמאָל געלייענטע שורעס. דידאַזיקע שורעס האָבן אויך דערציילט וועגן דער קאָמונע:

ווי בלוט פֿון פֿרײַנט און פֿײַנט, געמישט אינאײנעם
געפֿליצט האָט — אויף געפֿאַלענער באַריקאַדע, —
ס'געכאַפּט דער מינע דאָרט א יונג א קלײנעם.
עי, הונט, פֿון יענער כעזרע ביסטו דאָס איזאָרע!
יאָ, — ענטפֿערט שטאָלץ דער צוועלף־יאָריקער.
— שטײן!..

באַפֿעלט דער אָפֿיצער. — ביטע אַלע זײ
צושיסן באַלד, וועט קיכען אויך דײַן רײ.
און שאָסן האָבן באַלד גענומען קנאַלן...
עס זעט דאָס קינד, ווי דאָרטן בא דער וואַנט
כאַווערים ריי נאָך ריי פֿאַרבלוטיקט פֿאַלן.
עס גייט צום קאָמאַנדיר דער יונג, און האַנט
אַ זייגער האַלט ער. — אָפּגעבן וויל איך
דער מוטער דאָס — איך קום צוריק אַפֿגיך.
— כע־כע, אַנטלויפֿן, ברודערקע!: עס שרעקן דיך די קוילן אונדזערע!
— ניין, קאַפּיטאַן,

מיך קיס צוריק.

— ווו וואינסטו?

— לעם פאנטאן,

אט דאָרטן.

— ני. מאָ ליף שיין, זשוליק...

שטום

איז ס׳קינד אוועק.

— מא-מא, צוריקקומען: באלד, באלד! —

פאַרטרייבנדיק די מיסטראכצן אויס,
אַ בייז מאלראטישער געלעכטער שאלט.
פאַרשטיפט ווערט אָבער באלד דעם מוינעס שפאַס:
צוריקגעקערט האָט זיך דאָס קינד: און אָט
צו וואַנט האָט ער, א רויקער אין שיינער,
געשטעלט זיך און א וואָרט געטאָן דעם מוינע:

— שיסט, כ׳בין גרייט... *).

אין ושאַנס אויעדן הילכט דער דונערנדיקער געלעכטער פון די פאַרווילדעטע, פאַרשיקערטע סאָלדאַטן און דעם אָפיצערס פיינער שפאַס. זיי שטייען אָפן טראָטואַר, און זייערע גראָבע שטיוול באָדן זיך אינם געדיכטן, טונקעלן בלוט. ווייערע אויגן זי־נען זינלאָז, ווי בא כאַיעס.

ער שטייט צונעשפאַרט צו דער וואַנט און גלייך קוקט ער זיי אין די טעניבער אַריין.

ער איז אַ דאַרינקער, מיט אַ לאַנגן האַלדז; ער האָט גרויסע שוואַרצע אויגן. ושאַן קען אים דען?

— שיסט, כ׳בין גרייט!—זאָגט ער. זיין קאָל איז אַ דינער און אַ פעסטער.

האָט דען ושאַן געהערט דעמדאָזיקן קאָל?

ושאַן הערט עפעס אַזוי פאַרנעבלט און אומרויק. פונקט ווי עס וואָלט דאַרפן געשען עטוואָס שרעקלעכעס, וואָס מען קאָן

---

*) פון תיקטאָר הוגאָ, לויט מינאַיעווס רוסישער איבערזעצונג.

דאָס ניט פֿאַרשטיין און פֿון וואָס ס'דאַרף זיך באַלד איבערקערן די גאַנצע וועלט. זיינע אויגן זיינען איצט ברייט צועפֿנט, ווי בײַ אַ יונגינקער דווילע, וואָס איז אַרויסגעפֿאַלן פֿון נעסט. ער זעט די טונקעלע וואַלן פֿון די כוואַליעס, וואָס אָט וואַקסן זיי אויס, ווי ריזיקע וועגנס, און אָט צעפֿאַלן זיי זיך מיט מוירעדיקן גערילך, פֿאַרגיסנדיק דער שיפֿדעק מיט שטראָמען קאַלטע און רייסנדיקע וואַסער.

ושאַן האַלט זיך פֿעסטער פֿאַרן פּאַרענטש. זיין העמד איז דורכגענעצט. ער האָט צוועצט די האַנט, און דער זאַלץ בייסט די ווונד. ושאַן זעט יענעם ייִנגל, וואָס שטייט בײַ דער וואַנט, אַנטקעגן די ביקסן פֿון די ווערסאַלער. יאָ, יאָ, ער האָט אַ דינעם האַלדז, און אַפֿן האַלדז—וייער אַ גרויסן קאָפּ, און איינגעאַנצן איז ער ענלעך אַף אַ שאַמפּיניאָן. יאָ, יאָ, ער האָט שוואַרצע, רונדע אויגן, וועלכע ברענען איצט, ווי קוילן.

— דאָס בין איך, דאָס בין איך אַליין,—מורמלט ושאַן, אויפֿהייבנדיק די פֿאַרגאָסענע מיט וואַסער, שמאָלע אַקסלען ביז צו די אויערן.

אַ מעכאַיעדיקער און אַ פֿריידיקער געפֿיל נעמט אים דורך פֿון דעם, וואָס טאַקע ער אַליין, ושאַן רעבו, שטייט דאָס אונטער די קוילן פֿון די ווערסאַלער און קוקט פֿעסט, ווי דער זיידע אַלעקסאַנדער, דעם טויט אין פּאָנים אַריין.

— דאָס איז דאָך אָבער געווען שוין לאַנג,—מורמלט ושאַן,— דאָס איז דאָך געווען מיט אַכטונפֿערציק יאָר צוריק!

ער שטרענגט זיך אָן צונויפֿצוזאַמלען די געדאַנקען. זיי הויבן זיך, ריזיקע אזוינע, ווי די כוואַליעס, און ווערן פֿאַרפֿאַלן, ער קאָן זיי ניט כאַפּן. די יאָגטע ווערט אומגעשליידערט, ווי אַ שפּענדל.

— יאָ, דאָס קאָן ניט זיין,—רעט ושאַן,—אָבער איך האָב איצט פֿאַרשטאַנען. יאָ, יאָ, איך האָב פֿאַרשטאַנען. איך קאָן, ווי יענער

ייִנגל, וועלכער איז געלאָפֿן צו דער מוטער, שטעלן זיך אונטער די קוילן און שטאַרבן אָן מוירע. זאָל נאָר אויסקומען אַזאַ צו־פֿאַל. איך קאָן, איך קאָן! דאָרטן אין מאָרסעל, ביים איך מיטן אויסגעזועצטן-צאָן זיינען געקראָכן צו סעריניאַקן אין גאָרטן, האָב איך מוירע געקראָגן, אָבער דאָ וועל איך קיינמאָל ניט שרעקן זיך. איך שווער זיך דערויף באַם נאָמען פֿון מיין ווידן. זאָל נאָר קומען אזא צופֿאַל...

דער יאַם ברויזט, וויינט און ווילדעוועט. אַ מוירעדיקער יאַם! אָבער האָט דען זשאַן מוירע? קאָמונאַרן ווייסן ניט פֿון קיין מוירע. זשאַנען דוכט זיך, אַז ער איז שטאַרק, הויך, ווי אַ דערוואַקסע־נער, אַז אין דער איין מינוט זיינען אים די אקסלען אויסגע־וואקסן און די ברוסט האָט זיך פֿאַרברייטערט. אָדער דוכט זיך אים דאָס נאָר? קאָמונאַרן ווייסן ניט פֿון קיין מוירע!

שטאַרקע הענט נעמען אים ארום פֿונהינטן. אַ הייזעריקער קאָל שריים אים אַריין אין סאַמע אויער:

— וווהין ביסטו דאָס אַרויסגעקראָכן, יאָסל, אין אַזאַ טייוולשן וועטער? דער יאַם וועט דיך אַראָפּשווענקען, ווי אַ שפּענדל. עי, דיין העמדל כאַפּט דריי אויס. וואָס ציטערסטו? ציִ ביסטו ניט אַקאָרשט קראַנק, ברודערקע?

דאָס איז דער אויסגעזועצטער-צאָן.

— אויסגעזועצטער-צאָן, דו ווייסט, ווי מ'האָט גערופֿן יענעם ייִנגל?

— וועלכן ייִנגל, זשאַן?

— נו, יענעם, וואָס האָט אָוועקגעטראָגן דער מוטער דעם זייגער און זיך דערנאָך צוריקגעקערט אף שטאַרבן?

— אַזאַ ייִנגל קען איך ניט. אָבער דעם, וואָס האָט זיך דורכגענעצט אַף דער שיפֿדעק, קאָן איך זייער גוט, אים, האַלט איך, דאַרף מען איינלייגן אין בעט.

ער נעמט אים אף די הענט און טראָגט אים, ווי אַ פֿעדערל די טרעפּ אַראָפּ, דערנאָך דורכן לאַנגן קאָרידאָר, ווו עס וויגן זיך די ווענט.

זשאַן פֿאַרמאַכט די אויגן. זיין קאָפּ איז, ווי מיט בליי אָנגעגאָסן. די באַקן פֿלאַמען.

— אָט, — זאָגט דער אויסגעוועצטער-צאָן, אַריינטראָגנדיק זשאַנען אין קאַיוטע. — דאָס יינגל רעט פֿון היץ. לויפֿט, פּיער, אין אַפּטייקל, בעט אַספּירין און אַ קאָמפּרעס צום קאָפּ. וויינט דאָך ניט, יוליע, ס'איז אַ קליינע פֿאַרקילונג. ווען אַלע יינגלעך וואָלטן אָוועקשטאַרבן פֿון אַ פֿאַרקילונג, וואָלט די מענטשהייט שוין לאַנג אויפֿגעהערט צו עקזיסטירן. דעקט אָפּ דאָס בעט. גרייט צו א האַנטעך און טרוקענע וועש. און בראַנפֿן. מירן אים באַלד אויסרייבן!

זשאַן וואַרפֿט זיך אין היץ. יוליע רייסט איילנדיק אַראָפּ פֿון אים די נאַסע קליידער, יאָמערנדיק און שעפּטשענדיק שטיל אַ געבעט. זי איז בלאַס, ווי דער ליילעך אָפֿן אָפּגעדעקטן בעט. אירע קאַשטאַנענע האָר, ווייכע ווי סוף, האָבן זיך צוּוואָרפֿן און קריכן איר אין פּנים, איבער וועלכן עס גיסן זיך די טרערן אָן אויפֿהער.

פּיער רעבו האָט געבראַכט אַ דאָקטער. דער דאָקטער איז בלייך, מאַכמעס ער ליידט פֿון יאַמקראַנקהייט. ער לייגט צו אַלע ווײַלע צום נאָז אַ פֿלעשעלע מיט נאַשאַטיר, און אַליין האַלט ער זיך קוים אַף די פֿיס.

ווילאַנג מען לייגט איין זשאַנען אין בעט, שטייט דער קוכער אין זיין גאַנצער הויך לעבן טיר, האַלטנדיק זיך פֿאַר דער וואַנט און שיר ניט אונטערשפּאַרנדיק מיטן קאָפּ דעם באַלקן. ער זיפֿצט הויך אָפּ און זאָגט אין פֿאַרלעגנהייט:

— אָך, ס'אַר אַן אָנשיקעניש! וואָס וועט דאָס איצטער זיין, געערטער הער דאָקטער?

זשאַן הערט גאָרניט ניט. ער אָטעמט אָפּגעהאַקט און שטאַרק. פֿון זיין דאַרינקן קערפּער שלאָגט א היץ.

ער זעט זיך אַלס אַ גרויסן און שטאַרקן. ער איז אַרופֿגע־קראָכן אַף אַ באַרג, אַ העכערן איידער די, וואָס האָבן זיך צו־נויפֿגעהאַרבעט, ווי אַ פֿעסטע וואַנט, אַרום מאַרסעל, און פֿון דאָרטן, פֿונדערהויך, קוקט ער אַראָפּ אַף די באַקאַנטע גאַסן.

אָן איז דער קאָלעוש. אָט איז דער פֿעסטערל גרענגואַר, געבליבן אונטער דער לאַסט פֿון זיין האַנטבייטל. אָן איז דאָס שענקל „מאַטראָסנפֿרייד“, ווו דער אויסגעוואַקסענער-צאָן האָט זיך געשלאָגן מיט די מאַטראָסן. אָ, ווי ווייט איז יענע צייט! אָ, ווי הויך האָט זיך זשאַן אופֿגעהויבן איבער איר!

הויב זיך העכער, זשאַן, העכער! באַדויער ניט דאָס, וואָס ס'איז געבליבן הינטער דיר! קאָמונאַרן באַוויינען ניט דאָס פֿאַרגאַנגענע.

אין אַ שאָ אַרום האָט זשאַן געעפֿנט די אויגן. די באַוווּסטלאָזיקייט איז געווען טיף און שטאַרק. די פֿיס, די הענט, זיין גאַנצער קערפּער זיינען אַזוי שוואַך, אַז ער קאָן זיי ניט אַ ריר טאָן. די ליפּן זיינען טרוקן.

דער שטורעם האָט זיך איינגעשטילט. די יאַכטע האָט זיך פֿאַרמאַטערט געוויגט אַף די כוואַליעס. אין צימער איז, ווי פֿריער, ליכטיק פֿון דעם ברענענדיקן לאָמפּ. דער אויסגעוואַקסענער-צאָן און דער קוכער זיצן באַם טיש און קוקן שווייגנדיק אַף זשאַנען.

זשאַנען ווילט זיך שלאָפֿן. אָ, ווען זיי וואָלטן וויסן, ווי ער כאַלעשט שלאָפֿן!

דורך די האַלבפֿאַרמאַכטע אויגנלעכלעך זעט ער דאָס ליבע געזיכט פֿון דער מוטער, איר פֿאַרשוויצטן שטערן און די אויגן, אין וועלכע עס ברענט אַן אומרו.

און איינשלאָפֿנדיק, הערט ער איר קאָל:

— דו וועסט געזונט ווערן, געזונט ווערן, איך ווייס עס. איך פֿאַרלאָז זיך אַף דיר, זשאַן...

V

קאָנסטאַנטינאָפּאָל.—הער בוקע שמייכלט פריינטלעך.—דער אלטער קוכער איז ניט קיין באַלן אויף איבערלעבן זיך.—די שענקלעך אין גאַלאַטע.—דער פראַנצויזישער אָפיצער האָט ניט ליב קיין גע־פיגערטע פאַציענטן.—אלי-אָסמאַן-האַמיד וואַרט אויף לעני-עך.

זשאַנס קרענק האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר ניט קיין געפֿער־לעכע און ניט קיין פֿאַרצויגענע. דער שיפֿדאָקטער, וועלכער האָט זיך דערהיילט פֿון דער יאַמקראַנקהייט, האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף דאָס יינגל האַלטן אין בעט איין טאָג. דערנאָך האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן שטילע און לויטערע טעג, דורכגע־וועבטע מיט זונענשיין.

ס'איז שוין געווען נאָענט דער דורכגוס פֿון די דאַרדאַנעלן. די „ווייסע מעווע" איז פֿאַרבייגעפֿאָרן די אינדזלען פֿונם גריכישן אַרכיפּעלאַג, בליענדיקע און דופֿטיקע פֿאַרצויגענע מיט אַ בלאַ־לעכן נעפּל, ווי מיט אַ לייכטן שלייער. איבער דער יאַכטע האָבן זיך מיט דורכדרינגענדיקן געשריי געטראָגן מעוון.

מיטן דערנענטערן זיך צו קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז דער אויס־געזעצטער-צאַן געוואָרן אַלץ אומרויִקער. ער פֿלעגט אָפֿטער אַ וואָרף טאָן די באַרשט, צוגיין צום באָרט און, פֿאַרלייגנדיק די הענט אין די קעשענעס פֿון זיינע גראַמע און אָפּגעניצטע הויזן, פֿלעגט ער זיך פֿאַרגיין אין אַ קלאַנגלאָזן געלעכטער, פֿאַנאַנדער־ציִענדיק דאָס מויל ביז די אויערן און שמירענדיק זיך. און דערביי פֿלעגן זיך באַ אים שוואַרצן די גריבעלעך אויף יענעם אָרט, וווּ ער האָט אַמאָל געהאַט בלענדנד-ווייסע ציינער. ער פֿלעגט דרייען מיט זיין פֿאַריסענעם נאָז, און די נאָזלעכער פֿלעגן זיך באַוועגן, פּונקט ווי דער אויסגעזעצטער-צאָן וואָלט שפּירן דעם ריח פֿון דער רוסישער ערד, וואָס דערטראָגט זיך אַהער איבער די ברייטקייטן פֿון די יאַמען און איבער די מינאַרעטן פֿון די טערקישע מעטשעטן.

אפילו דער העד בוקע אליין איז ארויס פון זיין בעקאווע־דיקער געלאסנקייט. באם דערנענטערן זיך צו טערקיי איז אפילו דער העד בוקע אליין געווארן גוטמוטיקער און, פארופנדיק צו זיך דעם קאפיטאן פון דער „ווייסער מעווע", האט ער אים זיי־ער פריינטלעך מוחל געווען דעם שטורעם, וואס איז דא ניט לאנג געווען.

די וואסערן פון מארמאר־יאם האבן אויפגענומען די „ווייסע מעווע" זייער פריינטלעך. און אין דער מאוגנרויטקייט פון א פרעכטיקן פרילינג־טאג איז די „ווייסע מעווע" צוגעפארן צו די דארדאנעלן.

אין יענעם יאר זיינען דער דורכגוס און די דארדאנעלן געווען פארנומען סונם אקופאציע־מיליטער פון דער אנטאנטע. באגעגע־נען די „ווייסע מעווע" איז ארויס אנטקעגן א ווייס־אנגעפארבע־נער דאמפער. די „ווייסע מעווע" האט איינגעהאלטן איר מאשין. אופשניידנדיק מיטן שארפן שפיץ דעם בלאען וואסערשפיגל, איז דער דאמפער, אונטער אן ענגלישן פלאג, ארומגעפארן די יאכטע און צוגעשטאנען צו איר לינקן בארט.

מ'האט דערלאנגט דעם טראפ.

די גאנצע באפעלקערונג פון דער יאכטע האט זיך, ניט קוקנ־דיק אף דער פריקייט, א שאט געטאן אף דער שיפדעק. איבערן טראפ איז ארוף אן ענגלישער יאמאפיצער; ער איז געווען אן אנגעבלאזענער און א וויכטיקער, זייער א העפלעכער און זייער א געשעפטלעכער, איניינעם מיט צוויי מאטראסן און א באאמטן פון דער יאמבאזע איז ער אריין אין דעם קאפיטאנס ביידל אף רעווידירן די דאקומענטן. דער אויסגעוועטער־צאן איז געווען נערוועז. דער שווארציאר וויס זיי, די ענגלענדער, צי וועלן זיי ניט דערגיין, וואס מען באדארף ניט? און דערדאזיקער סטריני־יאק, דער רועך זאל אים נעמען, צי האט ער זיך דארטן דערוויילע ניט ארומגעזען און עפעס געגעבן א טעלעגראם, מ'זאל זיי אלעמען פירען ארעסטירן?

— אַ קאָמונאַר טאָר קיין מוירע נים האָבן, — האָט זשאַן געזאָגט.

דער ענגלענדער איז אַ צייט געזעסן איןביידל. ענדלעך האָט זיך זיין דאַרע פיגור באַוויזן אַפן טרעפ אין באַגלייטונג פונם העַר בוקע. וועלכער האָט האַסטיק געטראָטן מיט זיינע קורצע פיסלעך מיט די גראָבע איקרעס און פּאָלקעס, און זיך צוגאסן אין אַ ליבלעכן שמייכל.

דער האַוואַנע-ציגאַר אין זיין מוילווינקל האָט זיך וויגעריש געדרייכערט.

די דאָקומענטן פון דער „ווייסער טעווע" זיינען געווען אין פולסטער אָרדענונג. די יאַכטע האָט געטעגט אַריין אין דורכגוס.

אין דורכגוס איז זי אַריין נאָך דער אַנטאַנטישער מינענשיף, וואָס האָט זי דורכגעפירט צווישן די מינען-פאַרצאַמונגען. דאָ און דאָרט זיינען אומבאַוועגלעך און שלעפעריק געלעגן אַפן שפּיגלענדיקן וואַסערפלאַך די גראָע גופן פון די אַנטאַנטישע קריגשיפן. טערקיי איז געווען פאַרקנעכטעט. די אַנטאַנטישע האַרמאַטן זיינען געווען אָנגעשטעלט אַף די הויכקייטן פון איר הויפּטשטאָט מיט אַ שאַרפער דראָונג.

און אָט האָט זיך באַוויזן קאָנסטאַנטינאָפּאָל. די שטאָט איז געווען ענלעך אַף אַ בונט אויסגעהעפטן, העלן און זאַפטיקן טערקישן שאַל, אַן אויסגעשפּרייטן אונטערן אָפּגרונט-טיפן און געדיכטן קופּל פונם סקוטאַרער הימל.

די שטאָט איז געלעגן אינגאַנצן אין אַ ווייסן רויכל, אַ צאַרטן, ווי אַ לייכטער שלייער, ענלעך אַף אַ פיינעם קאַלכשטויב, אַנטפּלעקנדיק די בערגלדיקע ברעגשטרעקעס. די שאָטנס פון סטאַמבול, פון גאַלאַטע, פון פּערע, די געדיכטענער פון שפּיציקע טונקעלע ציפּרעסן-בוימער און איטאַליענישע פּיניעס. איבער סטאַמבול, וואָס האָט נאָך געדרעמלט אין לייכטן פרימאָרגנדיקן שלאָף, האָבן די אַלטע מעטשעטן געהויבן זייערע קוספּלען, ענלעכע

אַף איבערגעקערטע מיט דער דעק אַרויף בעכערס, אַרום וועלכע עס האָבן, ווי אויסגעשטרעקטע פֿינגער, געשטאַרטשעט די שפּיצן פֿון די מינאַרעטן. דער גאָלדענער האָרן איז געווען באַדעקט מיט אַ דורכויסיקן וואַלד פֿון מאַסט־בוימער. און דאָרטן, אינדערהויך איבערן מוסולמאַנישן סטאַמבול, איבער דער גריכישער גאַלאַטע, האָבן זיך געשטרעקט אַף אַרויף די דעכער פֿון דער אייראָפּעישער פּערע.

די „ווייסע מעווע" איז געגאַנגען לענגאויס דעם קליינאַזיאַטישן ברעג, וועלכער איז געווען געל פֿון די זאַלצגריבער. אַפֿן וואַסער האָבן זיך דאָ און דאָרט געטונקלט אַנקער־צייכנס, אומגעדרייט זיך באַרקאַסן, לייכטע, ווי שוואַנען, און שווערפֿעליקע לאַנגע לאָדקעס, אַף וועלכע עס האָבן טונקלהויטיקע טערקן, אין אָפּגעטראָגענע און צוקנייטשטע פֿעסקעס און אין בונטע וואָלענע זאָקן, פֿאַרקויפֿט פֿאַרשיידענע עסנוואַרג.

דאָ, לעבן דער טערקישער הויפּטשטאָט, האָט זשאַן דערזען די גרויסע אַנטאַנטישע שיפֿן. אַזוי ווי מעשוגענדיקע פּרעסערישע כאַיעס, וואָס לויערן אַף רויב, האָבן זיי זיך געמאַכט קלוימערשט שלאָפֿנדיק, אָנשטעלנדיק זייער דרעמלענדיק אויג אַף די בערג־לעך פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

אינם ענגן האַלדז פֿונם גאָלדענעם האָרן, באַם בריק, וואָס פֿירט קיין סטאַמבול, שטייט פֿאַרגליווערט אַ גרויסער ענגלישער דרעדנאָוט מיט אָנגעשטעלטע אַף דער שטאָט האַרמאַטן. אויב די האַרמאַטן וועלן אָנהויבן ריידן, וועט פֿון שטאָט בלייבן בלויז אַ הויפֿן אַש.

די „ווייסע מעווע" האָט זיך פֿאַראַנקערט באַם אַריינגאַנג אין גאָלדענעם האָרן.

הער בוקע מיט זיינע באַגלייטער זיינען דעמזעלבן טאָג אַוועקגעפֿאָרן אין שטאָט. די מאַנשאַפֿט האָט מען אָפּגעלאָזן נאָך דער ריי. ערשט צום סאָף פֿון דריטן טאָג איז די ריי דערגאַנגען צו פּיער רעבון מיטן אויסגעזעצן־צאָן.

יוליע איז פֿאַרבליבן אף דער יאכטע, און צפֿן בארקאס האָבן זיך געזעצט בלויז די מאנסלייס. זשאן האָט שטיל אונטערגעקוריטשקעט פֿון אַנטציקונג. דער אויסגעזעצטער-צאָן איז געווען סיף ערנסט. ער איז געווען פֿאַרנומען מיט עפעס, ער האָט עפעס באטראַכט.

— אייגנטלעך, וועל איך זיך אין א שאַ אַרום צוריקערן אַף דער יאכטע,—האָט געזאָגט פיער רעבו; ער איז ניט געווען קיין גרויסער באלן אַף אומשלעפן זיך—אָט, איך וועל אַ קיק טאָן, ווי עס לעבן דאָ די שוואַרצע טערקן, און יויצע. וואָרעם ווי דו זאָלסט זיך ניט מאַטערן, וועסטו אַלק אין דער וועלט ניט איבערקיקן. איכל קויפֿן פאר יוליען באַנאַנען, און צוריק.

— און איך מיט זשאנען וועלן אַביסל אומשפּאַנען—האָט געזאָגט דער אויסגעזעצטער-צאָן.—רעכט, זשאן?

— מירן אומשפּאַנען, אויסגעזעצטער-צאָן.

אַפֿן לאנדונגפלאַק האָט זיך פיער רעבו פֿון זיי אָפגעשיידט און איז מיט לאנגזאמע טריט, פֿאַרלייגענדיק די הענט אַהינטער, ווי ער פֿלעגט אמאָל אומשפּאַצירן איבערן מארסעלער מארקאַוועק צום בריק.

— און מיר וואוהין?—האָט זשאן געפֿרעגט.

— איך מיט דיר, גוטער ברודער, האָבן זיך ניט וואָס צו קווּיקן זיך מיט שיינקייטן, מיר וועלן א זוך טאָן רוסישע כאַוויירים, דאָ דאַרפֿן זיי זיין.

— באָלשעוויקעס?

— באָלשעוויקעס.

— אָבער ווי וועלן מיר זיי געפֿינען?

— מיר וועלן אַביסל בעסער זוכן, וועלן מיר געפֿינען.

דער אויסגעזעצטער-צאָן איז ניט געווען קיין באלן אַסאַך צו שמועסן.

זיי זיינען אַוועק צו גאלאטע, דעם טייל שטאָט, וואָס איז באַוואוינט דורכויס מיט גריכן. די געסלעך זיינען דאָרטן געווען קרומע, שמוציקע און דורכגעזאָפּטע מיטן איבלדיקן רייעך פון שמוץ און אָפּפאַל. אָפּן שמוציקן ברוק האָבן זיך געקאַפּאָש-קעט קינדער אין צעריסענע העמדלעך, קיינמאָל, הייזט אויס, ניט קיין געוואַשענע, מיט פאַרשמאַרקעטע נעזלעך און צעווונ-דיקטע פון שמוץ הענטלעך. די הערלעך וייערע זיינען געווען צופּלאָנטערטע און האַרטע, ווי וואַליק.

אין די שמינקענדיקע געסלעך, ווו עס איז געווען שווער צו אָטעמען, האָבן דאָ און דאָרטן געלויכטן די פייערלעך פון די שענקען. עס האָט שוין געטונקלט, די לופט איז געווען הילכיק און געדיכט. פונויבן, פון דער זייט פון טערע, האָבן זיך דער-טראָגן אַהער די קלינגערייַ פון די טראַמוואַיען, די סירענעס און פייפלעך פון די אויטאָמאָבילן און די קלאַנגען פון די זיגער-מאַרשן פונעם אַנטאַנטישן מיליטער, וואָס האָט מאַרשירט איבער די גאַסן אַף צו האַלטן אין דער טירע די באַזיגטע.

— די זאַך איז, — האָט געזאָגט דער אויסגעזעצטער-צאַן, — וואָס מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק. די שטאָט [illegible]ויבלט פון רוסישע ווייסגוואַרדעישע אויסוואַרפן. אונדזערע האָבן נאָר וואָס גענומען אַדעס, די עוואַקואַציע איז דאָרטן אין פולן גאַנג. דאָ אַרבעט אי די ווייסגוואַרדעישע, אי די אַנטאַנטישע רעפּענזיוויע. זיי זוכן באָלשעוויקעס. אונדזערע שפּירן אויך דאָ אויס. טאָ קוק זשע מיט אויגן. מען דאַרף דערקענען, ווער עס איז אַן אונדזעריקער, אַניט קאָן מען אַזוי גאָר אומגעריכט אַריינפּאַקן זיך אונטערן שלאָס.

— רעכט שוין, אויסגעזעצטער-צאַן, ניט דאָס ערשטע מאָל גייען מיר ביידע אַף אַ געפערלעכער אַרבעט.

— נו, זע זשע. איך קלער, אז מ'דאַרף אַ שנאָרע טאָן אין די שענקלעך. דאָרטן אַרבעטן מיסטאָמע אונדזערע כאַווײרים. אָבער, ס'אַ מיעסער איסעק, איך קען ניט קיין טערקיש און ניט קיין גריכיש, אַניט וואָלט מיר ביידע שוין גאָר גיך עפּעס דערשמעקט.

זיי זײַנען דורכגעגאַנגען איבער עטלעכע נאלאַטער שענקלעך, אומעטום זיך צוגעזעצט צו אַ טישל און זיך צוגעקוקט. דיראָזיקע שענקלעך זײַנען געווען ענלעך אַף „מאטראָסנפֿרייד", נאָר שמו־ציקער זײַנען זיי געווען און אַסאַך טומלדיקער.

וועמען האָבן זיי ניט צוגעזעגענומען אונטער זייערע נידעריקע, ווי אָנגעבראָגעזטע דעכער! געווען דאָ אַלטע טערקן אין פֿעסקעס מיט טרערנדיקע אויגן, ווי בײַ עלטערשוואַכע הינט, מיט דורכגעריכערטע, אויסגעבראָקלטע ציינער און מיט אויסיינג־לעך אין די אויערן; טומלדיקע גריכן, וואָס האָבן געפּלעטשעט אַף עפּעס אַ גומען־לאָשן; כאָטראַסן פֿון אַלע נאַציעס: קליינוווק־סיקע נאָרמאַנדיער אין בלאָע בלוזעס און רונדע היטלעך מיט רויטע פּאָמפּאָנקעס; ריזיקע אַמעריקאַנער מיט באָקסער־הענט און מיט ברייטע ווייסבאַציינערטע סעניסער; לאַנגהאַלדזיקע שלאַנקע ענגלענדער מיט אויגן פֿון קראַנקע סעטערס.

דיזאָזיקע גאַנצע כאָפּטע האָט געשריען, געטומלט, אָפֿן קאָל געזונגען לידער אַף אַלע שפּראַכן פֿון דער וועלט, אַזוי אַז אַ נייער אַריינגייער האָט דאָ גאָרניט ניט געקאָנט פֿאַרשטיין. אָנגעפּאַרבטע פֿרויען האָבן מיט קוויטשיקע שטימען זיי אונטער־געהאַלטן. פֿונם בייסיקן טערקישן בראַנפֿן, פֿונם ענגלישן סאָדע־וויסקי, פֿון די שמעקעדיקע מיזרעכדיקע מאַשקאָעס איז דאָ גע־שטאַנען אַ געדיכטער ווייגערוך.

דער אויסגעזועצטער־צאָן מיט ושאַנען זײַנען דורכגעגאַנגען פֿינף שענקלעך, און האָבן קיין איינציקן רוסישן פּאָנים ניט באַגעגנט. ושאַן האָט זיך שוין געוועזט מעיאַשעוו געווען; נאָר דאָ האָט עס זיי סלוצלונג אַף דער גאַס אָפּגעגאָלטן.

פֿאַרטומלטע פֿון די געוואַלדן און פֿון דער שווערער לופֿט, זײַנען זיי אַרויס שוין פֿונם זיינפֿטן שענקל.

די גאַס איז געווען אַ טונקעלע, אַ שמאָלע, ענלעך צו אַ באַרג־שפּאַלט. דורך פֿאַרשטויבטע שייבלעך האָבן די לאַמטערנעס געוואָרפֿן

אַ קאַרגן שיין אַפֿן ברוק. דריי קינדער, וועלכע מ׳האָט, אַפּאָניִם, פֿאַרגעסן אַריינצורופֿן אַף וועטשערע, האָבן זיך געשפּילט איִן מיטן גאַס לעבן אַ גרויסער שוואַרצער און שטינקענדיקער לוזשע.

דעם עלטסטן פֿון זיי האָט מען קוים געקאָנט שאַצן אין מער פֿון פֿינף יאָר. די קינדער האָבן איִן לוזשע געפֿונען אַ געפּיי-גערטן פּאַצוק און האָבן איִם איצט צוגעבונדן אַ שטריקל צום עק. זיי האָבן געקייכט פֿון געלעכטער. ווי יונגינקע דוילן, האָבן זיי צועפֿנט זייערע מיילער, אַרויסלאָזנדיק היסטאַילעסדיקע אויסגע-שרייען.

און אָט האָט זיך דער עלטסטער פֿון זיי אױפֿגעהױבן און גענומען לױפֿן לענגױס דער גאַס, שלעפּנדיק נאָך זיך דעם פּאַצוק. די ביידע אַנדערע האָבן זיך לאַכנדיק געלאָזן לױפֿן נאָך איִם.

מיטן טראָטואַר איז געגאַנגען אַ פֿראַנצױזישער אָפֿיצער, מיט עקל אַריבערשפּרייזנדיק איבער די לוזשעס. אָנגעטאָן איז ער געווען איִן אַ פֿריש-געפּרעסטן בלאָלעכן מונדיר מיט אַ הױכן קאָלנער, וועלכער האָט אומערגעשפּאַרט זיינע גוט געפּלעגטע בלאָ-געגאָלטע באַקן. זיין יונגער פּאָניִם איז געווען שטאָלץ און שיין, זיינע פּיטשינקע וואָנצעלעך זיינען געווען קריגעריש צו-שטעלט אַף אַרױף. ווי פֿון אַ יונגער פֿראַנטיכע, האָט פֿון איִם געשלאָגן אַן אַראָמאַט פֿון פֿיינעם פּאַרפֿום.

געגאַנגען איז ער, מיט מוירע אומקוקנדיק זיך, מאַכמעס איִן דידאָזיקע מעקוימעס איז פֿאַר אַן אָפֿיצער, ביפֿראַט נאָך אינ-אָוונס, ניט איִנגאַנצן זיכער צו שפּאַצירן: גאַלאַטע ווייס פֿון אַסאַך בלוטיקע אָנפֿאַלן.

דער אָפֿיצער איז געגאַנגען, אויספֿייפֿנדיק אַ מאָדישע גאַסנ-לידל, וואָס ער האָט פֿון פּאַריז אַהער פֿאַרטראָגן. בײַם דער קלייניקער צובאָדעוועסער טערקישער ייִנגל איז מיט פֿולן איִמ-פּעט אַף איִם אָנגעלאָפֿן מיט זיין געפּייגערטן פּאַצוק. דער אָפֿי-צער האָט אַרויסגעלאָזן אַן אויסגעשריי און זיך אַ טרייסל געטאָן.

דאָס שטריקל האָט זיך ארומגעדרייט ארום זיינע פראַנטישע, זויבער אויסגעצוצטע שטיוול.

דאָס יינגל איז געבליבן שטיין, ווי צוגעשמידט, און האָט דערשראָקן אויפגעהויבן צום אָפיצער די אויגן.

דעם אָפיצערס אויגן זיינען געוואָרן קיילעכדיק, ווי בא א סאָווע.

— איך וועל דיך לערנען, פּאַסקודניק איינער, ווי זיך צו באַגיין מיט א פראַנצויזישן אָפיצער! — האָט ער אויסגעשריען מיט א פאַרשטיקטן קאָל פון רעציכע און, פאַרהויבנדיק זיין דינעם בייטשל, א שמיץ געטאָן דעם קינד אין פּאָנים.

א בלוטיקער שטרייף איז אָפּגעגאַנגען באַם יינגל פון נאָז ביזן אויער. אָנכאַפּנדיק זיך מיט ביידע הענט פאַרן צופאַטלטן קאָפּ, האָט ער אונטערגעבויגן די פיס און פלוצלונג זיך געגומען דרייען איבער דרערד, ווי א נאַר, קוויטשענדיק מיט באַנומענע קולעס.

מיט איין שפּרונג איז דער אויסגעזוצטער-צאָן געווען אַפּן טראָטואַר. זיין פּאָנים איז גרין געווען, און זיינע ליפּן האָבן זיך פעסט צונויפגעדריקט. זיי זיינען איצט געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם צווייטן — דער נידעריקער פעסטגעבויטער אויסגעזוצטער צאָן און דער הייכער פראַנצויזישער אָפיצער מיט דער שטייף-איינגעצויגענער טאַליע.

— גייט זיך! — האָט דער אָפיצער אַרויסגעברומט צווישן די ציינער, בלייך ווערנדיק און אַראָפּלאָזנדיק דאָס בייטשל.

— צי מיינט איר, ריטער פון דער פראַנצויזישער אַרמיי, אַז מען וועט אייך דערלויבן צו שלאָגן קינדער? — האָט דער אויסגע-זעצטער-צאָן אויסגעשריען אויסער זיך און אויפגעהויבן דעם פויסט, זיין פעסטן, וואָגיקן פויסט, וואָס איז געווען בארימט איבער מאַרסעלער שענקלעך.

דער אָפיצער איז אָפּגעטראָטן אַף צוריק, אַרויסלאָזנדיק פון האַנט דאָס בייטשל, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן לעבן די שפּיצן פון זיינע פראַכטפולע שטיוול.

ס'איז געווען צו שפּעט. דער אויסגעוועצטער-צאָן האָט געגעבן אַ זעץ. פֿון אָפֿיצערס קאָפּ האָט אַ פֿלי געטאָן צו דרערד די היטל. דער אָפֿיצער האָט אונטערגעבויגן די פֿיס, ווי מיט אַ ווײַלע פֿריִער דאָס פֿאַרשטירטע ייִנגל, דאַן האָט ער, ניט פֿאַנאַנדערבויגנדיק דעם רוקן, זיך אַ קער געטאָן און געלאָזן זיך לויפֿן מיטן וויטנגעסל אַף אַרויף.

ושאָן האָט אויפֿגעהויבן פֿון דרערד די היטל און אים נאָכגעוואָרפֿן, שרײַענדיק:

— אײַער קאָפּ, קאַפּיטאַן, אײַער קאָפּ פֿאַרגעסט ניט מיטצונעמען!

פֿונם אַנטקעגנדיקן טראָטואַר איז פּאַמעלעך אַראָפּ און זיך דערנענטערט צו זיי אַן אַלטער טערק. ער איז געווען אַזוי פֿאַרעלטערט, אַז זײַן גאַנצער פּאָנים, און, ווי ס'האָט זיך געדוכט, אויך זײַן גאַנצער קערפּער איז באַשטאַנען פֿון אײנע קנייטשן. פֿון אונטער זײַן הויכער ציכטיקער פֿעסקע האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר אָפּגעבליאַקירטע, נאָר דורכדרינגלעכע אויגן — אַרויסגעקוקט געלאַסן און קלוג; אונטער זײַן דינער נאָז זײַנען אַראָפּגעהאַנגען אַ פּאָר גרויע, מיט אַ געלקייט, וואָנצן, זײַנע דאַרע הענט מיט די לאַנגע פֿינגער, אַן טאַרטשענדיקע קניפּ אַף די געלענקען, האָבן זיך געטרייסלט מיט אַן אָפּסן ציטער. ער איז געווען אָנגעטאָן אין לאַנגגעזיקטע לײַכטע שיך, אין בלויע, אַף אונטן פֿאַרשמעלטע הויזן און אין אַ ניט גאָר קיין פֿרישן און אַ ברייטן פֿאַר זײַן אויסגעדאַרטן קערפּער מונדיר.

— איך באַגריס אײַך, מײַנע פֿרײַנט, — האָט ער אַרויסגערעדט אין זייער אַ ריינעם ניט געאיילטן רוסיש, מאַכנדיק אַ צערעמאָניעלע פֿאַרבויגונג. — נאָך אײַער פּאָנים, מײַן אומבאַקאַנטער פֿרײַנט, און אויך לויט אײַער אײדעלער האַנדלונג קאָן איך ניט ניט דערקענען אין אײַך אַ רוסישן מענטשן. אין אונדזער שווערער צײַט ווערט זיך קיינער ניט אײַנשטעלן פֿאַר אַ טערקישן קינד און פֿאַר אונדזער גאַנצן אויסגעליטענעם לאַנד, קיינער ניט, חוץ יענעם

פֿאָלק, מיט וועלבן עס פֿירט אָן דער גרויסער לענין. ווי,—ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אין דער זייט פֿון יאַם,—ווי האָבן געבראַכט אַהער גרויזאַמע, אומבערעכטמאָנעסדיקע באַטאַליאָנען סאָלדאַטן, וועלכע דריקן און־פּייניקן אונדזער פֿאָלק, ווי האָבן אָנגעטריבן אין אונדזערע וואַסערן אַ מעכטיקן פֿלאָט, וועלכער דראָט טאָג און נאַכט אונדזערע היימען און אונדזערע הייליקסטי־מער מיט אונטערגאַנג און צושטערונג.

אונדזער אין דער ווִגלאָזער מילכאָמע אויסגעפּייניקטע פֿאָלק גייט אויס פֿון די קויכעס אונטערן דרוק פֿון די ניטגעבעטענע דער־אָבערער. אָבער מיר גלויבן און וויסן,—דער אַלטער האָט אַ טרייסל געטאָן אין דער לופֿטן מיט זיין לאַנגן פֿינגער,—מיר וויסן, אַז עס וועט שלאָגן די שאָ, ווען פֿון מיזרעך וועט קומען לענין און וועט שענקען שאָלעם אונדזער לאַנד, וועט אָפּווישן די טרערן פֿון קינדער און פֿרויען און וועט פֿאַרניכטן די קנעכט־שאַפֿט!

ער האָט אויסגעשטרעקט דעם אויסגעווצטן־צאָן זיינע צו־קנייטשטע הענט.

— איך דאַנק אייך, מיין רוסישער פֿריינט. איך קען גוט אייער היימלאַנד. אין אייער היימלאַנד האָב איך באַזוכט בלויז פֿריינטלעכקייט, און איך בין געוואָינט איר צו גלויבן.

דער אויסגעווצטער־צאָן האָט האַרצלעך געדריקט דעם אלטנס הענט.

— אויב איך קאָן אייך מיט וואָס עס איז דינען,—האָט דער טערק פֿאַרגעווצט אַלץ מיט דעמזעלבן אַלטערישן קאָל,—דאַן ווענדט זיך צום אַלטן אַלי־אָסמאַן־האַמיד. אין זיין הויז וועט איר שטענדיק געפֿינען אַ דאַך פֿאַר זיך און באַשיידענע שפּייז.

— איך דאַנק, אַלי־אָסמאַן־האַמיד,—האָט געזאָגט דער אויס־געווצטער־צאָן,—מעגלעך, עס איז טאַקע ניט פֿיין צו בעטן בא אייך הילף שוין דאָ אַפֿן אָרט. דאָ איז אָבער ניט צו העלפֿן, מיין

איניען איז אַזאַ! איר, ווי איך זע, ווייס אַ סך פֿון מיין שניט.

און דאָ גופֿא, אונטערן לאַמטערן, האָט דער אויסגעזעצטער צאַן דערציילט דעם אַלטן, אַז ער זוכט דאָ אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אימיצן פֿון די רוסישע באָלשעוויקעס און אַז ער אַליין שטרעבט צו קומען אין רוסלאַנד און שטעלן זיך אונטער לעניגס מעכטיקער פֿאָן.

האָרכנדיק, האָט דער אַלטער אַלץ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און דער פֿראַנדז פֿון זיין פּעסקע האָט זיך מיטגעשאָקלט. אויסגעהערט, האָט ער זיך אויפֿמערקזאַם אומגעקוקט אין אַלע זייטן, פֿאַרזשמורענדיק זיינע דורכדרינגענדיקע אויגן.

— גוט, האָט ער ענדלעך פֿאַרשטיקט אַרויסגעשעפּטשעט,— איך וועל אייך צונויפֿירן מיט די רוסישע כאַווייריִם. זייט נאָר פֿאָרזיכטיק: קאָנסטאַנטינאָפּאָל דערמאָנט היינט אַ טראָפּישן וואַלד, וווּ אונטער יעדן קוסט, אונטער יעדן בוים לויערט אַף אייך אַ רויבערישע כאַיע. ווען וואָלט איר קאָנען קומען צו מיר?

— גלייכער מאָרגן, אַלי-אָסמאַן-האַמיד. היינט דאַרף איך מיט אָט דעם קליינעם זיך צוריקקערן אַף דער יאַכטע, אַניט וועט מען זיך כאַפּן, אַז מיר פֿעלן.

— אויך גוט. קומט מאָרגן אַף סקוטאַרי-גאַס, אין מיין הויז, אַזייגער פֿינף נאָך מיטיק. איך וועל אַרופֿ טאָן אימיצן פֿון מיינע רוסישע פֿריינט.

זיי האָבן זיך שווייגנדיק פֿאַרנומט איינער פֿאַרן אַנדערן, און אַלי-אָסמאַן-האַמיד איז זיך אַוועק זיין וועג, שאַרנדיק איבער די שטיינער מיט די ווילן פֿון זיינע חייכע שיך. זיין איינגעבויגענע פֿיגור איז גיך פֿאַרשוווּנדן אין דער שיטערער, פֿינצטערקייט פֿונם שמאָלן געסל.

— מער האָבן מיר דאָ ניט וואָס צו טאָן,—האָט געזאָגט דער אויסגעזעצטער-צאָן,—דער פּרימאָרגן איז קליגער פֿאַרן אָוונט. אָבער היינט, דוכט זיך, האָט אונדז היפּש אָפּגעגאָלטן, אַדאַנק דעם

אויסגעפּוצטן אָפּיצער, זאָל אים גאָט געבן אײַזערנעם געזונט. קום, קלײנער, צײַט צו גײן אַף דער „ווײַסער מעווע". גײענדיק וועל איך דיר דערצײלן, וואָס מיר האָט געזאָגט דער אַלטער טערק. סאַראַ צאָרע, וואָס דו קענסט ניט קײן רוסיש! נו, דאָרטן אַפֿן אָרט וועסטו זיך שוין צוגעוואוינען. אין דײַנע יאָרן אַרבעט דער קאָפּ גוט.

אַ לײַכטער באַרקאַס האָט זײ שנעל אָפּגעפֿירט צו דער „ווײַסער מעווע", לאַווירנדיק צווישן די לאָדקעס. דאָס וואַסער האָט אויסגעוויזן שוואַרץ, אָן אַ צאָל שטערן האָבן, ברעקלענדיק זיך און ציטערנדיק, זיך אין דעם געשפּיגלט. די גופֿן פֿון די שיפֿן האָבן געלויכטן, ווי ריזיקע לאַמטערנעס, אָנגעצונדענע איבערן סאַמע וואַסער, און זײערע באַלויכטענע פֿענצטער האָבן, ווי געשלענגלטע לענטעס, ענלעכע אַף ציִנגער פֿון דראַקאָנס, אָפּגעגלאַנצט אין דער טיפֿעניש פֿון יאַם.

מיט פֿאַנאַנדערגעוואָרפֿענע הענט און אַ ברײט צעעפֿנטן מויל האָט פּיער רעבו פֿרײדלעך געכראָפּעט אַף זײַן געלעגער. יוליע האָט אויפֿגעוואָרן דעם קאָפּײניק. בײַסן אונטערווײט האָט זשאַן קײן חאָרט ניט אויסגערעט. דער אויסגעוועצטער-צאָן איז געווען פֿרײלעך, און ער האָט אָפּילע, צוקנאַקנדיק מיט די פֿינגער און אויסשטעלנדיק אַ פּאָר שרעקלעכע אויגן, אַרײַנגעקערט אַ גלעזל בראָנפֿן.

VI

אַלי-אַסמאַן-האַמיד איז אַלט און אומגליקלעך.—אַלי-אַסמאַן-האַמיד איז פֿאָרזיכטיק.—אַלי-אַסמאַן-האַמיד האָט געזאָגט: „איך ווינטש אײַך דערפֿאָלג אין אײַער רומפֿולער אַרבעט".—די „ווײַסע מעווע" איז אַרויס אין שוואַרצן יאַם.

די סקוטאַרי-גאַס האָט מען לאַנג ניט געדאַרפֿט זוכן. מאַכמעס גאַנץ קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט, דוכט זיך, געקאָנט רײדן אַף אַ געבראָכענעם, אָבער פֿאָרט פֿונדעסטוועגן פֿאַרשטענדלעכן פֿראַנצויזיש.

עלי־אַסמאַן־האַמידס הויז איז געווען אויסערלעך ווייַער ניט קיין אַנזיכטיקע. די שכיינעסדיקע הייזער האָבן זי צוגעפּע־קוועטשט. דער אויסגעזעצטער־צאָן און זשאַן זיינען אַרויף אַף דער וואַקלדיקער טרעפּ און האָבן אָנגעקלאַפּט אין טיר.

אַ היפּשע צייט האָבן זיי קיין שום ענטפער ניט באַקומען. ענדלעך איז אַרויס אַן אַלטע טערקישע פרוי מיט אַ שטאַרק צו־קנייטשטן פּנים און, צושטעלנדיק, ווי אַ שילד, די אויסגעדאַר־טע האַנט צום שטערן, האָט זי זיך לאַנג איינגעקוקט אין די געסט. אירע שוואַכע אויגן האָבן געטרערט, און ס'האָט גע־שמעקט פון איר מיט רויך פון קיך. זי האָט פאַראַקשנט גע־שאָקלט מיטן קאָפּ און פאַר קיין מאָל ניט פאַרשטאַנען ניט קיין פראַנצויזיש און ניט קיין רוסיש. בלויז באַם נאָמען אַלי־אַסמאַן־האַמיד האָט זי זיך אָפּגערוקט און געלאָזן די געסט דורכגיין.

דער צימער, וווהין דער אויסגעזעצטער־צאָן מיט זשאַנען זיי־נען אַריין, איז געווען אַ נידעריקער, אַ לענגלעכער און ווייַער אַ ליכטיקער. אַלע ווענט זיינען געווען באַהאַנגען מיט טעפּיכער מיט ווייַער קינסטלעכע געמעלן; איבער די טעפּיכער זיינען געקרייצט געהאַנגען קרומע שווערדן, יאַטאַגאַנעס, פּיסטאָלעטן און ביקסן פון גאַנץ אַלטע מוסטערן. אַנשטאָט מעבל זיינען דאָ געווען מאַטן מיט בונטע קישנס.

אין אַ ווײַלע אַרום איז אַריין דער באַלעבאָס. ער האָט גע־טראָגן דעם נעכטיקן קאָסטיום, אָבער זיין צוקנייטשטער פּנים האָט באַם טאָגליכט אויסגעזוען נאָך עלטער.

ער האָט די געסט געבעטן זיצן.

— איר ווילט עפּשער, איך זאָל ריידן מיט אייך פראַנצוי־זיש?—האָט ער געפרעגט—איך זע אייך דעם אַנדערן מאָל, און דעם אנדערן מאָל זע איך מיט אייך אַ פראַנצויזישן יינגל. איך שליס פון דעם, אַז איר האַלט פון אים ניט בעסאָר אונדזער שמועס.

דער אויסגעזועצטער צאָן האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צום צייכן, אז ער איז איינשטימיק.

— ווען גייט אַחעק אייער יאכטע?—האָט אלי-אָסמאַן-האַמיד געפרעגט.

— מאָרגן פאַרנאַכט.

— וווהין פאָרט איר?

— אָנפאַנגס האָט הער בוקע, דער אייגנטימער פון דער יאַכטע, געקלערט צו פאָרן אף נאָוואָראָסייסק מאַכן געשעפט מיטן גענעראַל דעניקין. נאָר איצט האָט ער זיך, אַפּאַניט, באטראַכט און האַלט דעם קורס אַף סעוואסטאָפּאָל. די זאַך איז קלאָר: אָדעס וועט, אויב ניט היינט, איז מאָרגן, ווערן פאַרנומען פון די רויטע, אויב זיי האָבן זי שוין ניט פאַרנומען. עס האַלט איצט, ווייזט אויס, בא קרים. נו, און א רעגירונג, וואָס פילט זיך וואַקלדיק, איז שוין שטענדיק פרייגעביקער בא א געשעפט—קעדיי צו לאָזן זאַמד אין די אויגן, דעריבער האַלט ער איצט דעם קורס אף קרים.

— הער בוקע איז עפּשער סאַקע גערעכט,—האָט דער טערק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ,—די קרימער רעגירונג איז ניט אַף לאַנגע יאָר. אַף די שיפן פונם פראַנצויזישן פלאָט, וואָס שטייען אין סעוואַסטאָפּאָל, הויבט זיך אָן א באוועגונג. די אויסלענדישע שיפלייט הויבן אָן אַיינצוזען, ווען זיי באַשיצן מיט זייערע האַרמאַטן. יאָ, יאָ, מיינע פריינט, די רוסישע רעוואָלוציע גייט זיך מיט איר גאַנג, און קיין שום אינטערווענץ איז ניט אימשטאַנד זי אָפּצוהאַלטן אין איר וועג. איך, אן אַלטער מאַן, וועלכער איז גראָ געוואָרן אין צאָרעס, וועלכער האָט צוויי זין פאַרלאָרן אין דער מילכאָמע, באַגריס זי מיטן גאַנצן האַרצן! גוט איז אייך, אויב איר וועט אָנקומען קיין רוסלאַנד—איר וועט קאָנען, אויב איר זייט אופריכטיק, געפינען פאַר זיך אַן אָרט אינעם קאַמף פון דעם רוסישן פאָלק.

דער אויסגעזעצטער-צאן האט צופרידן אַ ריב געטאן די הענט.

— איך וואָרט דאך בלויז אף דער מינוט,—האט ער גע-זאגט— איך זאל נאר באַלד אָנטרעפן אַף די נויטיקע מענטשן. איר האט צוגעזאגט צונויפצופירן מיך היינט מיט די כאווירים, אַלי-אסמאַן-האַמיד.

— איך באַדויער זייער, וואס איך מוז אייך אַנטוישן. דער רוסישער כאַווער איז היינט אָפגעפאָרן קיין קרים אַף אַ טערקי-שער פעליוגע. פארט אַריבער קיין סעוואַסטאפאל, דארטן וועט די אַרבעט גופע אייך אונטערזאָגן, וואס איר האט צו טאָן. א רוסישער מענטש, אן איבערגעגעבענער דער רעוואָלוציע, וועט שוין שטענדיק געפינען פאַר זיך אַן ארבעט. איבעריגנס, האב איך שוין באַוויזן דורכצושמועסן זיך וועגן אייך מיטן רוסישן כאווער. ער וועט אייך דארטן אַליין אופזוכן.

— עפשער וועט איר מיר געבן זיין אַדרעס?

— ער וועט אַייך אַליין געפינען.

— איר געטרויט מיר ניט, אַלי-אסמאַן-האַמיד?

— מיין טייערער פריינט, די גאַנצע וועלט שווימלט היינט פון שפיאָנען. די וועלט איז צושפאָלטן אַף צוויי פיינטלעכע העלפטן. און יעדער מענטש דאַרף זיך היטן. ער זאָל ניט אום-זיסט אַריינפאַלן. יעדער איינציקער איבערגעגעבענער מענטש איז נויטיק פאַר דער רעוואָלוציע. מיטן גאַנצן הארצן שפיר איך אין אייך אַן אונדזעריקן, אָבער איר דאַרפט דאָך מוידע זיין, אַז איך זע אייך נאָר און נאָר דעם צווייטן מאָל אַפן לעבן.

דעם אויסגעזעצטן-צאַנס פאָנים האָט זיך פאַרפינצטערט. ער האָט אָבער טייקעף דערלאַנגט דעם טערק די האַנט:

— איר זייט גערעכט, אַלי-אַסמאַן-האַמיד, אַניט וואָלט מען אונדז אַלעמען צופאַנגען, ווי די האָזן.

— איך בין צופרידן, וואָס איר פילט זיך ניט באַליידיקט פון מיין פאָרזיכטיקייט. איך האָב שוין אזוי אויך ריזיקירט, וואָס

איך בין עפֿנטלעך צוגעגאַנגען צו אייך אף דער גאַס, נאָר וואָס האָב איך מוירע צו האָבן — אַן אַלטער מאַן. וואָס איז שוין דערגאַנגען צום ברעג פֿון קייווער און וואָס איז איינער אַליין אַף דער וועלט? זייט ניט אומרויִק, דער כאַווער וועט אייך געפֿינען אַף דער יאַכטע. איך ווינטש אייך דערפֿאָלג און רומפֿולע אַרבעט.

דער אויסגעזעצטער-צאָן מיט ושאַנען האָבן זיך צוזעגנט און זיינען אַרויס. דער אַלטער האָט זיי באַגלייט ביזן טרעפּ.

— זאָל איך איינגעזונקען ווערן דאָ אַפֿן אָרט! — האָט אויסגעשריען דער אויסגעזעצטער-צאָן, ביים זיי האָבן זיך פֿאַרקירעוועט הינטערן ראָג. — זאָל איך איינגעזונקען ווערן דאָ אַפֿן אָרט. אייב דער טערק האָט ניט געזאָגט עמעס! ניט אַזוינע מענטשן זיינען דאָס, זיי זאָלן אַ מענטשן סטאַם דרייען אַ בייעך! און ניט אַזוינע זיינען זיי, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פֿון אַזאַ פּייסט, וואָס איז גרייט צו לאָזן זיך אין שלאַכט אַריין סאַי באַטאָג, סאַי באַנאַכט!

דערביי האָט דער אויסגעזעצטער-צאָן פֿאַרקאַטערט דעם אַרבל און דראָענדיק אַ טרייסל געטאָן מיטן פֿויסט.

קעדיי צו פֿאַרטרייבן די צייט, האָבן זיי זיך דעם גאַנצן אָונט אומגעשלעפּט איבער די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער גאַסן. ביידע זיינען זיי געווען אויפֿגערעגט, און ביידן האָט זיך ניט געוואָלט ריידן.

זיי זיינען אומגעגאַנגען שווייגנדיק.

איבער די גאַסן פֿונם אייראָפּעיִשן קוואַרטאַל האָט אָן אויפֿהער געשטראָמט אַ גלענצנדער אוילעם. אין די גרויסאַרטיקע קאַפֿע-הייזער, בא א גלעזל קאַפֿע, בא מאַראָזשענע, בא אַ פֿלעשל באָק-ביר זיינען געזעסן רוסישע גווירים, וועלכע האָבן געהאַלט בעסער זיין וואָס ווייטער פֿון די דונערנדיקע רעוואָלוציאָנערע קלעפּ פֿון זייער היימלאַנד. הינטער ברייטע, מיט בלומען פֿאַרשטעלטע פֿענצטער האָט געקרעכצט דער סטרונע-אָרקעסטער,

האָט זיך געדרײדלט דער בלאָלעכער ציגאַרנרויך. צווישן די טישלעך האָט מען געטאַנצט.

— האָב זיי אַלעמען אַ שוואַרציאָר, די אויסגעפּראַנטעוועטע שויטים!—האָט דער אויסגעזויצטער-צאָן מיט קאָפּס אַרויסגע-מורמלט—קום אַף דער יאכטע, עס קערט די גאַל!

אַפֿן אַנדערן טאָג, פֿאַרנאַכט, איז די „ווייסע מעווע" אַרויס דורכן באספאר אין שוואַרצן יאַם.

דריטער טייל

דער לעצטער זאלפ

I

די „ווייסע מעוועס" ניט אריין אין סעוואסטאפאלער בוכטע.—הער בוקע בארעט זיך—אז דאס איז דאס רוסלאנד, דאס לאנד פון די באלשעוויקעס! — ניט געווארן דער אייזנשטיין-באן. — דער אייזנשטיין-באן האט פארגעסן אז זיין כאווער! — „אפגעבן זשאן רעבו אין האנט".

—

— הער בוקע האט פארשפעטיקט: ביים די „ווייסע מעוועס" איז פריילעך וויגנדיק זיך אף די שפילע וועלן, אריין אין סעוואסטאפאלער בוכטע, האט די ווייסע מאכט אין סעוואסטאפאל געלעבט אירע לעצטע טעג.

ניין, דער קרימער רעגירונג איז שוין ניט געווען אין קאפ אנצוקוקן זיך פארלעגענע מאנופאקטור באם הער בוקע! הער בוקע האט דאס פארשטאנען. ער איז געשטאנען באם בארט פון יאכטע, פארדריסלעך פיפקענדיק זיין לאנגן גראבן ציגאר מיטן גאלדענעם קאנטל. זיינע קליינע כאוערשע אויגלעך האבן צו-טראגן געקוקט אף דער בוכטע. אפן ערשטן בליק איז, דוכט זיך, אלץ געווען אין ארדענונג: אפן רעיד זיינען געשטאנען די פראנצויזישע גיגאנטן—„פראנס", „זשוסטיס", „זשאן בארט". דער ווינט האט געריסן די דרייפארביקע נאציאנאלע פלאגן אף זיי. אין דער קאנסטאנטינאפאלער בוכטע האט זיך געשווארצט דער געוואלטיקער קארפוס פונם פאנצערשיף „מיראבא", וועלכער איז ארופגעפארן אף א שטיין און איז געווארן דורכגעלעכערט. די שטאט האט זיך געשפרייט איבער דער בוכטע, געווייסט זיך

מיט דער קאָלאָנאַדע פֿונם גראַפֿישן לאַנדונגפּלאַץ, און זיך צו־וואָרפֿן אין אַ בונטער פּאַנאָראַמע פֿון די באַרגיקע גאַסן,—ס'האָט זיך ניט געהערט ניט קיין שיסעריי, ניט קיין רעוואָלוציאָנערע געזאַנגען.

פֿונדעסטוועגן איז אָן אומרו געהאַנגען איבער סעוואַסטאָפּאָל. די שטאָט האָט אָנגעשטרענגט געוואַרט אויף עפּעס.

די גאַנצע בוכטע איז געווען פֿאַרנומען מיט טראַנספּאָרטן פֿון דער אַנטלאָפֿענער פֿון אָדעס בורזשואַזיע. זשאַן האָט דאָרטן געזען הונדערטער און טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן זיך באַזעצט גופֿא אויף דער שיפֿדעק, אונטערן פֿרייען הימל, צווישן פּעק, טשעמאָדאַנעס, קעסטלעך און שטובהינטלעך. זיי האָבן זיך ניט געקאָנט אַנטשליסן צו פֿאַרלאָזן די שיפֿן: די רויטע זיינען געווען נאָענט.

ניט דערגייענדיק צום לאַנדונגפּלאַץ, האָט די „ווייסע מעוועזיך פֿאַראַנקערט אין דער בוכטע. העלער בוקע איז אוועק צו זיך אין קאַיוטע אײַנײַנעם מיט זײַנע קאָמפּאַניאָנען און האָט זיך דאָרטן איינגעשלאָסן אויף אַ גאַנצער שאָ צייט. קיינער האָט פֿון גאָרניט ניט געוווּסט. העלער בוקע האָט ניט געוואָלט ריזיקירן—אין דעמדאָזיקן לאַנד פֿון רויבער און פּאָגראָמשטשיקעס דאַרף מען האַלטן די אויגן אָפֿן. העלער בוקע האָט אָפֿטער אַרויסגעקוקט דורכן ליוק אויף די פֿרידלעך-דרעמלענדיקע שיפֿן פֿונם פֿראַנצויזישן פֿלאָט—יאָ, ווען ניט די־דאָזיקע שיינע שיפֿן, וואָלט מען געוויס ניט געווען זיכער מיטן לעבן!

דער ראַט פֿון די פֿאַבריקאַנטן האָט באַשטימט אויסצוּוואַרטן און צו פּרוּוון אָנהייבן אונטערהאַנדלונגען מיט דער קרימער רעגירונג, און אויב די קרימער רעגירונג עקזיסטירט שוין ניט—פֿאָרן אין נאָוואָראָסייסק צום גענעראַל דעניקין, וועלכער ווייס, דוכט זיך, אַ מיטל קעגן די רוסישע באָלשעוויקעס.

זשאַן האָט זיך אומגעדולדיק אומגעדרייט אויף דער שיפֿדעק. אָט דאָס איז דאָס רוסלאַנד, דאָס אומגעהויערע, אומפֿאַר-

שטענדלעכע און גרויסע רוסלאנד, וואָס האָט אופגעטאָן דאָס, פאַרוואָס דער זיידע אַלעקסאַנדער האָט געקעמפט און איז גע-שטאָרבן! זשאַן האָט פאַרשטאַנען, אַז צום זיג איז נאָך ווייט. ער האָט געזען, אַז די מענטשן, וועלכע אונטערדריקן דאָס פאָלק, האַלטן זיך מיט אַלע קרעפטן פאַר זייער מאַכט. די פראַנצויזן העלפן זיי אויך. פראַנצויזן זיינען דאָך אָבער פאַראַן פאַרשיידענע. פאַראַן אַזעלכע, ווי הער בוקע, און אַזעלכע, ווי דער זיידע אַלעקסאַנדער. צי דען איז אינם מיליטער, וואָס האָט באַזעצט סעוואַסטאָפאָל, אין אַף די קריג-שיפן, וואָס זיינען אַריין אין סע-וואַסטאָפאָלער בוכטע אַף צו העלפן די רוסישע גווירים, ניטאָ קיין איינציקער, וועלכער זאָל, אַזוי ווי דער זיידע אַלעקסאַנדער, אויסשרייען מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיינען לונגען:

— אַלע פעלקער זיינען ברידער, אַלע טיראַנען זיינען אונ-דזערע סאָנים!

זשאַן האָט זיך אומגעקוקט אַף די פראַנצויזישע שיפן. זיי זיינען געשטאַנען, פונקט ווי פון שלאָף באַצוווּנגען, אומבאַוועג-לעך אויסשטעלנדיק די העלדזער פון זייערע טויט-טראָגנדיקע האַרמאַטן. אַף קיין איינציקן פון זיי איז ניט געווען צו זען קיין רויטער פלאַג—אַן אָנזאָגער פון דער זיגנדיקער פרייהייט. אַלע ווילדע האָט זיך הילכיק צוטראָגן איבערן וואַסער און זיך דער-טראָגן אַהער דער מעטאַלענער קלאַנג פונם שלאָגן פון דעם שיפ-זייגער.

צי דען האָט דאָס פראַנצויזישע פאָלק פאַרגעסן זיינע פריי-הייט-לידער?

אומעטום, וווּהין זשאַן איז ניט געגאַנגען, האָט ער זיך אָנ-געשטויסן אַף הייפלעך פאַסאַזשירן פון דער „ווייסע מעווע". די הערשאַפטן, וועלכע האָבן באַוואָרנט דעם אויבערשטן טייל פון דער יאַכטע, פלעגן זיך אומרוּיִק איבערוואַרפן מיט איינציקע אָפ-געריסענע אויסרופן. זיי האָבן באַטראַכט דעם ברעג—די דאַמען דורך לאָרנעטקעס און די מענער דורך בינאָקלען.

— יאָ, אָבער איך זע ניט קיין איין רויטן פלאַג אין שטאָט!
די באָלשעוויקעס פאַרשפּרייטן דאָס די קלאַנגען, קעדיי אויפצו-
הויבן אַ פּאַניקע!

— ס׳זאָגט, אַז אינם פראַנצויזישן פלאָט טומלט זיך!

— אין אָדעס האָבן די באָלשעוויקעס אינגאַנצן געפּאַטערט
אונדזער אַרמיי. די אָפיצערן האָבן מוירע פאַר די סאָלדאַטן...

— וואָס פאַראַ נאַרישקייטן! קוק נאָר אַ קוק—די האַרמאַטן
פון די פראַנצויזישע שיפן זיינען אָנגעשטעלט אויף דער שטאָט.

ושאַן איז אַוועק זוכן דעם אויסגעוועצטן-צאָן. ער האָט אים
ערגעץ ניט געפונען. ער איז דורכגעגאַנגען דעם אונטערשטן שיפ-
רוים, אריינגעקוקט אין מאַשינען־אָפּטייל, אין קאַיוטע פאַר די
מאַטראָסן. דער אויסגעוועצטער-צאָן איז ערגעץ ניט געווען. די
מאַטראָסן האָבן זיך געשושקעט אין די ווינקלעך, גערעט, אז די
קרימער רעגירונג עקזיסטירט שוין ניט מער, אַז מיט דער שטאָט
פאַרוואַלטעט אַ רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט פון אַרבעטער און
רעוואָלוציאָנערן.

אין שטאָט איז פאַראַן זייער אַ גרויסע מאַסע גריכישע און
פראַנצויזישע סאָלדאַטן. די גאַנצע מאַכט געהערט דעם קאָמענ-
דאַנט פון שטאָט, דעם פראַנצויזישן פּאָלקאָווניק טרוסאָן, וועלכער
קלעפּט פאַנאַנדער אויף די פּאַרקאַנעס מוירעדיקע באַפעלן. אין די-
דאָזיקע באַפעלן דראָט ער צו שיסן פון די פּאַנצערשיפן אויף שטאָט
און אויסצוגלייכן זי מיט דער ערד, אויב דער רעווקאָם וועט
אָנהייבן אַן אויפשטאַנד. די רויטע זיינען שוין נאָענט. לעבן באַ-
לאַקלאַווע האָבן זיך באַוויזן די מיליטער-אָפּטיילונגען פונם כאַווער
קאָטאָוו. די אַרבעטער גרייטן זיך צו אַן אויפשטאַנד.

גאַס ווייס, פונוואַנען ס׳האָבן זיך גענומען די־דאָזיקע קלאַנגען
אויף דער „ווייסער מעווע", וועלכע איז געווען אָפּגעטיילט פון
סעוואַסטאָפּאָל דורכן וואַסער פון דער בוכטע.

דער אויסגעוועצטער-צאָן איז ערגעץ ניט געווען.
ושאַן איז אַוועק צו זיך אין קאַיוטע.

פיער ריעבן איז דאָ ניט געווען. פיער ריעבן האָט מיט פאַרקאַ־שערטע אַרבל געבראָטן אַף דער קיך הינדלעך אַף מיטיק. יוליע איז געזעסן אָפן בעט און איינגעניייט קנעפּלעך אין זשאַנס הויזן. ס'אַרן אומלויפער ער איז, דער זשאַן! שטענדיק רייסט דאָס אויס די קנעפּלעך, אַפילע אַף אַזאַ שטילן אָרט, ווי דעם הער בוקעס יאַכטע!

דערהערט זשאַנס טריט, האָט יוליע אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אים צוגעשמייכלט.

— נו, דוכט זיך, מיר זיינען שוין דערפאָרן, — האָט זי אַרויס־גערעדט. נאַטירלעך, אַפן יאַם איז שיין, אָבער אַף דער טרוקענער איז פאָרט רויקער צו לעבן. דו ווייסט ניט, זשאַן, מ'וועט אונדז עפשער אינגיכן דערלויבן אַרויסזעצן זיך אַפן ברעג?

— ווו איז דער אויסגעזעצטער־צאָן? האָט איר זשאַן אומגע־דולדיק איבערגעשלאָגן.

— דאָס איז דערווייל אַ סאָד, — האָט יוליע געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— וואָס הייסט — אַ סאָד?

— אָט דאָס הייסט עס. נאָרדיר, זשאַן, וועל איך אויסזאָגן. מיט אַ שאָ צוריק איז צום באָרט פון דער יאַכטע צוגעשטאַנען אַ שליופּ־קע. אין איר איז געזעסן עפּעס אַ צושויבערטער און ווייער אַ שרעקלעכער מענטש. ער האָט אַ רוף געטאָן דעם אויסגעזעצטן־צאָן באַם נאָמען. דערנאָך האָבן זיי ביידע עפּעס גיך גערעט אַף רוסיש, און דער אויסגעזעצטער־צאָן איז אוועקגעפאָרן מיט אים צום ברעג.

— וואָס הייסט אַוועקגעפאָרן? — האָט זשאַן אויסגעשריִען קימאַט וויינענדיק. — און איך? און מיך האָט דער אויסגעזעצטער־צאָן פאַרגעסן?

יוליע האָט ליבלעך אַ גלעט געטאָן דעם זון איבער דער באַק.

— ער האָט ניט פאַרגעסן, ניט פאַרגעסן דיך, דיין גוטער ברודער. ער האָט דיר געהייסן זאָגן, אַז ער וועט גאָר אינגיכן

קומען נאָך דיר. ער דאַרף זיך זען מיט זיינע לאַנדסלייט. זע נאָר, זשאַן, דו זאַלסט זיך אָקאָרשט ניט אוסריידן פאַר עטיצן. איך אַליין בלויז האָב געזען, ווי דער אויסגעזעצטער-צאַן איז אַראָפּ אין שליופּקע. רייד זיך גיט אויס, זשאַן, אַניט וועט הער בוקע דורכטרייבן דעם אויסגעזעצטן-צאַן פון דער שטעלע.

— נויטיק דאַרף ער שוין איצט דיין שטעלע!—האָט זשאַן געזאָגט בייז און איז אַרויס פון קאַיוטע, מיט קאַעס אַ קלאַפּ טוענדיק מיט דער טיר.

אים האָט פאַרדראָסן. דער אויסגעזעצטער-צאַן האָט אים ניט מיטגענומען! אים, ווער עס האָט שטענדיק געטיילט מיט אים אַלע געפאַרן! אים, ווער עס האָט זיך פאַר אים איינגעשטעלט אינם שענקל „מאַטראָסנפריינד“! ניין, זשאַן וועט אים דאָס קיינמאָל ניט מויכל זיין...

נאָך קיינמאָל ניט און ערגעץ ניט, אַפילו ניט אין מוניציפאַלן קאַלעוש האָט זיך די צייט אַזוי נודנע ניט געצויגן, ווי אף דער „וויסעוו מעווע“, וואָס האָט פרידלעך געדרעמלט פאַראַנקערט לעבן סעוואַסטאָפּאָל. זשאַן האָט ניט געוווסט, מיט וואָס זיך צו פאַרנעמען די צייט.

עס האָט שוין געטונקלט. עס האָבן געשריען די באַרקאַסן, וועלכע זיינען אומגעשוווּמען צווישן דעם ברעג און די שיפן. הילכיק האָבן געזעצט די קלעפ פון דער זייט פון די דאָקן—דאָס האָט מען מיסטאָמע פאַריכט די לעכער אף דער „מיראַבאָ“. פון דער זייט פון שטאָט האָט אַריבערגעקלונגען מיליטערישע מוזיק.

זשאַן איז געשטאַנען באַם באָרט און אָנגעשטרענגט זיך איינגעקוקט אין דער טונקלקייט—צי פאָרט ניט אף אַ באַרקאַס דער אויסגעזעצטער-צאַן?

אָבער אַלע באַרקאַסן זיינען געשוווּמען פאַרביי.

אַזוי איז אָנגעקומען די נאַכט. צו וועטשערע האָט זשאַן גאָרנישט ניט געגעסן. נאָך וועטשערע האָט אין סאַלאָן דער אָרקעסטער גענומען שפּילן זייער צערטלעכע און זייער שטילע

וואַלסן, געלעכטער האָט געקלונגען, שאַרערײַ פֿון טאַנצנדיקע פֿיס. אַפּאַנים, דער העכר בוקע האָט זיך באַטראַכט, אַז דער פֿרימאָרגן איז קליבער פֿאַרן אָוונט.

זשאַן האָט פֿאַרבראַכט זײַער אַן אומרויִקע נאַכט. עטלעכע מאָל איז ער באַנאַכט אויפֿגעשטאַנען און אַרויס אַף דער שיפֿדעק און צוגעשפּאַרט מיטן האַרצן צום באָרט, האָט ער געקוקט אַף סעוואַסטאָפּאָל, אַפֿן וואַסער, אין וועלכער ס'האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די שטערן, אַף די אונטערטוקנדיקע דאָ און דאָרט אַנקערצייכנס. אַפֿן האַרצן איז אים געווען ביטער און אומעטיק.

דער אויסגעזוצטער-צאָן האָט פֿאַרגעסן אָן זײַן כאַווער!

אנטקעגן מאָרגן האָט דער שלאָף אים באַצוווּנגען, און ער איז פֿעסט אײַנגעשלאָפֿן. די זון איז שוין געשטאַנען הויך, ווען יוליע איז אַרײַן אים אויפֿוועקן. דאָס איז געווען נאָר ניט אזוי פּאָשעט! זשאַן האָט געדרייט מיטן קאָפּ און זיך געוועָרט מיט די פֿויסטן.

— אָבער הער נאָר דו, פּאָפּער איינער! — איז שוין יוליע אינקאַעס געוואָרן ניט אַף אַ געלעכטער — דער אויסגעזוצטער-צאָן האָט געשיקט נאָך דיר!

זשאַן האָט אויסגעריבן די אויגן. ניין, יוליע האָט דאָס ניט געשפּאַסט. זי האָט געהאַלטן אין האַנט אַ פּאַפּירל, ווו ס'איז געווען אויפֿגעשריבן מיטן אויסגעזוצטן-צאָנס ברייטער האַנטשריפֿט:

„אָפּגעבן זשאַן רעבו אין האַנט".

זשאַן האָט האַסטיק פֿאַנאַנדערגענומען דאָס פּאַפּירל. מיט אַסאַך אָרטאָגראַפֿישע גרייזן האָט דער אויסגעזוצטער-צאָן געשריבן:

„גוטמאָרגן, כאַווערל! ניט זײַ אַף מיר אינקאַעס, וואָס איך בין אַוועקגעפֿאָרן און דיר גאָרניט געזאָגט, אַזוי האָט מען געדאַרפֿט. אַלץ איז אין בעסטן צושטאַנד. נעם אַ קורטקע און שטיוול. דער יאַט, וואָס איז געקומען

נאָך דיר, פּלאַפּלט ניט קיין וואָרט פֿראַנצויזיש. איבעריקנס ווייס ער אַ דריי ווערטער: גוטמאָרגן, זײַ געזונט און שויסע. דו גיי זיך צונויף מיט אים, דאָס איז דײַן קומענ- דיקער כאַווער. איז געגאַנגען. אָבער דערשרעק ניט די מוטער, זאָג, אַז פֿאַרנאַכט וועסטו זיך צוריקקערן.

א ו י ס ג ע ז ו ע צ ט ע ר - צ אָ ן".

יוליע איז אַרויס אַפּריער אַ קוק טאָן, צי עמיצער קוקט ניט נאָך. אַף אַ שטריקלייטער איז זשאַן אַראָפּגעקראָכן אין שליופּקע, וווּ ס'איז געזעסן בא די רודערס אַ ווייסהאָריקער ייִנגל מיט אַ פֿאַריסענעם נעזול און אַ היטל און האָט אים כיטרע צוגעווונ- קען מיטן רעכטן אויג. יוליע האָט אַרומגעאַרעמט זשאַנען באַם געזעגענען זיך און געזאָגט:

— פֿאָר געזונטערהייט. קוק אָן די שיינע רוסישע שטאָט, אָבער זע קום צוריק פֿאַר זונאונטערגאַנג, אַניט וועל איך מיטן פֿאָטער עפּשער פֿון זינען אַראָפּ. זײַ פֿאָרזיכטיק, פֿאַל ניט אַריין אין וואַסער. באָד זיך ניט איינער אליין, קאָנסט נאָך אמאָל דערטרונקען ווערן. איבעריקנס, זשאַן, פֿאַרלאָז איך זיך אַף דיר!

II

מיטיכע באַראַנאָוו איז צוגעפֿאָרן נאָך זשאַנען.—זשאַן סטאַרעט זיך צו פֿירן אַ העפֿלעכן געשפּרעך.—די סעוואַסטאָפּאָלער גאַסן זיינען פֿאַרפֿולט מיט מענטשן.—דער אויסגעזועצטער-צאָן איז ניט ענלעך אַף זיך.—אַ מיטינג אין טרוציס צירק.—זשאַן שרייט: „אַ שטרייק! אַ שטרייק!"

זשאַן האָט זיך מיט האַסט אַ זעץ געטאָן אַפֿן בענקל, די שליופּקע האָט זיך גענומען דרייען אַפֿן וואַסער, דער ווייסהאָ- ריקער ייִנגל האָט אַ כאַפּ געטאָן די רודערס—און די „ווייסע מעווע" איז געבליבן ווייט פֿונהינטן.

ס'איז געווען אַ וווּנדער שיינער פֿרימאָרגן. דער וואַסערפֿלאַך פֿון דער בוכטע האָט געגלאַנצט אונטער די שפּיגלענדיקע שטראַלן פֿון דער זון, ווי מיט שופּן באַצויגן.

זשאַן האָט שמייכלענדיק געקוקט אויף זיין נייעם כאַווער. זיין פֿון אנשטרענגונג געדרייטלטער פּאָניִם, אַ פֿאַרטאָטענער מיט זו-מער-שפּרינקעלעך, איז געווען קינדערדיק, ווי א לעוואָנע, און האָט געגלאַנצט פֿון שווייס. ער איז געווען קליין געוואַקסן, דאַר, די ריפּנביינער האָבן זיך דייטלעך אפּגעצייכנט אונטערן העמדל, וואָס איז געווען צוגעקלעפּט צום קערפּער. געהודערט האָט ער העלדיש, פֿונזיך, צוריקוואַרפֿנדיק זיך מיטן גאַנצן קערפּער אויף צוריק, אַלע ווײַלע אומקוקנדיק זיך צום ברעג, כדי ניט צו פֿאַרלירן די ריכטונג.

ווען ניט ווען פֿלעגט ער פֿון דער זייט כאַפּן אַ קוק אויף זשאַנען, און יעדעס מאָל, ווען זייערע בליקן פֿלעגן זיך באַגע-גענען, פֿלעגט ער מאַכן א גלייכגילטיקע, קוים פֿאַרעכטלעכע מינע. געווען שוין, הייסט עס, פֿראַנצויזן, אַ קנאַפּער יִיכעס!

זשאַן האָט ניט אויסגעהאַלטן דאָס שווייגן, און האָט געזאָגט אויף פֿראַנצויזיש:

— דערלויבט צו דערקונדיקן זיך - ווי רופֿט מען אייך?

יענער האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, אויסגעשטאַרצט די אויגן, דערנאָך האָט ער זיי פֿאַרמאַכט, דערנאָך ווידער אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ.

— נו, זיך צובאַלבעט!—האָט ער אַרויסגערעדט אויף רוסיש מיט אַ דייטלעכער אומצופֿרידנהייט.

אויף אַ ווײַלע איז איינגעטראָטן אַ שטילשווייגן. זשאַנען האָט עס ניט געלאָזט רוען. און ווײַסנדיק, אַז יענער וועט אים ניט פֿאַרשטיין, האָט ער פֿונדעסטוועגן ווידער אָנגעהויבן ריידן אויף פֿראַנצויזיש:

— מיך רופֿט מען זשאַן רעבו. איך בין אַן איינִיקל פֿון אַ פּאַריזשער קאָמונאַר, וועמען די ווערסאַלער האָבן דער-שאָסן. און איר?

דער ווייסהאָריקער יונג האָט הילפֿלאָז אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט אויף רוסיש:

— אָט מאָלט דאָס, אַ פּראָנצויזישע ווינטמיל.

— איך בין געבאָרן אין מאַרסעל, — האָט זשאַן געזאָגט אויף פֿראַנצויזיש. — און איר?

— שוואַרציאַר שלעפּט דיך פֿאַרן צונג! — האָט דער ווייסהאָ-ריקער געזאָגט אויף רוסיש.

— מיר ועלן ביידע זיין כאַווייריִם, — האָט זשאַן געזאָגט.

— אויף מיין וואָרט, איך דערלאַנג איבערן שאַרבן! — האָט גע-זאָגט דער ווייסהאָריקער.

נאָך דעם האָבן זיי ביידע זיך צושמייכלט און צושאָקלט זיך מיט די קעפּ איינער צום אַנדערן. דער ווייסהאָריקער באַ-כערל האָט פֿלייסיק געדודערט, פּונקט ווי דער הער בוקע אַליין וואָלט זיי נאָכיאָגן. זשאַן האָט אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט, אַז ער קאָן אויך גוט רודערן.

— ניין פֿאַרשטאַן, ניין פֿאַרשטאַן פֿראַנסע! — האָט דער ווייס-האָריקער אויסגעשריִען קימאַט מיט פֿאַרצווייפֿלונג. זיינע פֿון שווייס דורכגעווייקטע האָר זיינען אים פֿאַרקראָכן אריבער די ברעמען און פֿאַרשטעלט זיינע בליענע, עטוואָס צוגעשפּיצטע אויגן.

ענדלעך איז די שליופּקע אָנגעקומען צום ברעג. דורך צייכנס האָט דער ווייסהאָריקער געגעבן צו פֿאַרשטיין זשאַנען, אַז מ'דאַרף אַרויסגיין. זשאַן האָט אים שווייגנדיק אַלץ געפֿאָלגט. צוגעבונדן אָפּן ברעג די שליופּקע, צווישן נאָך אַ צענדליק אַזעל-כע אין פֿאַרשיידענע קאָלירן אָנגעמאָלטע שליופּקעס, האָט זשאַנס נייער כאַווער אים אַוועקגעפֿירט אין שטאָט. זשאַן איז שווייג-דיק נאָכגעגאַנגען נאָך אים און זיך נייגעריק אומגעקוקט.

די שטאָט איז געווען פול מיט מענטשן. לענגויס די גאַסן, אויף די שטיינערנע טראָטואַרן, האָבן ווי, אַ דורכויסיקער שטראָם, זיך געצויגן ציווילע מענטשן, גריכישע סאָלדאַטן אין ברוינע קורטקעס און קעפּקעס, פראַנצויזישע סאָלדאַטן אין צאַרט-בלאָע בלוזעס, רוסישע שיפליים און ווייסע מאַטראָסקעס, פראַנצויזישע מאַטראָסן אין רונדיקע היטלעך מיט רויטע פּאָמפּאָנעס, קאָלאָניאַלע מיליטער מיט פּעניטער פֿון דער פֿאַרב פֿון געדיכטן קאַקאַאָ.

מיט קאַסטיקן ברומען האָבן זיך אַלע ווײַלע פֿאַרבײַגעיאָגט אויטאָמאָבילן. רוסישע גענעראַלן מיט גראָע וואָנצן אויף די פֿעטע פּעניטער פֿלעגן אַרויסקוקן פֿון זיי אויף דעמדאָזיקן גאַנצן צונויפֿגעמישטן עולם מיט פֿאַרזיכטיקע און עטוואָס פֿאַרדעכטיקע בליקן.

אָפֿטמאָל פֿלעגט מען באַגעגענען לאַסטפֿורן, אָנגעלאָדענע אַריבער און אַריבער מיט שטויביקע כפּייצים. דאָס האָבן די פֿאַרזיכטיקערע ספּעקולאַנטן בורזשויען זיך געאײַלט צוצוגרייטן פֿאַר זיך ערטער אויף די טראַנספּאָרט-שיפֿן. און ווידער האָט זיך זשאַנען אויסגעוויזן, אַז אויף די פּעניטער פֿונעם האַטוין, אינעם אײַלנדיקן גאַסיקן געריידֿ, אין דער זינלאָזער שטופּערײַ אויף די ראָגן זעט זיך דורך די שרעקהאַפֿטע אומרויקייט פֿון דער גרויסער שטאָט, וועלכע דערוואַרט מורעדיקע געשעענישן.

זשאַנס נייער כאַווער האָט אים צוגעפֿירט צו אַ גרויסער געבײַדע מיט אַ קײַלעכדיקן קופּאָל אנשטאָט אַ דאַך. דאָס איז געווען סרוציס צירק. באַם אַרײַנגאַנג האָט זיך געשטאַרט אַ געדיכטער גרויסער עולם. די ווענט און די טירן פֿון צירק זײַנען געווען באַקלעפּט מיט קלאַפֿטערדיקע אַפֿישן. ניט ווײַט פֿונעם אַרײַנגאַנג איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך אַ גריכישער פּאַטרול. דער אָפֿיצער האָט אומשטאַצירט הין און צוריק, אונטערקנאַקנדיק מיט די פֿינגער.

זשאַן האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָ קומט פֿאָר אַ מיטינג.

די פובליקע איז געווען דורכויס אן ארבעטערשע. אפגע־ברענטע, יונגע פעניםער האבן זיך געזען דא און דארט. אומע־טום האט זיך געהערט אומפארשטענדלעכע פאר זשאנען רייד, פארביטערטע און לײרנשאפטלעכע. זשאן האט אנגענומען דעם ווייסהאריקן באכער פארן האנט, מוירע האבנדיק, ער זאל זיך דא אין דער פרעמדער מענטשנמאסע ניט פארבלאנדזשען. יענער האט זיך פארוואונדערט אף אים אומגעקוקט.

און פלוצלונג האט דעם אויסגעזעצטן־צאנס קאל — דער ליבער, באקאנטער קאל, פון וועמענס קלאנג זשאנס הארץ האט מיט פרייד א ציטער געטאן—א ריטשע געטאן סאמע איבער זיין אויער:

— הא, אט ווו דו ביסט, פראנצויזישער כאזערל! ווייז, איכל דיך אומארעמען אף דער היימישער ערד! האסט זיך באקאנט מיט מיטיוכען? דאס איז מיטיוכע באראנאוו' א מאזיק א יאט, אין וואסער וועט ער ניט דערטרונקען, און אין פייער — ניט פארברענט. נו, ברודערקע, א גארג ארבעט פאראן דא, זאלן נאר זיין הענט!

דעם אויסגעזעצטן־צאן איז געווען ניט צו דערקענען—אלץ אין אים איז געווען ניי, שטארק, הילכיק, ברייט—עפעס ווי דער גאנצער מענטש וואלט זיך באנייט, באטרעטנדיק די היימישע ערד. ער איז געגאנגען אין א נייע בלוזע, וועלכע איז אים געווען אביסל ענגלעך אין די שולטערן, אין א פאר גרויע הויזן, ארייגעטאכטע אין שטיוול מיט רויטע כאליאווס. אפן קאפ בא אים האט געטארטשעט מיטן קאזיראק אין הימל אן אומ־געוויינטלעך גרויסע היטל, וועלכע האט פארדעקט זיין קאפ ביז צו די אויערן.

— נו, קום, מירן זיך דורכשפארן אין פארטער. מענטשן זיי־נען דא אזויפיל—ווי הייליקע אין הימל. אט וועל איך דיר אלץ דערציילן... דו ביסט מיר, ברודערקע, זייער נויטיק. פאראן פאר דיר א שטיקל ארבעט. אדער, הערסטו דאך—א געפערלעכע!

אויסשטעלנדיק פֿאָרויס זיין מעכטיקע שולטער, האָט ער זיך גענומען דורכשפּאַרן אין צירק, שלעפּנדיק נאָך זיך זשאַנען און אומגעהערלעך ריידנדיק. אַלי-אָסמאַן-האַמיד האָט ניט אָפּגענאַרט: דער רוסישער כאַווער האָט אים טאַקע אויפֿגעזוכט אויף דער יאַכ-טע. דאָ אַרבעטן די כאַווײרים אַנטשלאָסן און דרייסט, אַפֿן באָל-שעוויסטישן אויפֿן. אינם פֿאַריין פֿון די מעטאַליסטן האָט ער אָנגע-טראָפֿן זיינע לאַנדסלייט; ס'האָט זיך געפֿונען אַפֿילע איינער אַ כאַווער פֿון דער לערערסעמינאַריע, מיט וועמען ער פֿלעגט צוזאַמען לייענען אונטערערדישע ליטעראַטור. די פּאַרטיי אַרבעט נאָך אין אונטערערד, זי לאַכט זיך אָבער אויס פֿון דער מאַכט — פֿון דער היגער און פֿון דער פֿראַנצויזישער. דער רעוו-קאָם פֿאָדערט פֿונם פּאָלקאָווניק טרוסאָן, ער זאָל אים איבערגעבן די גאַנצע מאַכט און אָפּרייניקן סעוואַסטאָפּאָל פֿונם אויסלענדישן מיליטער. דער פּאָלקאָווניק טרוסאָן לאָזט זיך אַף איבערשפּיצלען און אַף דראָונגען. דער רעווקאָם פֿאָרמירט אונטערערדישע קאַמף-גרופּן. די מאַנשאַפֿטן פֿונם גרעסטן טייל פֿראַנצויזישע קריגשיפֿן זיינען רעוואָלוציאָנער געשטימט. אונדזערע פֿירן צווישן זיי אַ פּראָפּאַגאַנדע. און דאָ וועט זשאַנס הילף זיין אַקוראַט צוגע-פּאַסט. אָט אַפֿן פּאַנצערשיף „מיראַבאָ"... די אַרבעט באַם רע-מאָנטירן אים ווערט געמאַכט דורך די אַרבעטער פֿונם מעטאַליסטן-פֿאַריין, און די אַרבעטער שלאָפֿן ניט.

דאָס אַלץ האָט דער אויסגעוועצטער-צאָן באַוויזן איבערצוגעבן זשאַנען פֿאַר די עטלעכע מינוטן, ווען זיי האָבן זיך דורכגע-שטופּט אין פּאַרטער. זיי האָבן, ענדלעך, געפֿונען אַ פּאָר ליידי-קע ערטער.

זשאַן האָט זיך אומגעקוקט, שווער אָפּציענדיק דעם אָטעם.

דער צירק איז געווען געפּאַקט פֿונויבן ביז אַראָפּ, די אויבערשטע יאַרוסן זיינען געווען פֿאַרטרונקען אין מאַכאָרקע-רויך. דער מיטינג איז געווען פֿונם מעטאַליסטן-פֿאַריין. דראָענדיק מיט

אַ שטרײַק, האָבן די אַרבעטער געפֿאָדערט פֿון דער קריטער רעגירונג, מ׳זאָל צונעמען פֿונדאַנען דאָס אויסלענדישע מיליטער.

באַם סאָף פֿון דער אַרענע, דאָרטן, פֿונוואַנען עס פֿלעגן אין אַ געוויינטלעכער צײַט אין גאַלאָפּ אַרויספֿליִען די פֿערד און די קלאָונען, איז געווען אויפֿגעבויט אַ ניט קיין הויכע הילצערנע טריבונע. און אויף איר איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש, באַצויגן מיט רויטן און אַרומגעזעצט געדיכט מיט מענטשן.

ס׳זײַנען אַרויסגעטראָטן רעדנער.

אין דעם מאָמענט, ווען זשאַן מיטן אויסגעזעצטן-צאָן האָבן זיך אַוועקגעזעצט, האָט געהאַלטן אין רייִדן אַ לאַנגער קודלע-וואָטער מענטש מיט בלאָע קײַלעכדיקע ברילן אויף די אויגן, וועלכע האָבן אים געמאַכט ענלעך אויף אַ סאָווע. רייִדנדיק פֿלעגט ער אויפֿהייבן זײַנע דאַרע, שפּיציקע עלנבויגנס אויף אין הויך מיט די שולטערן, פּונקט ווי ער וואָלט וועלן אַ פֿלי טאָן אינדערלופֿטן, אונטערן סאַמע קופּל פֿון צירק. דאָס איז געווען אַ באַוווּסטער אין שטאָט מענשעוויק.

— כאַווערים! — האָט ער זיך געריסן אויף אַ טעמפּן, קרעכצנדיקן קול, — דאָ זאָגט מען זיך אַרויס פֿאַרן דערקלערן אַ שטרײַק. מ׳דאַרף ניט קיין שטרײַק! ערשטנס, שטייט הינטערן פּאָלקאָווניק טרוסאָן אַ באַוואָפֿנטע קראַפֿט, וועלכע וועט אונדז צוקוועטשן אין איין מינוט. צווייטנס, אויב מיר וועלן דערקלערן אַן אַלגעמיינעם שטרײַק, וועט פֿון דעם לײַדן די פֿרידלעכע באַפֿעלקערונג פֿון שטאָט...

— וועלכע באַפֿעלקערונג, דערלויבט אײַך צו פֿרעגן? — האָט פֿון אָרט אויסגעשריִען דער אויסגעזעצטער-צאָן, אויפֿהייבנדיק זיך און אָנלייגנדיק זיך מיטן האַרצן אויף דעם פֿאַר אים זיצנדיקן כאַווער, — די בורזשויען, וואָס וואָלטן אונדז אַלעמען וועלן אַראָפּדרייען די קעפּ? איז דאָס ניט קיין אומגליק, אויב זיי וועלן לײַדן פֿון דעם! און דער אַרבעטער-קלאַס איז צו לײַדן געוווינט. דער

אַרבעטער-קלאַס ווייס, אַז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף אַף טויט און אַף לעבן!

פון אַלע זייטן האָבן זיך געגאָסן הערן א־פּגערעגטע שטימען:

— א׳ם ווילט זיך, אַסאַניס, אַליין ניט זיצן אָן וואַסער און אָן עלעקטריע!

— זיי אַלע, די מענשעוויקעס, זיצן אין דער זייט פון די בור-זשועז!

— מיר פאָדערן אַ שטרייק!

— אַ שטרייק! אַ שטרייק!

— כאַוויירים! — האָט דער מענשעוויק זיך געריסן דעם האַלדז, פאַרייסנדיק די עלנבויגנס ביז די אויערן. — זייט באַוויסטזיניק! דער אַנטאַנטישער פּלאַט וועט אָנהייבן באַשיסן די שטאָט! אייערע פרויען, אייערע קינדער וועלן פאַרשאָטן ווערן אונטער די כור-וועס! אייערע וואָגונגען וועלן כאָרעוו ווערן!

די שטימען האָבן געשריען:

זאָלן זיי באָמבאַרדירן די שטאָט! די רעוואָלוציע וועט מען מיט באָמבעס ניט טויטן!

— מיר וועלן צווינגען די האַרמאַטן פאַרשטומט צו ווערן!

— די מאַטראָסן וועלן ניט שיסן!

— כאַוויירים, דערמאָנט זיך, ווי דער אָדעסער פּראָלעטאַר-יאַט האָט געקעמפּט!

— דער אָדעסער פּראָלעטאַריאַט האָט צוריקגעוואָרפן אין יאַם אַריין זעכציק טויזנט אויסלענדישע מיליטער!

— אַראָפּ די מענשעוויקעס! אַראָפּ די פּשאָרעמאַכער!

— מיר גייען נאָך דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי!

ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל. אַלע זיינען אויפגעשפּרונגען פון די ערטער, אומוואַרפנדיק די בענק און שטופנדיק זיך אין די דורכגאַנגען. מאַכטלאָז האָט זיך געריסן דאָס גלעקל פונעם פאָרזיצער. דער מענשעוויק האָט זיך געוועצט, ווישנדיק זיך מיט אַ פאַ-טשײלקע דעם שווייס, זיינע אויגן זיינען געווען קײלעכדיקע.

זשאַן האָט קיין וואָרט ניט פאַרשטאַנען. ער האָט געפילט, אַז דאָ, אינעם מיט מאַכאָרקע אָנגערויכערטן ציִרק, פאָדערן די אַרבעטער אָן אַרויסטריט. יאָ, ער האָט דאָס געפילט. און, אונטערכאַפנדיק דאָס אומפאַרשטענדלעכע וואָרט, האָט ער דאָס מיט אַלעמען אינאיינעם געשריען:

— אַ שטרייק! אַ שטרייק!

מיט אַן איבערוועגנדיקער מערהייט איז געוואָרן אָנגענומען אַ רעזאָלוציע: דערקלערן אַ שטרייק. די אַרבעטער זײַנען אַרויס אין אַן אָפענעם קאַמף.

III

זשאַן האָט באַטראַכטן דעם וועג פון אַ רעוואָליוציאָנער.—דער ווירט מעג רויק שלאָפן אין זײַן קייזער.—זשאַן קריגט אין קאָרב פון די מאַטראָסן פונעם דרעדנאָוט „זשאַן באַרט".—די איבערעגונג פונעם טאָג האָט געטאָן איריס.

זשאַן איז פאַרבליבן אויפן ברעג. אויף דער „ווייסער מעווע", וועלכע האָט נאָך אַלץ אויסגעוואָרט אויף די געשעענישן, האָט דער אויסגעזועצטער-צאַן אָוועקגעשיקט אַ בריוו. אינעם בריוו האָט ער געשריבן דעם קוכער, ער זאָל זיך ניט באַאומרויִקן וועגן זשאַנען—זשאַן געפינט זיך אינאיינעם מיט אים, דעם אויסגעזועצטן-צאַן.

באַזעצט האָבן זיי זיך ניט ווייט פון האַפן, בײַ מיטיוכע באַראַנאָווס פאָטער אין דירעלע. מיטיוכעס פאָטער איז געווען אַן אַרבעטער פון דאָק, אַן אַלטער באָלשעוויק, איז געזעסן אין טורמע נאָכן ניין הונדערט פינפטן יאָר. ער פלעגט גיין שווער-פעליק, ריידן מיט אַ שנײַדיקן טאָן און האָט געהאַט אַ בייז אויסזען. איצט האָט ער געאַרבעט בײַם רעמאָנט פונעם פאַנצער-שיף „מיראַבאָ".

אָוועקגייענדיק אויף דער פאַנצערשיף, פלעגן די רוסישע אַרבעטער זיך אָנשטאָפן די קעשענעס מיט באָלשעוויסטישער ליטעראַטור אויף

פֿראַנצויזיש און שטילערהייט זיי צוגעבן די מאַטראָסן. אָנפֿאַנגס איז דאָס בעגאַנגען שווער, די מאַטראָסן האָבן געקוקט קרום, מוירע געהאַט פֿאַר די אָפֿיצערן. שפּעטער האָט מען דאָס גענומען לייענען נאָכאַנאַנד. און איצט פֿלעגן שוין די מאַטראָסן, ווי נאָר די אַרבעטער פֿלעגן קומען אַף דער שיף, זיך באַלד אַ כאַפּ טאָן צו דער ליטעראַטור.

דער אויסגעזעצטער-צאָן פֿלעגט מאָרן אַהין קלוימערשט, ווי אַן אַרבעטער, אָבער ער איז אייגנטלעך דאָרטן געווען אַ דאָל-מאַטש.

אַף וואַנען האָט דער אויסגעזעצטער-צאָן אַרויפֿגעליגט אַ באַ-זונדער אַרבעט. איגדרפּרי פֿלעגט וואָן אײַנײַנעם מיט ביטיובען אַרויסגיין אַף די באַלעבטע גאַסן. ביידנס קעשענעס פֿלעגן זײַן אָנגעפּאַקט מיט ליטעראַטור. זיי פֿלעגן זיך גיין ווייט בא ווייט, איבער… פֿנדיק זיך מיט ווערטלעך. ווען וואָן האָט שוין באַ-וויזן זיך אויסצוטיילערגען, קיין שום פֿאַרדעכטיקעס איז ניט געווען אין די ביידע יונגלעך, ווען פֿלעגן זיך רויק און באַשיידן אום-שפּאַצירן איבער דער שטאָט. דער פּאָלקאָוניק טרוסאָן אַליין, וועל-כער פֿלעגט פֿון פֿרי ביז שפּעט אומרויק אומפּליען איבער דער שטאָט אין זײַן מאָטאָר, וואָלט דאָ אויך אין גאָרניט ניט געקאָנט כוישעד זײַן.

אָבער אָט האָט וואָן איינס געזען אוילעט באַמערקט פֿראַנ-צויזישע מאַטראָסן. ער און מיטיובע קוקן זיך איבער מיט פֿאַר-שטענדיקע בליקן. צייט צו נעמען זיך צו דער אַרבעט!

זיי האָבן אָנגעיאָגט די מאַטראָסן.

— גוטמאָרגן!—האָט וואָן געזאָגט. העפֿלעך אַראָפּנעמענדיק די היטל.

די מאַטראָסן האָבן אים אָנגעקוקט פֿאַרוווּנדערט.

ענדלעך האָט איינער פֿון זיי פֿריילעך אַ זאָג געטאָן:

— באָ, אַ פֿראַנצויזישער יאָטל אין סעוואַסטאָפּאָל! ווי קומסטו אַהער?

— אָט, געמאַכט זיך אַזוי... איך רייז אום.

די מאַטראָסן האָבן זיך מיטן לאַנדסמאַן אַ שפּיל געטאָן, געלאַכט, מעכאַבעד געווען אים מיט טאַבאַק. געשמאַק איז זייער טאַבאַק, כאָטש אינדערעמעסן קערט אים פון דעם די גאַל!

— ווי לעבט זיך?—האָט װאַן א פֿרעג געטאָן מאיסע גרוי-סער.

— עס לעבט זיך, באָכערל, פּאַסקודנע. שוין צייט געווען אַהיים.

— דאָס קלער איך אויך. די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט, איז וואָס האָט איר דאָ נאָך צו טאָן? דאָ שלאָגן זיך די ארבע-טער פֿאַר זייערע רעכט, דארף מען זיי העלפֿן און ניט שטערן.

— אי, ס'ארא יאטל! אָט רעט דאָס—פּונקט ווי א באלשע-וויק! ביסטו דאָס?

— איך בין אן איינזיקל פֿון א סאַריזשער קאָמונאר,—האָט װאַן ארויסגערעט מיט ווערדע.

— באַ!

— און אליין א קאָמונאר, נאר א קליינער נאָך. איז אָט. כאוויירים, נעמט אקאָרשט באַ אונדז ביכלעך, פֿראנצויזישע.

זיי זיינען אַוועק הינטערן ראָג, און באַלד זיינען װאַנס און מיטיובעס קעשענעס געוואָרן אויסגעליידיקט. האָט מען געדאַרפֿט לויפֿן נאָך נייע סכוירע.

און אַזוי יעדן טאָג.

אינגיכן האָט זיך די יעדיע וועגן „דעם קליינעם װאַן-קאָמו-נאַר" פאַרשפּרייט איבער אַלע שיפֿן. די מאַטראָסן האָבן אָנגע-הויבן אָפּוואַרטן װאַנען אַף אַ באַשטימטן אָרט. צו עטלעכע מאָל פֿלעגט אויסקומען צו לויפֿן אַלך נאָך נייע און נייע פּעק ליטע-ראַטור. דער אויסגעזעצטער-צאָן האָט זיך געריבן די הענט.

דיין זיידע,—האָט ער געשריגן צו װאַנען—קאָן רויק שלאָפֿן אין קייווער: דו האָסט זיין נאָמען ניט פֿאַרשעמט!

ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער יאַנטעוו פּיסעך. געווען זוניקע, לויטערע טעג — גאָר זומערדיקע. די בורזשואַזיע האָט זיך אָנגעהויבן באַרויִקן: אַפֿן פֿראָנט זיינען אַנטקעגן די רויטע געשטאַנען זיכערע גריכישע מיליטער-טיילן, דער סאָלקאָווניק טרוסאָן האָט געשוואָרן צוצוהאַקן מיט זיין שווערד די רעוואָלוציע אַף ברעקלעך, און שטאָט איז, ניט געקוקט אַפֿן שטרייק, געווען שטיל.

אין שטאָט איז געווען שטיל, אָבער אינם אַרבעטער-אונטערערד האָט געברענט די אַרבעט. דער רעווקאָם האָט אין אַ האַסטיקן טעמפּ אָרגאַניזירט קאַמפּגרופּן, און זיי זיינען טיין אַריין ביז פֿיר טויזנט מאַן. דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך באַוואָפֿנט.

ערעוו דעם פּייסעכדיקן זונטיק, פֿאַרנאַכטלעך, האָט זשאַן אין אַ שטילן געסל, ניט ווייט פֿון דער ביכטע, געוואַרט אַף די פֿראַנצויזישע שיפֿלייט. די שיפֿלייט האָבן פֿאַרשפּעטיקט. פֿאַרלייגט די הענט אין די הויזנקעשענעס, וועלכע האָבן זיך צוגעפּאַרט פֿון ביכלעך, איז זשאַן אומגעשפּאַצירט לענגויס דעם סאַרקאַן און זיך זאָרגלאָז אונטערגעפֿייפֿט א ניגנדל. נו, ווער וועט כוישעד זיין, אַז דאָס איז אַ קאָמונאַר?

די מאַטראָסן זיינען געקומען. זייערע פּעקלמער זיינען געווען פֿאַרזאָרגט. קיין ליטעראַטור האָבן זיי ניט גענומען. אומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן, האָט אייגער פֿון זיי אַ פֿרעג געטאָן:

— נו, וואָס, זשאַן-קאָמונאַר, מוט וועט בײַ דיר קלעקן?

— ס׳קלעקן, אויב אַף אַ רעכטער זאַך.

— אָט וואָס, אַף מאָרגן אינדערפֿרי איז בײַ אונדז אַפֿן „זשאַן באַרט“ באַשטימט אַ מיטינג פֿון מאַטראָסן. קיינעם פֿון די אַרבעטער קאָן מען אַף דער שיף ניט אַרופֿנעמען, די אָפֿיצערן וועלן דאָס טייקעף באַמערקן. דו ביסט אַ קלייניקער, וועסטו דורכשפּרינגען.

זשאַנען האָט אַזש דער אָטעם פֿאַרכאַפּט פֿון אומגעריכטקייט.

— אַ יאָטל ביסטו אַ טיכטיקער, — האָט פֿאָרגעזעצט דער מאַטראָס, — און וועסט קאָנען דערציילן, וואָס מען באַדאַרף. איז ביסטו מאַסקים? אונדז האָבן די כאַוויירים באַפֿולמעכטיקט. דאָ

וועט אָבער אויסקומען צו גיין מיט אַ שפּיצל: אַזוי, אַף אַ מענטשלעכן אויפן וועט מען דיך ניט קאָנען דורכפירן. וועסטו פאָרן אין אַ קאָרב.

— אין אַ קאָרב?

זשאַנס פאַרוווּנדערונג איז געווען גאָר אָן אַ גרענעץ. דער מאַטראָס האָט אים דערקלערט, אַז קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ: ער וועט אָנקומען אַלס באַגאַזש.

— רעכט,—האָט זשאַן געזאָגט אַנטשלאָסן.—גיט נאָר אַכטונג, איך זאָל דאַרט ניט דערשטיקט ווערן.

אָפּגערעט האָבן זיי זיך צו טרעפן שפּעט אין אָוונט ניט ווייט פון דער גראַפישער ברעג-גאַס. דער אויסגעזוצטער-צאָן האָט לאַנג אָפּגעקליבן ליטעראַטור,—זשאַן, קאָן מען זאָגן, וועט דאָ אַריינקומען אינם סאַמע מיטלפּונקט פונם פראַנצויזישן פלאָט. די אַגיטאַציע-ביכלעך זיינען געוואָרן אויפגעלייגט אין קופּקעס און גוט איבערגעבונדן. מיטיוכע האָט זיך אַרויסגערופן צו העלפן זשאַנען אַוועקשלעפּן די דראָזיקע גאַנצע מאַסע אַפן אָפּגערעדטן אָרט.

אָנגעקומען זיינען זיי אַהין, ווען מ׳האָט אַף די שיפן שוין אָנגעצונדן פייער. דער פּראָזשעקטאָר פון „פראַנס“ האָט, ווי מיט לאַנגע ריזיקע פינגער, באַטאַפּט דעם ברעג. די קינדער האָבן זיך ארומגעאַרעמט.

— פאָלסטו אריין, וועסטו ניט גוט אָפּשניידן,—האָט מיטיוכע געזאָגט. זיינע העלע האָר זיינען אים טרויעריק אַראָפּגעהאָנגען איבערן שטערן. זשאַן איז געווען ווי אין פיבער. דער געדאַנק וועגן דער געפאַר איז אים גאָר אַפן געדאַנק ניט געקומען. ער האָט זיך געזעצט אַף די פּעקלעך בראָשורן און זיך איינגעהערט. אינגיכן האָט זיך דערהערט אַ פּליושקען פון וואַסער. פאָכנדיק מיט די רודערס, ווי מיט פליגלען, איז צום ברעג צוגעפאָרן אַ שליופּקע.

— פאַרטיק?—האָט געפרעגט א פאַרשטיקטער קאָל.

— פאַראַן!—האָט זשאַן אָפּגעענטפערט.

ווי אַ העלער באַל איז די לעוואָנע געשטאַנען אין הימל און פאַרגאָסן די בוכטע מיט איר גרינער שיין. דער מאַטראָס איז אַרויסגעשפּרונגען פון שליופּקע און אַ כאַפּ געטאָן זשאַנען אונטער דער האַנט. א גרויסע קאָרב איז געשטאַנען אַ געעפנטע. ווי אַ קנויל, האָט זיך זשאַן צונויפגעדרייט אַף דער דעק פון קאָרב. דאָס דעקל האָט זיך פאַרמאַכט.

זשאַן איז געבליבן אין דער שטיקנדער פינצטערקייט.

ער האָט געהערט דאָס פּליושקען פון די וועלן, דאָס לייכטע גריזלען פון די רודער-האַקנס, דאָס שטילע ריידן פון די רודערער דערנאָך האָבן שטאַרקע הענט אויפגעהויבן די קאָרב.

עטלעכע מאָל האָט ער זיך שטאַרק אָנגעשטויסן מיטן קאָפּ אָן די ווענטלעך. ענדלעך האָט מען דעם קאָרב אַנידערגעשטעלט אַף דרערד. דאס דעקל האָט זיך עפנט[illegible] א הויב געטאָן, און שפּאַלט האָט זשאַן דערזען אַ שמייכלענדיקן געגאָלטן פּאָנים.

— לעבסט?—האָט דער מאַטראָס שעפּטשענדיק אַ פרעג געטאָן.

— איך אָטעם,—האָט זשאַן אָפּגעענטפערט.

— עסן ווילסטו.

— ניין.

— רעכט: און ווי איז דיר דאָרטן? נישקאָשע? ס׳וועט דיר אויסקומען דאָרטן צו ליגן, ביז וואַנען די מאַטראָסן וועלן זיך לייגן שלאָפן.

דאָס דעקל האָט זיך פאַרקלאַפּט.

זשאַן האָט געהערט אַ גערויש פון שטימען, אַ שאַרן פון פיס, געלעכטער און האַסטיקע מאַטראָסישע זידלווערטער. גערעט האָט מען וועגן דעם, אַז דער מאָרגנדיקער טאָג וועט רויק ניט אַריבער, אַז היינט שוין זיינען אַפּן „פראַנס" פאָרגעקומען אומאָרדענונגען פון די מאַטראָסן. אימיצער האָט דערציילט וועגן אַנדרע מאַרטי. אַנדרע מאַרטי איז געוועזן אַ מעכאַניק אַף דער מינענשיף „פראָטע", וואָס איז געשטאַנען אין רומעניע, אין גאַלאַק. דאָרטן האָט מאַרטי געגרייט אַן אויפשטאַנד און איז אַרעסטירט געוואָרן.

— מײלע, ס׳עט קומען די צײט—מ׳רן אָפּשלאָגן—האָבן זיך געהערט שטימען.

װען דער מאַטראָס, װאָס האָט געבראַכט זשאַנען, האָט װי־דער אױפֿגעהױבן דאָס דעקל, האָט ער געפֿונען זשאַנען שלאָפֿנדיק מיט אַ פֿרידלעכן פֿעסטן שלאָף. די אױפֿרעגונגען, װאָס ער האָט דורכן טאָג איבערגעלעבט, האָבן געטאָן זײערס. דער מאַטראָס האָט אַ שמײכל געטאָן, פֿאָרזיכטיק צוריק אַראָפּגעלאָזן דאָס דעקל און אַ שעפּטשע געטאָן צום דערבײ שטײענדיקן מאַטראָס:

— זשאַן־קאָסונאַר שלאָפֿט!

IV

דערװאַכונג.—דער װײטער פֿלאָג איז אַרױס אין שלאַכט אַנטקעגן דעם דרײפֿאַרביקן פֿלאַג.—דער אױפֿשטאַנד פֿון די פֿראַנצױזישע מאַטראָסן.—דער קאָמאַנדיר פֿון דער שיפֿפּאָליצײ קלײַבט זיך צו װערן אַ מאָנאַך.—דער אײַנגעזעסענער־צאָן שרײַט הורא.

אינדערפֿרי האָט זשאַנען אױפֿגעװעקט דער לאַנג־געצױגענער קלאַנג פֿון אַ סיגנאַל.

פֿאַרװוּנדערט האָט ער געעפֿנט די אױגן—און מיטאַמאָל האָט ער זיך אַלץ דערמאָנט, אי די רײזע אין קאַרב און אי דעם מאָדנעם נאַכטלעגער. אַ דערשראָקענער, טאָמער האָט ער פֿאַרשלאָפֿן, האָט ער פֿאָרזיכטיק אַ הױב געטאָן עטװאָס דאָס דעקל און אַרױסגע־רוקט דעם פֿאַרשלאָפֿענעם צעפּאַטלטן קאָפּ.

אַ דונערדיקער געלעכטער פֿון די מאַטראָסן האָט באַגעגנט דאָסדאָזיקע באַװײַזן זיך פֿונם געריסטן זשאַן־קאָסונאַר אין דער שיף־קאַזאַרמע פֿונם דרעדנאָוט „זשאַן באַרט“. פֿאַרשמורענדיק די אױגן אַנטקעגן שײַן, האָט זשאַן דערזען די מאַטראָסן, װאָס האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום קאָרב. צענדליקער לאַכנדיקע פּע־

גימער האָבן אים אַרומגערינגלט, צענדליקער הענט האָבן זיך צו אים געצויגן, צענדליקער קוילעס האָבן אים הילכיק צוגערופֿן:

— גוטמאָרגן, ושאַן-קאַמונאַר! ווי האָט איר געשלאָפֿן, ושאַן-קאַמונאַר? צי זייט איר ניט דערשטיקט געוואָרן, ושאַן-קאַמונאַר?

ושאַן האָט אויסגעריבן די אויגן מיט די פֿויסטן און איז אַרויס אַף דער וויסער וועלט. די פֿיס זיינען אים געווען אָפּגעלעגן און האָבן שטאַרק געגאַיעט, זיינע הויזן מיטן רעקל זיינען געווען פֿאַרשאָטן מיט היי-ברעקלעך.

מיט אַ פֿון שלאָף-הייזעריקן קאָל האָט ער אַרויסגערעט:

— גוט מאָרגן, בירגער מאַטראָסן. צייט שוין עפּעס צוצוטרעטן צו דער אַרבעט?

אַ נייער דונערנדיקער געלעכטער איז געווען דער ענטפֿער אַף דעם. די מאַטראָסן האָבן אים אַ כאַפּ געטאָן אונטער די הענט און אַוועקגעשלעפּט אים צום פֿרישטיק. אַלע האָבן אים איינער איבערן אַנדערן פֿאַרגעלייגט זייער קאַפֿע. עס איז געווען נאָך פֿרי, אַרום אַכט—דער מיטינג פֿון דער קאָמאַנדע איז געווען באַשטימט אַף אַכט אַזייגער.

אַלע זיינען געווען אויפֿגערעגט, באַריידעוודיק, דער געלעכטער זייערער פֿלעגט ווערן באַלד שטילער און באַלד הילכיקער.

אין שיף-קאַזאַרמע איז אַריין דער קאַפּיטאַן פֿון דער יאַם-אינפֿאַנטעריע, אַן אָנגעברויגעטער, קליינוואוקסיקער מענטש, און האָט מיט אַ שניידיק-קוויטשיקן קאָל אַ געשריי געטאָן:

— עי, איר, איילט זיך צו! איר האָט ניט געהערט דעם סיגנאַל?

אַ האָגל ווידלווערטער האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַף אים, הילצערנע שיך האָבן אים גענומען פֿליען אין קאָפּ אַריין. דער קאַפּיטאַן האָט זיך, אַ דערשראָקענער, צוריקגעצויגן צו דער טיר און איז פֿאַרשוווּנדן אונטער דונערנדיקע אויסגעשרייען:

— צום טײַוול, צום טײַוול. קאָלומאַן די בײַנער זײַנען גאַנץ.

די אויפרעגונג איז געוואַקסן מיט יעדער מינוט. דירעקציע אַלע מענטשן האָבן פּלוצלונג דערפילט, אז זיי זײַנען נישט קיין שטומע טשערעדע, נישט קיין דרעסירטע ליאַלקעס, געהאָרכזאַמע יעדן וואָרט פונעם אַדמיראַל אַמעס. דאָס דאָזיקע געפיל פון פרײַהײט, פון דערפילן דעם אייגענעם קױעך און דאָס אייגענע רעכט האָט זיך איצט דורכגעריסן פּלוצלונג און מיט אַ גוואַלדיקער קראַפט. אויב נעכטן האָבן די מאַטראָסן זיך נאָך געשושקעט אין די ווינקעלעך, האָבן זיי הײַנט שוין געשריען אַפן קול.

וואָהין וואָלט האָט נאָך געטראָפן אַ בליק, האָט ער איבעראַל געזען מאַכנעס מאַטראָסן. גרייטע אַף העלדנטאַטן, גרייטע אַף אַן אויפשטאַנד. די שיף-קאָמאַנדע האָט זיך געטרייסלט פון די מעכטיקע אויסגעשרייען. קיין איין געלעגער איז נישט געבליבן צוגעקייקלט בײַם סיגנאַל.

עס האָט געשלאָגן אַכט—די צײַט אַף אויפהייבן דעם פלאַג.

די קאָמאַנדע איז אַרויס אַפן באַק קומאַט אין פולן באַשטאַנד. בײַ דער אַרבעט זײַנען בלויז פאַרבליבן די מאַשיניסטן אַליין. אַ לויטערער פרימאָרגן האָט געטעמערירט איבער דער בוכטע. צערטלענדיק זיך אונטער די שטראַלן פון דער זון, האָט זיך סעוואַסטאָפּאָל פויל גענומען אויפוואַכן פון שלאָף. אַפן גראַפישן לאַנדונג-פּלאַץ האָבן זיך גרופּקעסווייז גענומען קלײַבן מענטשן.

די קאָמאַנדע האָט זיך צושטעלט אין פולער אָרדענונג.

און אָט, ווען אַפן הינטערטייל פון שיף האָט זיך פּאַמעלעך גענומען הייבן דער פראַנצויזישער פלאַג, האָבן זיך אַלע, ווי איין מענטש, אַ קער געטאָן צו אים מיטן רוקן. צופיל גוואַלדטאַטן, גרויזאַמקייטן און נאַרישן ווילקיר האָט דערדאָזיקער נאַציאָנאַלער פלאַג צוגעדעקט!

אַלעמענס בליקן זײַנען געווען געווענדעט פאָרויס, צום פאָדערטייל פונעם דרעדנאָוט. אַ וואַלד מיט הענט האָט זיך אַ הויב געטאָן צו די היטלען—די קעפּ האָבן זיך אַנטבלויזט. און אָט

האָט זיך אָפּן פֿאָדערטייל פֿון שיף גענומען הויבן אַ ריזיקער רויטער פֿלאַג.

געהויבן האָט ער זיך מאַיעסטעטיש און זיגרייך, [illegible]גנדיק זיך אינם פֿרישן פֿרימאָרגן-ווינט. די זון האָט אים באַלויכטן, און ער האָט געפֿלאַקערט אין די שטראַלן, ווי אַ פֿייערדיקע צונג, וואָס האָט גענומען ריידן וועגן פֿרייהייט פֿאַר אונטערדריקטע. הויך איז ער געווען אויפֿגעהויבן, ווען איבערן גאַנצן באַק האָט אַ הילך געטאָן אַ טיפֿער, אַ קרעפֿטיקער און אויפֿרעגנדיקער געזאַנג פֿונם אינטערנאַציאָנאַל. די מאַטראָסן האָבן געזונגען, ניט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פֿון דעם רויטן שטיק געוואַנט, וואָס האָט געפֿלאַטערט אינדערלופֿטן. זיי האָבן געזונגען אַלע, ווי איין מענטש, מיט איין ברוסט, מיט איין קאָל — מיטן קאָל פֿונם אויפֿגעפֿלאַקערטן אויפֿשטאַנד.

און טייקעף האָט זיי פֿונם פּאַנצערשיף „פֿראַנס", וועלכער איז געשטאַנען דערנעבן אָפּן רעיד, אָפּגעענטפֿערט דערוועלביקער געזאַנג פֿונם אינטערנאַציאָנאַל. איבערן „פֿראַנס" האָט זיך אויך אַ הייב געטאָן אינדערהויך אַ רויטער פֿלאַג, און די קאָמאַנדע פֿונם שיף. וועלכע איז אַרויס אָפּן באַק, האָט באַגריסט די רוסישע רעוואָלוציע.

זשאַן האָט מיט לויכטנדיקע אויגן הויך געזונגען מיט אַלעמען איינעם דעם אינטערנאַציאָנאַל. צו אים איז צוגעגאַנגען דער מאַטראָס, וואָס האָט אים געבראַכט אָפּן פּאַנצערשיף.

— נו, קליינער, — האָט ער געזאָגט פֿריילעך, — דוכט זיך, אַז מ'וועט שוין דיין רעדע ניט באַדאַרפֿן, מ'האָט זיך שוין אַזוי אויך גענומען צו דער זאַך אַלע איינעם.

זשאַן האָט שוין מער ניט געטראַכט וועגן זיין רעדע. ער האָט זיך גיריק צוגעקוקט, ווי פֿון ברעג זיך האָבן גענומען לאָזן לאָדקעס צו די שיפֿן: די ארבעטער-יוגנט האָט זיך געאיילט צו באַגריסן די אויפֿגעשטאַנענע שיפֿלייט פֿונם פֿראַנצויזישן פֿלאָט.

ווי האָבן געשריען, שטייענדיק אין די לאָדקעס, און וויערע הענט האָבן זיך באַוויזן רויטע פֿאָנען.

די מאַטראָסן האָבן געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער. קיין שום זאַך איז שוין ניט געווען אימשטאַנד אָפּצושטעלן דעם שטורעמדיקן גאַנג פֿונעם פֿאַרפֿלייצנדיקן אויפֿשטאַנד. אימיצנס שטאַרקע הענט האָבן אַ כאַפּ געטאָן זשאַנען פֿונהינטן אונטער די אָרעמס און אים אויפֿגעהויבן הויך איבערן האַמוין. אומעטום האָט ער געזען קורצגעשאָרענע קעפּ, ברייט צעעפֿנטע מײַלער, גלאַנציקע באַלעבטע אויגן.

ער האָט געזונגען מיט אַלעמען אינאיינעם, אָנשטרענגענדיק מיט אַלע קויכעס זײַן שוואַכינקן קעלכל. דער קאָפּ האָט אים געשווינדלט.

די קלאַנגען פֿון די רעוואָלוציאָנערע לידער האָבן פֿאַרפֿולט דאָס גאַנצע שיף, זיך אויפֿגעהויבן איבערן שיף, איבער דער בוכטע.

די אָפֿיצערן זײַנען געווען צעטומלט און דערשראָקן. זיי האָבן זיך צונויפֿגעשלאָגן אין אַ הײַפֿן, זיך אײַנגעקוועטשט אַרום קאָמאַנדיר. דער קאָמאַנדיר איז געווען בלייך, זײַנע אויגן זײַנען צעטראָגן אומגעלאָפֿן, ווי די מײַזלעך. זײַנע ליפּן האָבן זיך געטרייסלט.

דער אָפֿיצער פֿון דער וואַך, באַרביע, איינער פֿון יענע, וואָס פֿאַרלירן זיך ניט אין די סאַמע פֿאַרצווייפֿלטע מינוטן, איז צוקאַכט אַראָפּ פֿון בריקל. זײַנע טונקעלע באַקן האָט פֿאַרגאָסן אַ געדיכטע רויטקייט. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין סאַמע געדיכטעניש פֿון די אויפֿגעשטאַנענע מאַטראָסן, און דראָענדיק מיט זײַן בײַנערדיקן שטאַרקן פֿויסט דעם רויטן פֿלאַג, האָט ער אויסגעשריען מיט זײַן דונערנדיקן מעכטיקן באַס:

— שווײַגט! איר ווייסט אַליין ניט, וואָס איר טוט! איר ווייסט ניט, וואָס עס באַדײַט אָט דידאָזיקע רויטע שמאַטע! דאָס באַדײַט דאָך—בירגערקריג!

אין זײַנע מוילווינקלען האָט זיך אָנגעשפּאַרט ווײַסע שפּיעכץ. ער איז מאַטלאָז אַנטשוויגן געוואָרן. און טײַקעף האָבן הילכיקע קוילעס פֿון די מאַטראָסן אים אָפּגעענטפֿערט:

— יאָ, בירגערקריג! איר אַליין האָט דאָס געוואָלט!

— אַצינד צאָלט זיך פֿאַנאַנדער!

— זאָל לעבן דער בירגערקריג!

— זאָל לעבן דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד!

דער אָפֿיצער האָט ווידער אויפֿגעהויבן די פֿויסטן. זײַן פּאָנים האָט זיך פֿאַרקרימט אין אַ בייזער און צוגלײַך אַן אָנמעכטיקער גרימאַסע. ער האָט געשריגן:

— איך רוף אײַך צו אָרדענונג, פּראָנצעווּשע מאַטראָסן! באַטראַכט זיך, קאָלומאַן עס איז ניט צו שפּעט! גיט אַ טראַכט וועגן אײַערע קעפּ!

— טראַכט איר וועגן אײַערע קעפּ! — האָט מען אים צוריקגעשריען.

— אַראָפּ די אָפֿיצערן! אַראָפּ די מיליטער־מאַכט! אַרבעטנדיק מיט די אַקסלען און מיט די עלנבויגנס, האָט זיך דער וואַך־אָפֿיצער אַרויסגעשטופּט פֿונעם האַמוין. ווי האָגלס, האָבן זיך די שווײַס־טראָפּנס געקײַקלט איבער זײַן פֿאַרשוויצטן בייזן פּאָנים. ער, דער אָפֿיצער, וואָס האָט נאָך נעכטן געוואָרפֿן אַ מורא אויף די מאַטראָסן, איז הײַנט געווען מאַכטלאָז.

נאָך אים איז אַרויס צו די מאַטראָסן דער קאָמאַנדיר פֿון דער שיפֿפֿלאָטיליע, אַ קאַפּיטאַן. עט, ס'איז טאַקע געווען דער קאַפּיטאַן? דערוועלבער מענטש איז דאָס טאַקע געווען, וואָס איז איבערן גאַנצן פֿלאָט באַרימט געווען מיט זײַן רעציכע, צוליב וועמעס איין וואָרט מען פֿלעגט די ווידערשפּעניקע לאָזן פֿוילן אין די קאַרצערס? דוכט זיך. אַז בלויז פֿאַר דיזאָזיקע עטלעכע מינוטן איז ער עלטער געוואָרן אויף דרײַסיק יאָר. ס'האָט זיך געדוכט, אַז יעדער פֿלאַטער פֿון רויטן פֿלאַג, וואָס איז געווען אויפֿ-

געשטעלט אָפֿן פֿאָדערטייל פֿון „זשאַן באַרט“, האָט באַ אים אָפּגענומען אַ יאָר לעבן.

ער האָט אויפֿגעהויבן זיין ציטערדיקע האַנט, ווייזנדיק מיט דעם, אַז ער וויל ריידן. איבער זיין צוטראָגענעם פּנים זיינען געקראָכן טרערן. די קאָמאַנדע איז שטיל געוואָרן.

דער קאָמאַנדיר פֿון דער שיפּסאָליציי האָט אָנגעהויבן ריידן, כליפּענדיק ווי אַן אָפּגעשמיסענער ייִנגל:

— מאַטראָסן... מאַטראָסן פֿונעם רומפֿולן פֿראַנצויזישן פֿלאָט... איך ווייס, איר זייט ניט צופֿרידן מיט מיר. לאָמיר זיך דורכשמועסן. צי וואָס איז דער בונט? לאָמיר זיך צונויפֿריידן — איך גיב זיך אָן אין דעמיסיע! נעמט אַראָפּ אָט דעם פֿאַרפֿלוכטן רויטן פֿלאַג. און איך וועל דאָ טייקעף, פֿאַר אייך אין די אויגן, אַראָפּרייסן מיינע בענדלעך. און איך גיי אַוועק פֿאַר אַ מאָנאַך!

ער אַליין האָט, דוכט זיך, ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס ער באַלבעט דאָ אין זיין הילפֿלאָזער צעטראָגנקייט. אַן אַלגעמיינער געלעכטער האָט פֿאַרהילכט זיינע ווערטער. ער וועט אַוועק פֿאַר אַ מאָנאַך; אַ פֿיינער מאָנאַך וועט זיך באַקומען פֿונעם קאָמאַנדיר פֿון דער שיפּסאָליציי.

לאַכנדיק האָבן אים די מאַטראָסן געשריִען:

— ווער אַ מאָנאַך. וואָס איז דאָס אונדזער אייסעק!

— וועסטן וועסטו דאַרפֿן אין מאָנאַסטיר זעצן אין קאַרצער, וואָג נאָר, זיי אַזוי גוט?

דער קאַפּיטאַן איז אַוועק, שנייצנדיק די נאָז אין פֿאַטשיילקע.

לעבן די באָרטן פֿון „זשאַן באַרט“ זיינען אויפֿגעפֿאָרן לאָדקעס מיט רוסישע אַרבעטער. דער פֿראַנצויזישער פֿלאָט האָט זיך געשטעלט אַף דער זייט פֿונעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט געלאָזן די קייכעס אין קאַמף. די מאַטראָסן האָבן זיך אַלאָז געטאָן צו די שליפּקעס. אין שטאָט אַריין, אין שטאָט, אַף אַ מאַניפֿעסטאַציע! אינעם ראַש און טומל האָט זיך זשאַן דורכגעשטופּט צום באָרט. באַקוקט די לאָדקעס, וואָס זיינען אויפֿגעשווומען איבער

דער בוכטע. און סאָקע, אין איינער פֿון זיי שטייט דער אויס-געזעצטער-צאָן אין זיין גאַנצער גרויס און פֿאָכט מיטן רויטן פֿלאַג.

ווייטערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט.

— הוראַ; — האָט זשאַן אויסגעשריִען מיט היספּאַניִלעס.

אינם טומל האָט ער ניט געהערט, וואָס דער אויסגעזעצטער-צאָן שרייט. — ער האָט בלויז געזען זיין ברייט צעעפֿנטן מויל און די טונקעלע גריבלעך אינעווייניק, דאָרטן, וווּ ס'האָבן געפֿעלט די אויסגעשלאָגענע ציינער.

ליאַרעמענדיק, האָבן די מאַטראָסן זיך צעזעצט אויף די שליופּקעס. עס האָבן זיך געהערט קורצע קאָמאַנדע-ווערטער. פֿון דער שליופּקע, זשאַן באַרטי איז זשאַן אַריבערגעטראָגן צום איינגעזעצטן-צאָן אין לאָדקע. דער אויסגעזעצטער-צאָן האָט זשאַנען אַזוי צוגעדריקט צו זיך, אַז זיינע ביינדלעך האָבן געקנאַקט. אָן אַ היטל, אַ צעפּלאָנטער, האָט דער אויסגעזעצטער-צאָן געשריִען מיט היספּאַניִלעס:

— אָט דאָס איז אַ טאָג, יאַבל! די פֿראַנצויזישע שיפֿלייט האָבן ניט אָפּגענאַרט! איצטער וועלן מיר שנעל אַרויסרייניקן פֿון סעוואַסטאָפּאָל דעם גאַנצן ווייסגוואַרדייִשן ברוד!

די שליופּקעס און לאָדקעס האָבן זיך אין איין גאַנצער פֿלאָטיליע אַ לאָז געטאָן צום גראַפֿישן לאַנדונגפּלאַץ. די מאַטראָסן האָבן אויף די באַרקאַסן אויפֿגעדרייט די דרייפֿאַרביקע פֿלאַגן אַזוי, אַז ס'האָבן זיך בלויז געזען די רויטע פּאַסן. באַם לאַנדונג-פּלאַץ האָט שוין געשטייבלט אַ האַמוין. ס'האָבן זיך געהערט דונערנדיקע הוראַ-געשרייען, רעוואָלוציאָנערע לידער. די רעוועריי-מאַטראָסן פֿונם ריכטיקן פֿלאָט האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אויף אַ מיטינג. ס'האָט זיך געדוכט, אַז די רעוואָלוציע האָט געזיגט. און קיינעם איז גאָר אויפֿן זינען ניט געקומען, אַז אין דעמאָזיקן פֿריילעכן זונטיק פֿון 20-טן אַפּריל, דעם פֿאַרפֿלייצטן פֿון זונענשיין און פֿון ליכטיקער פֿאָלקפֿרייד, וועט אויף די גאַסן פֿון דעם האַלב-באַפֿרייטן סעוואַסטאָפּאָל פֿאַרגאָסן ווערן אַזויפֿיל בלוט.

V

אויף די סטראַסטנאָזשאָלער גאַסן. — דער ערשטער פּאָלקאָווניק טרוי־טאַן! — דאָס ציטישן די מאַניפעסטאַציע. — זשאַן פאַלט אַריין אין אַ צאַרע.

געווען אַרום איינס באַטאָג.

פֿון „זשאַן באַרט", „פֿראַנס" און „מיראַבאָ" זיינען נאָכאַנאַנד אַנגעפֿאָרן שליופּקעס; אונטער אומופֿהערלעכע הוראַ־געשרייען, וואָס פֿלעגן אויפֿטרייסלען דעם האַפֿן, האָבן די פֿראַנצויזישע מאַטראָסן זיך אַריינגעגאָסן אין די רייען פֿון די רוסישע אַרבעטער. דער האַמוין איז געוואַקסן, געוואַקסן מיט יעדער מינוט, און איינגיכן האָט דער גאַנצער פֿרייער פּלאַץ פֿאַרן גראַפֿישן לאַנדונגפּלאַץ געשוואַבלט פֿון מענטשן. ווי אַן אויפֿגערודערטער מוראַשקע־הויפֿן.

קיינער האָט מיטן האַמוין ניט אָנגעפֿירט: די מענטשן אַליין האָבן, נאָכגעבנדיק זייער אייגענעם רעוואָלוציאָנערן דראַנג, זיך צושטעלט אין אַ קאָלאָנע. אין שפּיץ פֿון דער קאָלאָנע האָט זיך געשטעלט אַ מאַטראָס פֿונעם „מיראַבאָ" — אַ יאַדערדיקער, ברייט־פּלייציקער, מיט אַן אָפֿענעם שמייכל, וואָס פֿלעגט אַפּדעקן צוויי רייען קליינע, געדיכטע ציינער, גלאַנציקע, ווי די גלעזלעך. ברייט אַ מאַך מוטנדיק מיט די הענט האָט ער אויפֿגעהויבן איבערן קאָפּ אַ פֿאָן. אויף רויטן פֿאָן זיינען דייטלעך אַרויסגעטראָגן ווייסע פֿראַנצויזישע ווערטער:

זאָל לעבן די וועלטרעוואָלוציע!
רום דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט!

די קאָלאָנע האָט זיך אַ לאָז געטאָן לענגאויס די יעקאַטערי־נענגאַס. עס האָבן אַ הילך געטאָן די קלאַנגען פֿונעם אינטערנאַ־ציאָנאַל. אַסך מענטשן זיינען געגאַנגען אָן היטלען. זשאַן אין דער אויסגעוועצטער־צאָן זיינען אויסגעקומען אין שפּיץ פֿון דער

קאָלאָנע. פֿאָרויס פֿאַר זשאַנען האָט זיך גלייכמעסיק, צום טאַקט פֿון די טריט, געוויגט דער פֿעסטגעבויטער רוקן פֿונם מאַטראָס, וואָס האָט געטראָגן די פֿאָן. זשאַן איז געגאַנגען, סטאַרענדיק זיך צו שפּרייזן אין די טריט פֿונם מאַטראָס. אַ נאַסער קנויל האָט זיך אים צונויפֿגעקייקלט אין האַלדז און געשטערט צו זינגען. ער איז געגאַנגען פֿאַרטראַכט, געדאַנקענלאָז איבערכאַזערנדיק אַלץ איינע און דיזעלבע ווערטער, ניט אָריינדרינגענדיק אין זייער טאָך:

— איך גיי אַנטקעגן ביז זיי... איך גיי אַנטקעגן מיט זיי...

אין ווען דער פֿעסטער שטאָלענער קלאַנג פֿונם אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך געגומען לעשן—לעשן אַף דערנאָך זיך אַ הויב צו טאָן מיט באַנייטער קראַפֿט און איז שטיל געוואָרן, האָט זשאַן פּלוצלונג קלאָר און פּאָשעט, מיט אַ סימבע, וועלכע האָט אַרומגעכאַפּט זיין גאַנצן קערפּער, אַ טראָט געטאָן:

—פֿונקט אַזוי איז איבערן פּאַריזער ברוק מיט פֿופֿציק יאָר צוריק געגאַנגען מיין זיידע אַלעקסאַנדער.

לעבן אַ גרויסן אומגעלומפּערטן געלן הויז, וואָס איז געווען ענלעך אַף אַ קוב, האָט זיך דער האַמיין פֿאַרהאַלטן, פּונקט ווי אַ ווינט וואָלט אַדורך דורך די רייען—פֿון די ערשטע ביז די לעצטע. דער געזאַנג האָט זיך איבערגעריסן. דאָ, הינטער די געלע מויערווענט איז פֿאָרגעקומען אַ זיצונג פֿונם מעטאַליסטן-פֿאַריין. ס'האָט זיך געעפֿנט אַ פֿענצטער. די רוסישע כאַווירים האָבן פֿון פֿאָרט אַרויסגעשטעלט די פֿאָן פֿונם פֿאַריין; די מאַטראָסן האָבן זי טיקעף אונטערגעכאַפּט.

די דעמאָנסטראַציע איז געוואַקסן. עס האָבן זיך אין איר אַריינגעגאָסן רעזערוו-מאַטראָסן פֿונם רוסישן פֿלאָט, וועלכע זיינען באַגעגנט געוואָרן מיט ראַשיקע אויסגעשרייען—דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער פֿלאָט האָט זיך געברידערט מיטן רעוואָלוציאָנערן פֿראַנצויזישן פֿלאָט. די פֿאָן פֿון די רוסישע שיפֿלייט האָט ברייט פֿאַנאַנדערגעשפּרייט איבערן האַמוין אַ פֿראַנצויזישער מאַטראָס;

אַף דעם פֿאָן האָבן העל געפֿלאַמט די ווערטער: „פֿרייהייט, גלײַכהייט, ברידערלעכקייט“, און איבער דעם — אַ רויכערדיקער פֿאַקל.

דער האַמוין איז געוואַקסן. איצט איז שוין אין אים געווען ניט ווייניקער פֿון פֿינף טויזנט מענטשן. דער צוג האָט זיך פּאַמעלעך גערוקט מיט דער גאַס, אויפֿהאַלטנדיק זיך וווּ-ניט-וווּ אַף אַ צוויי מינוט, — דאַן פֿלעגט אַ וועלכער ס'איז פֿראַנצויזישער מאַטראָס אַרויפֿכאַפּן זיך אַף אַ גאַניק פֿון אַ הויז אָדער סאָשעס אַף די אַקסלען פֿון די כאַווײרים און האַלטן אַ רעדע. ווייניק ווער עס פֿלעגט אים פֿאַרשטיין, אָבער גיכע די ווערטער, דער קלאַנג זייערער, אַ צוואַרעמטער פֿון באַגייסטערונג, פֿלעגט דערגיין צו די סאַמע הערצער פֿונעם האַמוין. הוראַ-געשרייען האָבן אומאויפֿהערלעך פֿאַרפֿולט די לופֿט.

די דעמאָנסטראַציע האָט זיך פֿאַרקירעוועט אין יאַמגאַס און איז געגאַנגען צו דער נאַבימאָווער גאַס. דאָ איז אַרויס זיי אַנטקעגן דעם פּאָלקאָווניק טרוסאָנס אויטאָמאָביל. די מאַטראָסן האָבן אָפּגעשטעלט די מאַשין. אויסער זיך פֿון רעציכע האָט דער פּאָלקאָווניק זיך געגעבן אַ שטעל אויף. זיינע גלאַטע, ביז בלאָ אויסגעראַזירטע באַקן האָבן זיך געטרייסלט, ווען ער האָט אויסגעשריען אין האַמוין:

— איך וועל אײַך אַלעמען צושיסן, ווי די הינט! טייקעף זיך פֿאַנאַנדערגיין!

מען האָט אים ניט געלאָזן ריידן. עטלעכע מאַטראָסן האָבן זיך אַרויפֿגעכאַפּט אַפֿן אויטאָמאָביל און, אָנכאַפּנדיק דעם פּאָלקאָווניק פֿאַר די אַקסלען, האָבן זיי אים גענומען טרייסלען, ווי מען טרייסלט אַן אָסיענדיקן עפּלבוים, פֿון וועלכן מ'דאַרף אַראָפּשאָקלען די צייטיקע עפּל. דער פּאָלקאָווניק טרוסאָן האָט זיך פֿאַרכליניעט אין מאַכטלאָזן קאַס. דער שאָפֿער האָט פֿאַרקירעוועט אַף צוריק, און די מאַשין האָט זיך, ווי אַ וויכער, אַ טראָג געטאָן אַראָפּ יאַמגאַס, פֿאַרביי דעם רעווקאָם, פֿונוואַנען ס'האָבן אים נאָכגעיאָגט אַ פֿייפֿעריי און אַ שפּאָטישע זידלעריי.

לעבן דער געבײַדע פֿון שטאַט-דומע האָט געהאַלטן אַ רעדע דער פֿאָרזיצער פֿון רעווקאָם. ס'האָט אים רויִק ניט געקאָנט הערן—זײַן קלאָנגעדיקער קאָל איז ניט איינמאָל איבערגעריסן גע-וואָרן פֿון היספּאַילעסדיקע שטורמישע אויסגעשרייען.

— אַדאַנק אײַך פֿאַר דער שטיצע, פֿראַנצויזישע מאַטראָסן. — האָט ער געשריען, אָנשטרענגענדיק דעם קאָל. — די זאַך פֿון דער רעוואָלוציע איז פֿון הײַנט אָן אין אײַערע הענט און אין די מאָ-זאָליקע הענט פֿונם רוסישן אַרבעטער! מיר פֿאָדערן טייקעף אָפּ-רייניקן סעוואַסטאָפּאָל פֿונם אויסלענדישן מיליטער! מיר פֿאָדערן ראַטנמאַכט!

די שטימונג פֿונם האַפֿן איז געווען אָנגעגליט, ווי עס גליט זיך אָן אַ שטיק אײַזן אין אַ האָרן. די זאַך איז געווען געווינען, און דעם האָבן שוין איצט ניט געצווייפֿלט אַפֿילע די סאַמע פֿאָר-זיכטיקע.

אָבער דאָ, אַרום דרײַ אַזייגער באַטאָג, האָט זיך צעשפּילט די האַריגע.

ווי נאָר דער צוג האָט זיך גענומען רוקן ווייטער, איז פֿאַרן האַפֿן אויסגעוואַקסן אַ לייטענאַנט. ס'האָט זיך געדוכט, אַז פֿון דרערד איז ער אויסגעוואַקסן, אַזוי אומגעריכט און פּלוצלונג איז גע-ווען זײַן אויפֿטרעטן. זײַנע שוואַרצע ברעמען זײַנען זיך אין אַ שאַרפֿן ווינקל צונויפֿגעגאַנגען איבערן נאָז-יואָרצל, די דינע ליפּן זײַנען געווען פֿאַרקריטשעט ביז ווײַס. ער האָט רויִק אויפֿגע-הויבן די האַנט. און אַרויסגערעדט מיט אַ סקריפּענדיקן, ניט קיין הויכן קאָל:

— אין נאָמען פֿונם קאָמאַנדיר באַפֿעל איך אײַך צוריקצוקערן זיך אַף די שיפֿן!

— אויס שיפֿן! — האָבן די מאַטראָסן געשריען. — נישטאָ מער קיין פֿאָטערלאַנד!

— דאָס איז אַ רעוואָלוציע!

דעם לייטענאַנט אין פּנים אַריין האָבן גענומען פליען היט-לעך. ער איז אָפּגעשפּרונגען אַהינטער און אַרויסגעכאַפּט אַ רע-וואָלווער. זיין פּנים איז געוואָרן גראָ, ווי צעמענט. פאַרבייסנדיק די ליפּ, האָט ער אויסגעשאָסן אין דעם פאָדערשטן מאַטראָס, וואָס האָט געטראָגן די פאָן פון די מעטאַליסטן. ס׳האָט אַ הילך געטאָן אַ קורצער טרוקענער שאָס.

אָן אַ אויסגעשריי האָט דער מאַטראָס אַ פאַל געטאָן מיטן פּנים אַראָפּ, און די רויטע פאָן האָט אים צוגעדעקט, ווי אַ טויטנ-טוך. דער לייטענאַנט האָט גענומען אַנטלויפן, און אין דער רגע האָט פון אַלע זייטן גענומען רעגענען קוילן. געדולט האָט זיך, אַז די קוילן שיטן זיך פון אומעטום: פון פאָרנט, פון הינטן, פונם בלאָען וואָלקנרייניקן הימל. פון די דעכער האָבן מיט אַ קלאָרן דראָבנעם טרעל געקלאַפּט די קוילנוואַרפער פון די מיטשמאַנעס, לעגיאָס די גאַס האָבן אין האַמוין געשאָסן די גרי-כישע פּאַטרולן. די לופט איז פאַרפולט געוואָרן מיט קרעכצן פון פאַרווונדעטע. אָפן שטויביקן ברוק האָט אין העלע, שרייענדיקע פלעקן געשימערט דאָס בלוט. די מענטשן האָבן גענומען לויפן אין די זייטיקע גאַסן, שטופנדיק און קוועטשנדיק איינער דעם צווייטן. די קוילנוואַרפער האָבן געקלאַפּט אָן אויפהער. און קיין איין שאָס אַנטקעגן איז ניט געגעבן געוואָרן — דער האַמוין איז געווען אומבאַוואָפנט.

ושאַן איז געלאָפן נאָכן אויסגעוועצטן-צאָן, וועלכער האָט לויפנדיק מאָדנע געטרייסלט די האַנט — זי איז געווען פאַרבלו-טיקט. ער האָט געבורטשעט צווישן די ציינער:

— באַ אונדז איז נישטאָ קיין איינציקער רעוואָלווער! ס׳אַראַ נאַרישקייט, ס׳אַראַ נאַרישקייט! זיי שיסן אין אומבאַוואָפנטע!

דער האַמוין האָט ושאַנען פאַרשטופּט אין אַ זייט. די גאַס איז געווען אַ באַרגיקע, אַ שטילע, די הײַזער זיינען געווען ווי אויס-געשטאָרבן. ושאַן איז געבליבן אָן אָטעם און האָט זיך צוגעוועצט

אַף אַ בריקל, אַף די אָנגעבּרענטע פֿון דער זון גראַניט-שטיינער. האַלטנדיק זיך מיט דער האַנט פֿאַרן ברוסט, האָט ער זיך געסטאַרעט אָפּאָטעמען. דאָס בלוט האָט מוירעדיק געזעצט אין די שלייפֿן.

זיינע אויגן זיינען געווען ברייט צעפּנט. ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז ער זעט נאָך די פֿאַרבלוטיקטע קערפּערס, וואַרפֿנדיק זיך אַפֿן ברוק אין טויטקאַמף. און זיינע אויערן האָבן נאָך געקלונגען די שוידערלעכע קרעכצן... איז דען אַלץ פֿאַרלאָרן? און זיי האָבן געהאַט די האָזע צו שיסן... זיי האָבן געהאַט די האָזע צו שיסן אין אומבאַוואָפֿנטע!

די גאַס איז געווען ליידיק. שטילע און רויקע הייזער זיינען דאָ געשטאַנען. זשאַן האָט זיך אַרומגעקוקט.

לענגיז די גאַס איז מיט האַסטיקע טריט געלאָפֿן אַ פֿראַנצויזישער פּאַטרול. די זון האָט געגלאַנצט אַף די שטיקעס פֿון זייערע ביקסן, דאָס טופּען פֿון זייערע פֿיס האָט פּעסט אָפּגעקלאַפּט: טוק-טוק, טוק-טוק.

— אַ!...— האָט אַ געשריי געטאָן דער קאַפּראַל, אָפּשטעלנדיק אַף זשאַנען זיין שטעכיקן בליק. — דער איז געווען אין שפּיץ פֿון דער קאָלאָנע! נעמען דעם יאַטל!

זשאַנען האָט באַהערשט אַ מוירעדיקע גלייכגילטיקייט. מעכאַניש האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און אָפּגערייניקט דעם שטויב פֿון די הויזן. די סאָלדאַטן האָבן בייז געקוקט אַף אים. זייערע וואָנצן האָבן זיך באַוועגט, ווי לעבעדיקע.

— פֿאַרשטייסט פֿראַנצויזיש? — האָט דער קאַפּראַל אַ ריטשע געטאָן.

— איך בין אַ פֿראַנצויז, — האָט זשאַן געענטפֿערט פֿאַרמאַטערט.

— מאַרש, מאַרש, מאַרש! — האָט דער קאַפּראַל אַ געשריי געטאָן. זשאַן האָט זיך געהאַרכזאַם געשלעפּט נאָך זיי. אַפֿן וועג האָבן זיי נאָך געכאַפּט אַ מאַן צען.

די שיסעריי אין שטאָט האָט זיך איינגעשטילט—די טויטע און פֿאַרוואונדעטע האָט מען אַריבערגעטראָגן אין אַפּטייק. די מאַט-ראָסן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די שליופּקעס. די אַנטאַנטישע מאַכט איז געווען צופֿרידן. יעדנפֿאַלס איז באַשלאָסן געוואָרן טיי-קעף צו עוואַקוירן סעוואַסטאָפּאָל: דאָס פֿראַנצויזישע פֿאָלק האָט זיך ניט געוואָלט שלאָגן קעגן דער רוסישער רעוואָלוציע.

VI

זשאן באגעגנט זיך מיט אנאטאָל מאַיור. – יעדער איז אנאטאָל מאַטריז —
די געשיכטע מיטן שטאָפּער. — אָרעט איינס פלאַקער פֿון אופֿ-
שטאַנד. — באַטירן איי זיין פֿרוי.

די פֿאַרטיע אַרעסטירטע, ווּהין זשאן איז אַריינגעפֿאַלן, האָט מען אָפּגעפֿירט אין אַ ווייסן טויער, וואָס איז פֿריער געווען אַ האָטעל און איז איצט געוואָרן פֿאַרוואַנדלט אין איינע פֿון די פֿאַרלויפֿיקע טורמעס.

די ברייטע טרעפּ, די ווענט, די טירן פֿון די צימערן זיינען געווען אַרומגעריסן און שמוציק. אומעטום האָט זיך געוואַלגערט מיסט, שטיקלעך פּאַפּיר, טרייבלעך פֿון פּאַפּיראָסן, לעצלעך פֿון שינעלן. דאָ זיינען אין אַכצנטן יאָר איינגעשטאַנען דייטשן. אַף איינציקע טירן זיינען נאָך פֿאַרבליבן די דייטשישע מיט קרייט גע-שריבענע אויפֿשריפֿטן.

אַ פֿראַנצויזישער קאַפּראַל, אַ קליינגעוואַקסענער, אַ קיילעכדי-קער און אַן איינגעשטייפֿטער אין מונדיר, ענלעך אַף אַ קאַווענע, האָט זיי אַרויפֿגעפֿירט אינדערהייך, שרייענדיק מיט זיין פֿאַרקאַ-טערטן ווייבערשן קאָל אַף די הינטערשטעליקע. ער האָט גע-קלאַפּט מיט זיין ברוינעם בויגעוודיקן שטעקעלע איבער די גלאַנ-ציקע כאַליאַוועס פֿון זיינע שטיוול, וועלכע זיינען אים, ווייזט אויס, געווען ענג, מחמעס ער פֿלעגט זיך קרימען באַ יעדן טראָט. ער איז געווען אינקאַס, און פֿלעגט דורכויס דאַרפֿן אַלץ אי-

מיצן אַ שטום טאָן. אַף דעם פֿלעגט ער אויסקלייבן די שוואַכערע.

ושאנען איז אָנגעקומען עטלעכע קלעפּ אין קאַרק מיטן העננטל פֿונם שטעקל. ושאן האָט דאָס פֿאַרלירן, פֿאַרבייסנדיק די ליפּן, אַף וועלכע ס'האָט זיך באַוויזן בלוט.

דער קאַפּראַל האָט די גאַנצע פּאַרטיע אַריינגעפֿירט אין אַ גרויסן, איינגאַנצן אַ ליידיקן צימער אָן צווייטן עטאַזש. דאָ זייגען אַפֿילו ניט געווען קיין בענקלעך; דער סופֿיט איז געווען צוטריקנט און די ווייסע בויגנס גלאַנץ-פּאַפּיר. מיט וועלכע ער איז אַמאָל געווען אויסגעקלעפּט, זיינען אַראָפּגעהאנגען, ווי שמאַטעס. דורך די פֿענצטער, פֿאַרשטעלטע מיט אייזערנע גראַטעס. האָבן זיך געזען די בערגלעך, וואָס פֿאַרשטעלן די בוכטע.

— רויק זיצן! — האָט דער קאַפּראַל אויסגעשריען. דרייענדיק מיטן שטעקל אינדערלופֿטן.

די טיר האָט זיך פֿאַרהאַקט הינטער אים. ושאן האָט געהערט, ווי פֿון דער ווייט פֿון קאָרידאָר זיינען צו דער טיר צוגעגאַנגען די וואַך-סאָלדאַטן און זיך אָפּגעשטעלט. אַ קלאַפּ טועגדיק אָן דער פּאָדלאָגע מיט די קאָלבעס פֿון די ביקסן.

די פּאַרטיע פֿאַרנומענע איז געווען ניט קיין גרויסע — אַ מאַן צען. דאָס איז אַלץ געווען יונגוואַרג, אָפּגעריסענע, מיט אַ קאַפּדיקן אויסזען. ווי נאָר ס'האָט זיך פֿאַרמאַכט הינטערן קאַפּראַל די טיר, זיינען די פּענימער געוואָרן לעבעדיקער, פֿריילעכער. ס'איז אויפֿגעוועקט אַ לעבעדיקע אונטערהאַלטונג, אויסגעמישט מיט יונגנטלעכן געלעכטער. אין דער גאַנצער פּאַרטיע זיינען געווען בלויז צוויי פֿראַנצויזן — ושאַן און אַ באָכערל אַ יאָר נײַנצן, מיט אַ גרויסן שטערן און גרויסע אויערן, אָנגעטאָן אין אַ לעדערנער קורטקע און אין לאַנגע שיך פֿון מיליטערישן שניט — די איבעריקע זיינען אַלע געווען רוסן.

דער באָכערל אין דער לעדערנער קורטקע האָט, ווייזט אויס, גיט געקענט רוסיש.

— דאָס איז נאָך גאָלד — האָט ער געזאָגט, באַלייכטנדיק דעם פּאָנים זײַנעם מיט אַן עכט גאַליציאַנער זוניקן שמייכל—העט, אין וואַסערע זאַלן מיר זיינען אַריינגעקומען! אָבער ווזען מיר וועלן אַריינקומען נאָך דער ערשטער אויספאָרשונג, דאָס איז אַ גלינדער איניען!

די רוסן זיינען אַלע געווען פּאַרטיזאַנער בײַ זיך צוזאַמען די מאָ־ביליזאַציע.

— מיין איניען איז אַביסל אַ האַרבעריער—האָט דער באָכער געזאָגט, קוקנדיק אַף זשאַנען מיט לאַכנדיקע, לעבנליסטיקע אויגן—איך בין אַנטלאָפן פון אַ פראַנצויזישן האַנדלשיף. זיי ווייסן נאָך ניט, ווער איך בין, אַ ניט וואָלט מען מיך טייקעף אַ טויט געמאַכט. און דו, בעבל, ווי קומסטו אַהער?

— איך בין אַ קאָמונאַר—האָט זשאַן געענטפערט.

— באַ!

— און אַן אייניקל פון אַ פּאַריזער קאָמונאַר.

— באַ!

— אָט האָסטו דיר, באַ!—האָט זשאַן געזאָגט, שוין אַביסל היצנדיק זיך—די יאָרן שפּילן דאָ קיין ראָל ניט, יאָרן—דאָס איז אַ זאַך, וואָס מ׳קאָן פאַרריכטן.

זיי האָבן זיך גיך באַפריינדעט. זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט אַפן צוזשניטענעם פענצטערברעט. און זשאַן האָט דערציילט זיין נייעם כאַווער וועגן זיך. דעם נייעם כאַווער האָט מען גערופן אַנאַטאָל פאַוור.

— אַזוי, אַזוי—האָט ער אַרויסגערעט, אויסהערנדיק זשאַנען מיט אַן ערנסטער מינע. ער האָט, ווייזט אויס, אויפגענומען דאָס אַלגעמיינע. וועגן איינצלהייטן האָט ער גיט פאַנאַנדערגעפרעגט.

— נו, אויב אַזוי — האָט ער געזאָגט, אַ טראַכט טוענדיק — וועל איך דיר אויך דערציילן וועגן זיך. מיין געשיכטע איז ניט קיין לאַנגע, אָבער אַ בונטע. ווילסטו? אַלציינס פֿינגערן דאָ פֿליגן פֿון אומעט.

אַלס אַן ענטפֿער האָט זשאַן זיך טיפֿער אײַנגעזעצט אין פֿענצטער, אונטערשטאַרנדיק דעם קאָפּ מיט די הענט, און דערוואַרטנדיק אַ קוק געטאָן אַף זשאָנאַטאַן פּאַיור.

— דו ביסט געווען אַף די לייבס-אַטלעטישע יעטקאַמפֿן? — האָט יענער אָנגעהויבן. — יאָ, אָבער פֿראַנצויז איז ניט געווען אַף דעם! איז אָט, איז פֿאַראַן אַזאַ מין געלאַף — ש ט א פּ ע ט-ג ע-ל א ף. יעדע קאָמאַנדע, וואָס באַטייליקט זיך אינעם געלאַף, באַשטייט פֿון פֿיר מענטשן, און די דיסטאַנציע, וועלכע זיי דאַרפֿן דורכלויפֿן, טיילט זיך לויט זייער צאָל אַף פֿיר טיילן. יעדער באַטייליקטער שטעלט זיך צום אָנהייב פֿונעם געלאַף באַם אָנהייב פֿון זיין סעקטאָר. לויט אַ סיגנאַל פֿונעם ריכטער הייבט אָן דער, וואָס שטייט אַפֿן סטאַרט, צו לויפֿן, האַלטנדיק אין האַנט אַ קליינעם פֿלאַג — דעם שטאַפֿעט. ווען ער קומט צו צו זיין כאַווער פֿון צווייטן סעקטאָר, גיט ער אים, לויפֿנדיק, אָפּ דעם שטאַפֿעט, און יענער לויפֿט שוין, וויפֿל קויעך ער האָט, צו צום דריטן כאַווער און ניט איבער אויך אַף אַזאַ אויפֿן דעם פֿלאַגל. קיין איין אומזיסט פֿאַרלאָרענע סעקונדע! דאָ פֿירט שוין, גוטער ברודער, יעדע פֿאַרלאַנגזאַמערונג צו אַ מאַפּאָלע...

— איז וואָס — האָט זשאַן געזאָגט אומצופֿרידן — האָסטו מיר, הייסט עס, גענומען דערציילן וועגן דיינע ספּאָרט-ניצכוינעס?

— דערווייל נאָך ניט וועגן ניצכוינעס, און דערנאָך וועלן מיר זען. איך האָב, ברודער, נאָר וואָס אָנגעהויבן דעם שטאַפֿעט-געלאַף.

ער האָט אַ קוק געטאָן אַף זשאַנען מיט זיינע זוניקע, לאַכנדיקע אויגן.

— איך רעכן, אַז איך וועל זיך לויפֿנדיק ניט ספּאָטיקען. איז אָט, הער און שלאָג ניט איבער. און מיין דערציילונג הייבט סאַקע אַזוי:

דער שטאָפּעט.

אַלט בין איך נײַנצן יאָר, מ׳רופֿט מיך אַנאַטאָל פֿאַיור, פֿון ברעטאַן, און פֿאָרן פֿאָר איך ניט לאַנג אין אַף סאמע שטאסעדיקע קיילים-דאַמפֿערס.

אין אָרעס בין איך אײַך אָנגעקומען אַף אַן אָפּגעריבענעם העסלעכן דאַמפֿערל, אונטער פֿראַנצויזישן פֿלאַג, וואָס האָט אין האַפֿן אַבסאָלוט גאָרניט געהאַט צו טאָן, און די קאָמפּאַניע איז דעריבער געווען פֿריי, און פֿלעגט זיך אומשלעפֿן איבערן שטאָט אין שיקערן.

די רוסישע ווייסגוואַרדעישע צײַטונגען פֿלעגן שרײַבן, אַז די רויטע וועלן ניט הײַנט — איז מאָרגן כאַפּן די מאַכט, אָבער דאָס פֿראַנצויזישע מיליטער האָט, צו אַלדע שוואָרציאָר, ניט געהאַט קיין חשק זיך צו שלאָגן: לעבן כערסאָן האָט דער אַטאַמאַן גריגאָריעוו אָנגעריסן די גריכן די פֿעל און אָפּגענומען בײַ זיי אונדזערע טאַנקעס: וואָס פֿאַר אַ נײַטלעבן איז דעם איסלענדישן סאָלדאַט צו שטאַרבן פֿאַרן אייגנס פֿון דעם רוסישן בורזשוי, ווײַלכער באַהאַלט זיך הינטער אונדזערע האַרמאַטן!

פֿונדערווײַט פֿון כערסאָן פֿלעגן אָנקומען באַרוועסע, הוילע, מיט אַבי וואָס באַוואָפֿנטע, רויטע טײַלן, פֿלעגן גאָר גרינג נעמען אונדזערע באַפֿעסטיקונגען, און די פֿראַנצויזן פֿלעגן אָפּטרעטן אָן אַ שאָס.

אין אונדזערע טײַלן פֿלעגן אומגיין באָלשעוויסטישע בלעטלען. די סאָלדאַטן האָבן אויפֿגעהערט צו פֿאָלגן די אָפֿיצערן. אַלעמען האָט זיך געוואָלט אַהיים, צו זייערע הייזער, צו זייערע ווײַבער און קינדער. איך בין, אייגנטלעך, אין יענער צײַט געווען אַ קנאַפּער אָנהענגער פֿון זייערע שטרעבונגען: איך בין געווען אַ נײַנצן-יאָריקער אומשלעפּער, אַ הימלאָזער, אָן עפּעסער ליבלינג פֿון די יאַמען און פֿאַר מיר איז געווען צו היים אומעטום, ווו מ׳עסט אָפּ צו זאַט און מען ליבט שטאַרק.

נאָר אָט האָט מען אין איינער אַ נאַכט אָנגעהויבן פּלוצלונגן עוואַקויִרן די שטאָט. איבערן שטיינערנעם ברוק פֿון די גאַסן האָבן גענומען רודערן פֿורן, פּלאַטפֿאָרמעס, האַרמאַטן מיט גע־שטרייפּטע פּאַנצער-שילדן. עס האָבן גענומען קלאַפּן געצווּנגטע סאָלדאַטישע שטיוול.

אַ גאַנצע נאַכט האָט מען אין האַפֿן געלאָדן. מיילאייזלען האָבן געקוויטשעט, אָנגעטרויכערטע שטימען פֿון סאָלדאַטן האָבן זיך איבערגעזידלט. אין שטאָט, לעבן וואָקזאַל, האָבן האַלבשיכּורע פֿרייווילִיקע זיך געשלאָגן מיט די אַרבעטער וועלכע זיינען אַרויס פֿון זייערע לעכער העלפֿן דער רעוואָליוציע. און פֿון דאָרטן האָט זיך געטראָגן אַ קנאַקערײַ פֿון שאָסן, אַ הודען פֿון געפּאַנ־צערטע אויטאָמאָבילן און אַ בראַזגען פֿון שייבן.

איבער דער שטאָט זיינען געהאַנגען לידער.

און צומאָרגנס, בײַ דער שיין פֿון דער פֿרילינגזון, האָבן זיך גע־זען לאַנגע שורעס לייכטע עקיפּאַזשן, יונגענער אין מאַטאָרן, וועלכע האָבן זיך געצויגן צום יאַם. און ווי האָט די רוסישע אַריסטאָקראַטיע, פֿאַרשילטנדיק ריסלאַנד, דאָס לעבן און די רע־וואָלוציע, געפֿירט איר האָב און גוטס.

אונדזער שליבאָזלדיקן דאַמפֿער, אונדזער גיילעם פֿון זעקס און דרייסיק טאָן, אונדזער פֿלינקן אַלבאַטראָס, וואָס פֿלעגט מאַכן אַכט קיים אַ שאָ, האָט פֿאַרלאָדן אַ רוסישער גענעראַל.

אייניגער צען אינדערפֿרי איז דער גענעראַל צוגעפֿאָרן. פֿון די מאַשינעס האָבן זיך אַרויסגעשאָטן פֿאַרפֿראַנטעוועטע אָפֿיצערן, ווייער בלייכע פֿרויען מיט קיילעכדיקע פֿויגלשע אויגן, און לעסאָף איז אַרויסגעקראָכן דער גענעראַל אַליין, וועמענס צוגאָסענער קער־פּער ס'איז געווען צונויפֿגעצויגן אין אַ ברוינעם פֿרענטש.

דער גענעראַל איז געגאַנגען סאַזע לאַנדונגפּלאַץ, רייבנדיק די פֿיכטע, ווייכע און ווייסע הענט, און די גאַנצע כאַפּטע זיינע איז געגאַנגען נאָך אים, ווי הינדעלעך נאָך דער הון.

איך פֿאַרשטיי ניט גאָר גוט קיין רוסיש, איך האָב אָבער פֿאַר־
שטאַנען, אַז זיי שילטן רוסלאַנד.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אַף אַרויף, צו דער ברעג־גאַס, ווו ס׳האָט דורך די גראַטעס דורכגעשימערט די בונטע קליידונג פֿונם האָטעל און ווו ס׳האָט זיך איבער די דעכער פֿון די געלבלעך־גראָע געביידן דערהויבן די רעוואָלוציע ווי אַ ניט אָפּ־וועגדבארער געשפענסט.

צו מיטיק האָט זיך די פּאַרלאַדונג פֿאַרענדיקט.

דער גענעראַל איז געווען אַ באַלמישפּאָכע: צוויי זין האָט ער געהאַט, איינער אַ שוואַרצער, ווי די ערד אַרום כערסאָן, און דער צווייטער אַ בלינדער, ווי דער זאַמד לעבן אָקעאַן; ביידע זיינען זיי געווען אָפּיצערן. און צוויי טעכטער. שטיפֿערנס, פֿאַר־פּוצטע ליאַלקעס. אַלע האָבן זיי זיך געהאַלטן פּעסט איינעם, אָנגע־שראָקענע פֿון דער אַלגעמיינער צאָרע. דער גענעראַל איז אומגעגאַנגען איבער דער שיפֿדעק, געריבן די הענט אין אויסגעשפּיגן דעם צוקייטן בלאַט פֿון ציגאַר און, אָנבלאָזנדיק די באַקן, קאַעסדיק געטאַינעט:

— און דאָס איז רוסלאַנד! און דאָס איז אַ פֿאָלק! און דאָס איז אַ מענטשלעך לעבן!

די פֿריילנס האָבן זיך גראָד באַרויִקט. אונטער זייערע פֿיס איז געווען די דעק פֿונם דאַמפֿער, וועלכער איז געווען גרייט אָפּצופֿאָרן, פֿאָרויס איז געווען דער רויִקער יאַם־שפּיגל, אַ באַצווי־גענער דאָ און דאָרט מיט קליינע וועלן, ווי מיט אַ געגנדזיענער הויט, און אַפֿן אויסערלעכן רעיד זיינען געשטאַנען די פּרעכטיקע געפּאַנצערטע שיפֿן פֿונם אַנטאַנטישן פֿלאָט מיט די אָנגעשטעלטע אַפֿן שטאָט מיילער פֿון זייערע האַרמאַטן.

צונויפֿקומענדיק זיך אַף דער שיפֿדעק, פֿלעגן די אָפֿיצערן זיך ווייך וויגן אַף די שפּיצן פֿון זייערע שטיוול, פֿאַנאַנדערבויגנדיק די קני, און ריידן מאָדנע נאַרישקייטן וועגן דעם, אַז פֿראַנקרייך און ענגלאַנד און די דייטשן — פֿאַרוואָס טאַקע ניט די דייטשן אויך? און פֿאַרוואָס טאַקע ניט די פּאַפּואַסן? — וועלן געבן געווער, פּראָ־

טיאַנט און לעבעדיקן מאַטעריאַל, קעדיי אַפּראָסניי אַ לאָז צו טאָן זיך אַפֿן רויטן וואָלף, וואָס ריטשעט אינם קרעמל.

ס׳פֿלעגן אומגיין דאָ איבערן דאַמפֿער עפּעס שטילינקע אַל-מעטשקע, אַרויסגעטריבענע פֿון אַלערליי מיניסטעריומס און אַנ-שטאַלטן פֿון דער געוואַלטיק גרויסער צאַרישער מעלוכע.

אַלע פֿלעגן זיי אַרויסנעמען די זייגערס, קוקן אַפֿן ציפֿער-בלאַט, אַקוראַט צושאָקלען מיט די קעפּ און זיך דערקונדיקן, צי וועט מען באַלד אָפּפֿאָרן.

טיילע. צו האַלבן טאָג האָבן מיר באַדאַרפֿט אויפֿהייבן דעם אַנקער. די גאַנצע בורזשואַזיע אָדעס האָט שוין, ווי מ׳האָט גע-רעט, פֿאַרקליבן זיך אַף די שיפֿן, וועלכע זיינען געווען טיאַרק פֿון מענטשן.

מ׳האָט אָבער געדאַרפֿט וואַרטן אַפֿן אָוונט, מאַכמעס דעם גע-נעראַלס קרויווים האָבן זיך פֿאַרזאַמט אין שטאָט.

אַ שטיק שוין נאָך האַלבן טאָג האָבן מיר אַרופֿגענומען אַפֿן באָרט צוויי מענטשן, אַ מאַנסביל און אַ פֿרוי.

זיי זיינען צוגעגאַנגען צום דאַמפֿער און, וויזנדיק זייערע פּעסער, געבעטן, מ׳זאָל זיי אַרופֿנעמען. דער מאַנסביל איז געווען אַ הויכער און אַ דאַרער, ווי אַן אינדישער שאַמאַן. זיינע אויגן האָבן געברענט מיט יענעם שוואַרצן פֿייער, פֿון וועלכן עס ווערט קאַלט אין אַלע גלידער.

די פֿרוי איז געווען אָרעם געקליידט, פֿלעגט שמייכלען מיט אַ שטילן שמייכעלע: שיין איז זי געווען, צום טייוול, און איך האָב זיך לאַנג געסטאַרעט צו קומען איר אין די אויגן.

זיי האָבן זיך אָנגערופֿן מאַן און ווייב.

— איך בין אַ זשורנאַליסט, אַ מיטאַרבעטער פֿון די ווייסע צייטונגען—האָט זיך דער מאַן פֿאָרגעשטעלט—אָט איז מיין בי-לעט פֿון רעדאַקציע. מען רופֿט מיך באַשורין. אייער עקסעלענץ פֿאַרשטייט אַליין, אַז אין שטאָט דערי׳ מערט מיך און מיין פֿרוי אַ זיכערער טויט.

— אַ, הם, הם,—האָט דער גענעראַל אומגלויביק אַרויסגע-
ברומט און זיך אומגעקוקט אַף זיינע זײַן.

פאַרן זשורנאַליסט האָבן זיך איינגעשטעלט די טעכטער. זיי
זיינען געווען גוטהערציקע. ווייל זיי האָבן זיך געפילט אין זי-
כערהייט.

און צו נאַכט זיינען מיר אַרויס אין יאַם.

נ.ג. אַ יאַם, דער שוואַרצער יאַם! ניט דיר דאַרף איך דער-
ציילן וועגן אים, זשאַן. אַ וווּנדערבאַרע נאַכט איז געווען! אין
אַ נעבלדיקן שלייער שווינדן די שטריכן פון שטאָט, פונם
ברעג און פון די גראָע פאַנצערשיפן. דער יאַם אָטעמט, ווי אַ
שלאָפנדיקע ברוסט, איבער אינדז בלאנקען די פרעכטיקע שטערנס.

איך בין געווען פריי פון דער וואַך, און וואָס פאַר אַן אַר-
בעט איז פאַראַן אַף אַזא שיף, וואָס ווי דו ואָלסט ניט אַ טראָט טאָן,
ביסטו שוין אַפן אָרט!

איך בין געזעסן אַפן הינטערטייל פון שיף און געטראַכט וועגן
דעם, אַז פון די קוילן פון אונדזערע פאַנצערשיפן פאַלן איצט די
רוסישע פויערים, וואָס גייען אויסקעמפן פאַר זיך אַ פרייען לעבן,
און איך. אַ פראַנצויזישער פויער אין אַ מאַטראָסן-רעקל, ראַטע-
ווע זייערע פאַרביסנסטע סאָנים און באַדריקער פונם צאַרן פון
אָט די דאָזיקע פויערים.

אַפן יאַם וואַקסט יעדער געדאַנק אויס, ווי אַ באַרג. איך האָב
זיך אויפגעהויבן און בין אַוועקגעגאַנגען, איך זאָל ניט אָנקוקן די-
דאָזיקע מענטשן. דער זשורנאַליסט האָט מיך אָפגעשטעלט. ער
האָט מיר אַרויפגעלייגט די האַנט אַפן אַקסל, זיך צוגעבוגן צו
מיין פּאָנים און אַרויסגעשעפּטשעט אַף פראַנצויזיש:

— איר זייט געווען אין אָדעס, כאַווער? האָט איר דען ניט
פאַרשטאַנען, אַף וועמעס זייט עס איז דער עמעס?

איך האָב זיך איינגעקוקט. ער האָט זיך אויך אומגעקוקט.

ער האָט ווייטער גערעט.

— נאָך אייער פּאָנים זע איך, אַז איר וועט מיך ניט אַרויסגעבן. מיר, באָלשעוויקעס, פירן אומדערמידלעך אַן אַרבעט צווישן די אויסלענדישע שיפלייט. די פראַנצויזישע סאָלדאַטן וועלן אַוועקטראָגן מיט זיך אין זייער היימלאַנד אַן אנדענק אַן דעם, ווי אזוי דער רוסישער אַרבעטער קעמפט אויס פאַר זיך פרייהייט. פרייהייט פאַר זיך און פאַר די האָרעפּאַשניקעס פון דער גאַנצער וועלט. איר געטרויט מיר ניט, כאַווער?

איך בין געשטאַנען, ווי פאַרגליווערט. אַ שרעקלעכער פייער האָט זיך איבערגעגאָסן פון זיינע אייגן אין מיינע אַריין.

איך האָב אַ פרעג געטאָן:

— ווער זייט איר, מאָסיע?

— אייער פריינט, כאַווער.

— צוליב וואָס זייט איר דאָ?

— מעגלעך, אַז אַף אומקומען. מ'האָט מיר געשיקט.

— ווער?

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אין יענער ריכטונג, וווּ אָדעס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין יאַם.

—צוליב וואָס?—האָב איך געפרעגט.

ער האָט ניט טייקעף געענטפערט, און מיר זיינען אייניק אין טריום, אינסטינקטיוו אָפּזוכנדיק זיך אַ שטילערן אין אַ לידיקערן ווינקל. און צווישן די טשעמאָדאַנעס, וואָס זיינען דאָ געווען אָנגעוואָרפן אין אומאָרדענונג, פונקט ווי ביים אַ טרייפע, האָט ער אָנגעהויבן ריידן צו מיר אַלץ מיט יענעם שעפטשען, וואָס איז געווען ענלעך אַפן שיפען פון אַ שלאַנג:

— איך האָב אייך טייקעף באַמערקט. איר האָט אַ גוטן פּאָנים, ענלעכע אויגן און יוגנטלעך בלוט. איך גיי אַפן גאַנצן זיכער. איבעריקנס, ריזיקיר איך גאַנץ ווייניק, מאַכמעס איר ... קיין

7. דעם קאָמונאַרס אייניקל.

אַנדער אויסוועג ניט. אָט אין וואָס די זאַך באַשטייט: מיט דעם-דאָזיקן דאַמפּער אַנטלויפֿן מענטשן, וואָס פֿירן מיט זיך דאָקומענטן פֿון דער גרעסטער וויכטיקייט. מיליטערישע דאָקומענטן. אין זיי איז אָנגעוויזן די צאָל פֿונם מיליטער, וואָס ווערט עוואַקוירט. די דאָזיקע דאָקומענטן זיינען אונדז נייטיק.

— און איר וועט דאָס מאַכן?

— איך האָב עס שוין געמאַכט.

— ווי? — האָב איך געפֿרעגט, איינהאַלטנדיק אַ ציטער אין די באַקנביינער.

— מיר זיינען געוואָינט צו טאָן, און ניט צו אורטיילן. מ׳קאָן זיך יעדע מינוט כאַפּן, אַז די דאָקומענטן פֿעלן. איר מוזט אונדז העלפֿן אַנטלויפֿן. מ׳דאַרף אַראָפּלאָזן אַ לאָדקע.

דעם עפּעס זאָגנדיק, האָט מיר דער קאָפּ אַזש פֿאַרשווינדלט. פֿון וואָס פֿאַר אַן אייזן זיינען דאָס געמאַכט, די רוסישע רעוואָ-לוציאָנערן?

מיר זיינען אַרויס אַף דער שיפֿדעק און אומגעגאַנגען, ספּאָטיקנדיק זיך איבער די שטריק, און האָבן שפּילערהייט באַטראַכט, ווי דאָס בעסער דורכצופֿירן. דאָס דאַמפּערל האָט זיך אַביסל געוואַקלט, און איבער די מאַסטבוימער איז דער שטערנהימל געגאַנגען הין און צוריק. אַפֿן בריקל האָט געהוסט דער קאַפּיטאַן אונדזערער, דער אַלטער גוטמוטיקער דיומעניל.

— מ׳עס דאַרפֿן געפֿינען נאָך אימיצן פֿון דער קאָמאַנדע, — האָב איך געזאָגט.

— איז נעמט איר דאָס אַף זיך?

— איכל פּרוון.

— מ׳דאַרף האַנדלען גיך און אַנטשלאָסן. די צייט וואַרט ניט.

און דאָ האָבן מיר זיך אַריינגעפּאַקט.

VII

די דערציילונג וועגן סטאפעט ווערט פארגעזעצט.—אגאטאל פאר ארעסטירט.—באסירונג און זיין ווייבס טויט.—אגאטאל פאר האט געכאפט דעם סטאפעט.—ווידער דער קאפראל!

— יאָ, די צייט וואַרט ניט,—האָט זיך דערהערט הינטער אונדזער רוקן אַן איראָנישער קאָל.

לעבן אונדז איז געשטאַנען אַן אָפיצער מיט שוואַרצע וואָנצן, דעם גענעראלס זון—אין מיט אַ ליבן שמייכל געשפילט זיך מיטן רעוואָלווער. דער אומגליקלעכער פאַפיראָס האָט באַהויכטן זיינע שפּאָטישע אויגן.

— הויבט אקאָרשט אויף די הענט העכער אביסל, מיינע הערן קאָמוניסטן,—האָט ער פאָרגעזעצט אלץ מיט דעמזעלבן ליבלעך שמייכלענדיקן טאָן,—אַך אַזוי! איך האָף, אַז מיר וועלן זיך איצט אויסריידן די הערצער. מיין טייערער מיטאַרבעטער פון די ווייסע צייטונגען? אייך וועט דאָס ניט באַליידיקן, אויב איך וועל אייך זאָגן, אַז איר זייט אַרעסטירט? גייט, זייט מויכל, פאָרויס, אָבער מאַכט ניט קיין אומגעשיקטן טראָט—מיין רעוואָלווער איז זייער אַ קאַפּריזנער.

און אונטער דער עפענונג פון זיין קאַפּריזנעם רעוואָלווער האָבן מיר געמוזט אַריינגיין אין ביידל אַף דער שיפדעק בייס פון אַלע לעכער אָפן דאַמפּער זיינען שוין אַרויסגעשפּרונגען די פּאַסאַזשירן, שרייענדיק און פאָכנדיק מיט די הענט. אין איין אויגנבליק איז דער שלאָף פאַרשוווּנדן פון זייערע פּעניטער.

די יעדיע וועגן די געכאַפּטע באָלשעוויקעס איז, ווי אַ פלינקע מייזל, דורכגעלאָפן איבער דער גאַנצער שיפדעק, איבער אַלע פּישינקע קאַיוטלעך, איז אַריין אין מאַשינאָפּטייל, אויפגערודערט די מאַנשאַפט, וויפל דער גוטמוטיקער קאַפּיטאַן האָט זיך דעם האַלדז ניט געריסן. ס'האָבן זיך שוין געהערט קוילעס וועגן צושיסן. די פּעניטער פון די מענטשן זיינען שוין ווילד געוואָרן.

אונדז האָט מען אריינגעשטופּט אין ביידל. די צווילדעוועטע מאַכנע רוסן האָט זיך געשפּאַרט אין טיר, געשאָטן אף אונדז מיט קלאָלעס. די פּרויען האָבן היסטעריש געקוויטשעט. איך האָב גע- הערט, ווי אימיצער האָט דערוויזן, אז קיינער קאָן ניט באַלעבאַ- טעווען איבער מיין לעבן, מאַכמעס איך בין אַ פראַנצויזישער שיפּמאַן, און אין נאָענטסטן האפן וועט מען מיך איבערגעבן דער מאַכט.

— די דאָקומענטן אפּגענומען? אין יאַם ווארפט אים, דעם- דאָזיקן באלשעוויק, אין יאַם אריין! געפינען די גע.גאַנוועטע פּאַ- פּירן, פרעג איך אייך?—האָט מען געשריען אין טיר.

און, לעסאָף, זיינען צו אונדז אריין דער שווארהאריקער אפּי- צער, דער קאַפּיטאַן דיומעניל און זיין עקסעלענץ אַליין, דער רוסישער גענעראל.

דעם גענעראלס באקן זיינען געווען ווי אנגעשוואלן פון קאַ- עס. דיומעניל איז געווען אין פאַרצווייפלונג. ער האָט געשאקלט מיטן צופּודלטן קאָפּ און גערעט צו מיר מיט הארצווייטיק:

— אבער דו, וואס האסטו צו טאן בא דערדאָזיקער גאנצער געשיכטע, סמארקאַטש אייגער? נו, וואס זאל איך איצטער מיט דיר טאן?

באטורין—אדער ווי מ'האט דארטן דעם יאט אף אַן עמעס גערופן—האט זיך געשטעלט און פאַרלייגט אפן הארצן זיינע לאנ- גע, מיט רויטע האר באוואקסענע הענט. זיין פּאָנים איז געווען שפּאטיש און רויִק.

— רופּס, זייט מויכל, אן דעם ארט, ווו די דאקומענטן זיי- נען באהאַלטן,—האט דעם גענעראלס זון ארויסגערעט מיט אַ הארטן קאל.

— איך גלויב ניט, אז דאס זאל מיין לאגע פאַרבעסערן,— האט געענטפערט באטורין.

ניט בעקויעך זיך איינצוהאלטן, האט דער גענעראל אופגע- הויבן די פויסטן צו די שלייפן.

— איך וועל דיך אויפהענגען אויפן מאסטבוים! — האט ער אויס־געשריען מיט א פארשטיקטן קאל, טיבקט ווי דער האלדז וואלט אים געווען פארשוואלן.

באטורין האט זיך פריינטלעך פארנויגט.

— די פאפירן וועט מען סאי ווי געפינען, דאס איז ניט קיין שפילקע־קעפל. אייער פרוי איז ארעסטירט, און ס׳איז א ספעק, צי זי וועט אייך אריבערלעבן. נאר עפשער וועט איר האבן אין זינען די פריידן, מיט וועלכע דאס לעבן קאן אייך נאך שענקען, און וועט אנרופן אייערע מיטהעלפער?

— איך בין ניט שטארק באריידעוודיק, בירגער אפיצער, — האט באטורין געענטפערט שפאטיש.

דערדאזיקער ענטפער האט באשטימט די פראגע וועגן זיין לעבן. מ׳האט אים ארויסגעפירט אינדערהויף. ארויס איז ער פעסט אויפשטעענדיק, פונקט ווי ער וואלט דאס געגאנגען כאפן א ביסל פרישע יאמלופט. באם געזעגענען האט ער מיר געזאגט, פאר־קוועטשנדיק מיין האנט אין זיינער, ווי אין א פרעס:

— מיט אט דעם דריקן אייער האנט דאנק איך אייך, כאווער, און איך גיב אייך איבער מיין לעצטן אנזאג, צו זיין געטריי דער זאך, פאר וועלכער איך באצאל איצט מיטן לעבן. איר וועט נאך לעבן. איר וועט נאך עפשער דערלעבן פרייע טעג.

מיט די ווערטער איז ער ארויס, איבערלאזנדיק בא מיר אין דער נעשאמע אן אפגלאנץ פון זיינע שווארצע אויגן און א שאר־פע אויפרעגונג. חאטש איך האב דאס נאך ביז אהער קיינמאל ניט געפירט. דיומעניל האט מיך א טרייסל געטאן פארן אקסל, קעדיי מיך אויפצומונטערן. דער מאדנער אלטער האט עפעס אזוי ווי גערעט: „פאל ניט אראפ בא זיך, עס וועט זיך שוין ווי עס איז מאכן״.

איך בין געבליבן אליין אין דערדאזיקער לאנגער קאיוטע, וועלכע איז געווען שוואך באלויכטן מיט א גאז־פלעמל און ווו די טישן זיינען געווען אפגעשרויפט און פאנאנדערגערוקט צו די ווענט, ס׳זאל זיין גראמער צו לייגן דעם באגאזש.

אַ פֿאַרשטיינערטע רויִקייט האָט מיך אַף אַ ווײַלע באַהערשט. הינטערן ווענטל האָט נודנע געקלונגען דאָס וואַסער. דאָס קלאַפּן פֿון דער מאַשין האָט מיר אויסגעוויזן, ווי דאָס קלאַפּן פֿון מײַן אייגענעם האַרצן. דערנאָך האָב איך זיך גענומען צוהאָרכן צום לאַרעם איבער מײַן קאָפּ. אַף דער שיפֿדעק האָבן פֿיס געטופּעט — ווי אַ האָגל פֿון אַ פֿויסט די גרויס וואָלט געקלאַפּט אַף אַ הילצער־נעם דאַך. אַ קאַעס האָט מיך אָנגענומען. צום שוואַרץ יאָר, איך האָב זיך עפּעס געפֿילט, ווי אַ פֿאַרברעכער, ווי אַ פֿאַרעטער אַנטקעגן מײַן רוסישן כאַווער! איך האָב געדאַרפֿט טיילן מיט אים זײַן גוירל, צום טײַוול!

איך האָב אַ צי געטאָן די טיר. זי האָט זיך ניט נאָכגעגעבן.

— עי, ווער איז דאָרטן? — האָב איך אַ געשריי געטאָן.

— נו, נו, שטילער אַביסל! — האָט אַרויסגעבראָכט אַ באַקאַנ־טער קאָל: דאָס איז געווען לאַנשעראַן, אַ מאַטראָס. — שיידים האָבן דיך געריסן צו שמועסן מיט דערדאָזיקער לאַנגער מאַלפּע.

— וואָס איז מיט אים?

— באַמבלט זיך דאָרטן אַפֿן זעגלשטאַנג מיט אַ פֿאַרקרימטן אַנבליק, און די ווײַבל מיט אים אינײַנעם. עך, ברודער, אַ שאָד די ווײַבל. די אויגן אירע — אָט פּונקט ווי בײַ מײַן מאַריען.

— אויפֿגעהאַנגען?

— ניט אַליין זײַנען זיי דאָך אין שלייף אַרײַנגעקראָכן, ווי מיינסטו, ברודערקע? די אַלע רוסישע אויסוואורפֿן שפּאַצירן זיך אום אונטער זיי, ווי אין עפּעס אַ יאָנטעוו־טאָג. און די ווײַבער לויפֿן אַרויס פֿון די קאַיוטעס, שרייען: „אַך!", פֿאַרשטעלן זיך די אויגן מיט אַ טיכעלע און כאַלעשן — ניט גאָר שטאַרק, דעם עמעס זאָגנדיק. אָבער דער טײַוול זאָל זיי נעמען, די דאָזיקע מאַזיקים, פֿון וואָס פֿאַר אַ טשוהון זיי זײַנען געגאָסן? ווי די מאַנסליט, אַזוי די ווײַבער. ער האָט אונדז פֿאַ״ן טויט געשריִען עפּעס אַף פֿראַנצויזיש וועגן פֿאַרברידערונג פֿון די באַטראַקעס פֿון דער גאַנצער וועלט. און זי האָט געזונגען דעם אינטערנאַציאָנאַל —

וואָלסטו געהערט, אַז וואָס דאָס איז געווען פֿאַר אַ שטימע — דער ווינט האָט זי פֿאַרטויבן ניט געקאָנט.

— די פּאַפּירן האָט מען געפֿונען?

— יענער, מיט די שוואַרצע וואָנצעס, האָט דאָס געפֿונען בײַ דער פֿרוי אונטער דער בלוזקע. קיינער שלאָפֿט ניט אַף דער שיף.

לאַנשעראָן האָט זיך הינטער דער טיר אַ קראַך געטאָן. ס׳האָט זיך געהערט, ווי ער פֿאַרויכערט די ליולקע, קראַפּנדיק אַף איר מיטן נאָגל.

— איך האָב אַ רוף געטאָן:

— לאַנשעראָן!

— נו?

— ווי האָבן זיי אים געהערט אונדזערע יאַטן?

— וועמען?

— נו, דעם געהאָנגענעם.

— ווי זיי האָבן געהאָרכט? אַביסל אַנדערש, איידער דעם גאַ-לעכס זונטיקדיקע דראָשע. יאָ, ווייסטו, דעם אַלטן טעראַיל האָט מען דאָך אויך פֿאַרזעצט.

— פֿאַרוואָס אים?

— פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס! דערפֿאַר וואָס ער האָט אַ געשריי געטאָן אַפֿן קאָל: די הימלען אַראָפּ!

— נו, און...

— נו, און כעוורע האָבן אַראָפּגענומען די הימלען.

ס׳האָט זיך געהערט, ווי לאַנשעראָן קלאַפּט אויס און אָפּ-סאַך די אַש פֿון ליולקע.

— לאַנשעראָן!

— איך בין דאָ, איך בין ניט קיין טויבער.

— דו הייסט דאָס מיך?

— איך רעכן, אַז ניט מיטן אייגענעם ווילן בין איך אַוועק פֿון שיפֿקאַזאַרמע.

— ווי רעכנסטו, אַ מענטש וויל שטאַרבן?

— וואָס ס'איז שײַעך צו מיר, באָכערל, בין איך נים קײן באַלן אַף אַזאַ מיעסן איניען.

— צי מיינסטו ניט לאָנשעראָן, אז ס'זיינען ביכלאַל אַף דער וועלט פֿאַראַן ווייניק אַזוינע באַלאָנים? צי מיינסטו ניט, אַז אויב אַזאַ באַלן וואָלט זיך געפֿינען, וואָלט ער געהאַט פֿאַרוואָס צו שטאַרבן? לאָנשעראָן!

— נו?

— דו הערסט, וואָס איך ריידל?

— און דו וואָלסט עפּשער בעסער שווייגן אבּיסל, ניט יעדער וואָרט האָט ליב, מ'זאָל עס אַרויסזאָגן.

אַן אופגערעגטער בין איך אומגעגאַנגען הין און צוריק איבער דער קאַיוטע. אין קאָפּ האָט זיך געטומלט. איך האָב אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע—דאָס טאַבאַקביײטל איז דאָרט ניט געווען.

איך האָב ווידער אַ רוף געטאָן:

עי, לאָנשעראָן!

— נו, וואָס דרייסטו זיך דאָרטן, ווי א מויז אין א פּאַסטקע?

— דו האָסט געזען די באָלשעוויקעס אין אָדעס?

— מאַלע וועמען איך האָב געזען!

— נו, און וואָס?

— נו, גאָרניט...

און ווידער:

— לאָנשעראָן!

— יאָ?

— הער נאָר, גוטער ברודער, ווען אַ שוועבעלע פֿאַלט אַריין אין אַ וואַלד, צינדט זיך אָן דער גאַנצער וואַלד. באַססאָ! ניטאָ וואָס אומצובלאָנקען זיך אַף דער וועלט, ווי אַ פּוסטע פלאַש אין יאַם. וואס קומט אַרויס פֿון דער יונגנס, ווען קיינער האָט פֿון דעם גאָרנישט ניט—ניט איך, ניט אַ צווייטער?

— אַנטקעגן וואס רעדסטו דאָס?

— אַנטקעגן וואָס עס רעט זיך אליין. ווען מיר ווען אנקומען קיין סעוואַסטאפאל, וועסטו מיר העלפן אַנטלויפן?

— וווהין?

— אַהין, ווו מענטשן שטאַרבן.

— מענטשן שטאַרבן אומעטום.

— אָבער ניט אומעטום פאַר דער גערעכטער זאַך.

לאָנשעראן האט צוגעשוויגן. דערנאך האט ער אַליין אנגעהויבן.

— איז האט עס דיך אויך אַ נעם געטאָן?

— אַ נעם געטאן, לאנשעראן.

— דאס איז, מיין פריינט, ניט קיין שפילכעדע. מיט דעם שפילט מען זיך ניט.

— שווייג. איך וויים אַליין.

אָט, זשאַן, וואס פאַר אַ שמועס איך האב געפירט מיט לאנשעראנען אינדערפרי, ווען די זון איז שוין אַרויס פון יאָם און פאַרגאסן מיט בלוטיקן גאלד די קערפערס פון די אויפגעהאַנגענע אַפן זעגלשטאַנג. אויב דו האסט נאך אַזוינע נעכט ניט אַריבערגעלעבט, הייסט דאס, אַז דו האסט נאך גארנישט ניט געזען אין לעבן.

דאָ אין סעוואַסטאָפאָל בין איך מיט לאנשעראָנען אנטלאָפן. איך האָב דיר געזאָגט וועגן דעם לויפן מיטן שטאַפעט. דו ווייסט וועגן וואָס איך זאָג דאָס דיר? יענער, באטורין, האָט מיר פאַרן טויט איבערגעגעבן דאָס פלאגל, אַף וועלכן ס'זיינען געווען אָנגעשריבן די באַדייטונגפולע ווערטער: „קאמף ביזן סאָף". אָט וואָס אַף מיין שטאַפעט איז אָנגעשריבן. און מיט דעמדאָזיקן לויף איך ווייטער, קעדיי אין דער שאָ פון מיין טויט איבערגעבן אים אַ צווייטן כאַווער, און שטאַרבנדיק פאַר דער זאַך, וועלכע וועט זיגן — וועט זיגן, איך וויים עס — זאָגנדיק אים מיט באטורינס ווערטער: „איך גיב דיר איבער, כאַווער, מיין לעצטן אָנזאג, צו

זיין געשריי דער זאך, פֿאַר וועלכער איך באַצאָל איצט מיטן לעבן. דו, עפּשער, וועסט דערלעבן די פֿרייע צייט״.

דער יאס מיט די גרויסע אויערן איז אנטשוויגן געוואָרן. זיינע לאַכנדיקע אויגן זיינען פלוצלונג געוואָרן ערנסט. ער האָט אַ קלאפ געטאָן זשאנען איבערן אַקסל און צוגעגעבן מיט אַ זיפֿץ:

— אַזוי איז דאָס, קליינער! היינט לעבן מיר, און אַף מאָרגן איז שוין פֿאַר אונדז גרייט אַ קויל.

— דו רעכנסט, אַז מ׳וועט אונדז שיסן? — האָט זשאַן געפֿרעגט אַ טראַכט בּוגנדיק.

— ווער ווייס? — האָט געענטפֿערט אַנאַטאל פֿאַוור מיט אַ זאָרג־לאָזן שמייכל. — אַף דעם איז דאָך דאָס אַ רעוואָלוציע. דער אופֿשטאנד פון די פֿראַנצויזישע מאטראָסן איז דורכגעפֿאַלן. זיי האָבן זיך דערשלאָגן עוואקואַציע, אָבער אַף דער פֿריי וועלן זיי לאַנג נים אומגיין. דאָס גלויב שוין מיר. אַ רעוואָלוציע זיגט נאָר דאַן, ווען דאָס גאנצע פֿאָלק גיט זיך אַ שטעל מיטאַמאָל, דאָס רוסישע פֿאָלק איז אופֿגעשטאַנען מיטאַמאָל, איז וועט עס זיגן. אָבער מיר... אַ צוויי־דריי שיפֿן האָבן אופֿגעהויבן אַ בונט — איז דאָס נאָך נים קיין רעוואָלוציע. מען וועט זיי אַלעמען איינציקווייז כאפּן, ווי מ׳האָט געכאַפּט אנדרע מאַרטי. אָבער מיר וועלן נאָך קעמפֿן, מירן קעמפֿן, זשאַן, און פֿריער אָדער שפּעטער — דער זיג איז פֿאַר אונדז!

זיי זיינען אַזוי געזעסן ביז סאמע פֿינצטער. עסן האָט מען זיי נים געגעבן, אין אָוונט קיין לאָמפּן האָט מען נים אָנגעצונדן.

פֿון דער זייט פֿון שטאָט האָט זיך נים דערטראָגן אַהער קיין שום קלאַנג, פונקט ווי די שטאָט וואָלט געווען אויסגעשטאָרבן. אַרום עלף אַזייגער האָט, ענדלעך, די טיר אַ סקריפּע געטאָן, און ס׳האָט זיך באוויזן דער באַקאַנטער קאפּראל. ער האָט אַ דריי געטאָן מיטן שטעקן, אַ צי געטאָן מיטן נאָז, פונקט ווי ער וואָלט שמעקן די לופֿט, און הייזעריק אַ געשריי געטאָן:

— היי, איר, בונטאַרעס, צושטעלן זיך פֿאָרוויינ! מאַרש נאָך מיר!

VIII

דעם הער בוקעס אומרויִקייט לאָזט זיך גאָרניט באַשרייבן.—הער בוקע האָט ווידער פֿאַרויכערט אַ ציגאַר.—אומזיסט ווייגט יוליע!—ווי אַלס דער פּעטערל ברעגואַר איז געוואָרן...—זשאַן האָט געזאָגט: „איך בין אַן אייניקל פֿון אַ פּאַריזשער קאָטונאַר".

הער בוקע האָט געשפּירט אַ מוירעדיקע אומרויִקייט. זי האָט אים אָנגעהויבן טייניקן פֿון גאָר אינדערפֿרי, ווען ער האָט אויפֿגעעפֿנט זיינע שמאָלינקע אויגעלעך און, אומגערהויבנדיק זיך, זיך אָנגעשפּאַרט מיטן גראָבן עלנבויגן אין דער שניי־ווייסער קישן.

דאַן שוין האָט אים דאָס האַרץ אָנגעהויבן גאָיען. פּונקט ווי אַ דינינקער, שאַרפֿינקער עגבערל וואָלט זיך אין אים אַריינגעבויערן אַלץ טיפֿער און טיפֿער. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן ווייטיקן אין לעבער—אָנפֿאַנגס טעמפּע, קוים צו באַמערקן, דערנאָך נודנע, און דאַן אַזוינע מוירעדיק שאַרפֿע, אַז הער בוקע האָט געקרעכצט אַפֿן קול, פֿאַרדרייענדיק די אויגן און פּאַטשנדיק מיט די ליפּן. די לעבער—דאָס וואָלט נאָך געווען גאָרניט—אָבער די „ווייסע מעווע"—זאָגט נאָר, איך בעט אייך—אַף וואָסערע שוואַרצע יאָר הינקעט זי דאָס דאָ!

די „ווייסע מעווע" שטייט דעם פֿינפֿטן טאָג אַנטקעגן סעוואַסטאָפּאָל. דעם פֿינפֿטן טאָג קאָן זיך הער בוקע ניט אַנטשליסן אַראָפּצולאָזן זיך אַפֿן ברעג. דעם פֿינפֿטן טאָג שווייגט די קרימער רעגירונג, ווי געהאַרגעטע, ניט קוקנדיק אַף דעם הער בוקעס טאָגטעגלעכע בריוו. וואָס טוט זיך דאָס מיט דער קרימער רעגירונג? אָ, דער שוואַרציאָר האָט געמאָגט נעמען יענע מינוט, ווען דעם הער בוקע איז איינגעפֿאַלן דער צולאָזענער געדאַנק זיך צו לאָזן צו די דאָרעמדיקע ברעגעס פֿון רוסלאַנד האַנדלען מיט פֿאַרפֿוילטע געוואַנט!

דאָרטן, אין פֿראַנקרייך, אינם היימישן מאַרסעל, איז געווען אַ קריזיס אין דער פּראָדוקציע, דערפֿאַר איז דאָרטן אָבער געווען

אַ באַקוועמע, געראַמע וויליע, אַ גוטע פרוי און ליבע טאַלאַנטפולע קינדער. דאָרטן זיינען געווען זאַטע מיטיקן, פריילעכע שפּאַצירן אונטערן שטאָט און אַלע אָוונט אַ קערטל. דעריקער אָבער—דאָרטן איז געווען גייסטיקע רו.

האָט אים דער שוואַרציאַר געריסן, דעם הער בוקע, צו רוקן זיך אין דעם מעשוגענעם רוסלאַנד מיט זיינע צוגעפּוילטע גוואַנטס! דאַ ווייס מען ניט אינדערפרי, צי מ'וועט אין אָוונט לעבן. דער שוואַרצאַרבעטער, דער רוסישער סאָלדאַט, וועמען די גאַנצע מאַנשאַפט פלעגט טיטולירן אויסגעזעצטער־צאָן, איז אַנטלאָפן באַלד דעם ערשטן טאָג. דערנאָך איז אַנטלאָפן פּיער רעבוס, דעם קוכערס יינגל. דערנאָך איז אַנטלאָפן דער געהילף פונם הייצער. די מאַנשאַפט שושקעט זיך אין די ווינקלעך און קוקט אויס אָנגעצויגן. איבער דער יאַכטע גייען אום די סאַמע שרעקלעכסטע קלאַנגען. דורכגייענדיק די קאַיוט־קאָמפּאַניע, האָט דער הער בוקע דייטלעך געהערט, ווי דער לאַקיי האָט אים נאָכגעשפּירט:

— באַלד, באַלד, הער בוקע, וועט איר אַ זופּ טאָן יאַמוואַסער.

הער בוקע האָט זיך אומגעקוקט. דער לאַקיי האָט אויפמערקזאַם פּאַריכט דעם טישטעך אַפן טיש. הער בוקע האָט זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט גאָרניט ניט געהערט.

סייקעף זיינען געוואָרן צונויפגערופן די קאָמפּאַניאָנען אַף אַ העכסט ערנסטע באַראַטונג. אין דער קאַיוטע זיינען פאַרמאַכט געוואָרן אַלע אילומינאַטאָרן, ס'איז געוואָרן אָפּגעגעבן אַ באַפעל, אַז קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן צו גיין איבערן קאָרידאָר. הער בוקע איז געווען בלייך און צוקראָכן. צוויי גרויסע טראָפּנס שווייס זיינען געבליבן זיצן אין אַ טיפן קנייטש פון זיין שטערן. ער האָט דערקלערט, אַז דער אויפטו איז אַ מעשוגענער. ניט אומזיסט זעט ער כאַלוימעס: אים כאָלעמט זיך אַ פוסטער פעלד. איבערן פעלד פליען דאָלן, די דאָלן שרייען: רעוואָלוציע! רעוואָלוציע! הער בוקע באַשטייט אַף דעם, אַז די „ווייסע מעווע־

זאָל נאָך היינט זיך אומקערן צוריק. ס'איז, פֿאַרשטייט זיך זייער בינסטיק צו פֿאַרקויפֿן די ווייסע גענעראַלן פֿאַרפֿוילטע געוואַנט, אָבער דאָס לעבן איז דאָך פֿאָרט טייערער פֿון די פֿאַרפֿוילטע געוואַנט!

די מער פֿאַראַקטנטע קאָמפּאַניאָנען האָבן געפּרוווט פֿאַרשעמען דער הער בוקע. אָן עמעסער קאָמערסאַנט טאָר ניט אַראָפּפֿאַלן בא זיך פֿון אַ מינוטיקער שרעק. די „ווייסע מעווע" שטייט אונטער דאַמף. ביים אַ סאַקאָנע קאָן מען צו יעדער צייט אַרויס אין יאַם. די מאַנשאַפֿט איז, אין גרונט גענומען, ניט צובונטעוועט. אַי, יענער לאַקיי, וואָס האָט דאָרטן עפּעס אַ באָלבע געטאָן, איז דאָך, דעם עמעס זאָגנדיק, דער הער בוקע אַליין אַביסעלע האַרטהעריק אָפּן ליִנקן אויער...

מ'האָט באַשלאָסן אויסוואַרטן נאָך איין טאָג, און, ווען די לאַגע וועט ניט קלאָר ווערן, פֿאָרן צוריק קיין פֿראַנקרייך.

ז'ערדאָוויקער טאָג האָט אָבער איבערצייגט אַפֿילע די שוואַכגלויביקע. פֿון פֿרי האָבן זיך אַף די פֿראַנצויזישע דרעדנאָוטן — אַף די רומפֿולע פֿראַנצויזישע קאַמף-דרעדנאָוטן—אופֿגעהויבן רויטע פֿלאַגן. הער בוקע האָט אופֿגעריסן די אויגן: עמעס סאַקע, רויטע פֿלאַגן פֿלאַטערן אַף די מאַסטבוימער פֿון די פּאַנצערשיפֿן! הער בוקע האָט זיך אַ קניפּ געטאָן אין פּאָלקע—און פֿאָרט—עס פֿלאַטערן רויטע פֿלאַגן!

— צוריק! — האָט דער הער בוקע אויסגעשריען, ניט טויט, ניט לעבעדיק.

אף דער יאַכטע האָט זיך אָנגעהויבן אַ גערודעריי. ווי מעשוגע האָט גענומען פֿליִען דער קאַפּיטאַן דיוואַל, אַניִדערוואַרפֿנדיק יעדן אייִנציקן, וואָס איז אים געקומען אין וועג. די מאַשין האָט אָנגעהויבן אַרבעטן, ברומענדיק אפֿן קאָל. אָפּן הינטערטייל פֿון שיף האָט גענומען גרילצן די ווינדע, הויבנדיק דעם אנקער.

דער הער בוקע האָט זיך צולייגט אַף דער שיפֿדעק אין געפּלאָכטענעם לענשטול, אַרויסגענומען דעם זייגער און, שווער אָטעמענדיק, געציילט די מינוטן.

יוליע איז געזעסן אונטן בא זיך אין קאַיוטע און איבער־ייַ־קוקט זשאַנס וועש—בעמעס, אַף דעם יונג ברענט אַלץ מיט־אַנאַנדער! זאָקן איז זיך ניט אָנצונעמען. די שיך זיינען אויסגע־טראָטן. זינגענדיק האָט זי איבערגעקליבן די וועש. דערנאָך האָט זי אַלץ, וואָס מ׳האָט געדאַרפט פאַריכטן, אָפּגעלייגט אין אַ זייט. דער שוין דער פערטער טאָג, אַז זשאַן קומט ניט צוריק אַף דער יאַכטע. יוליע איז רויק—עס חילט זיך אים, דעם יינגל, אָנקוקן די נייע ערטער. אַגעוו איז דאָך מיט אים דער אויסגעזוכ־טער־צאַן, אַ מענטש, וואָס מ׳קען זיך אַף אים פאַרלאָזן, ווי אַף אַן אייזערנער וואַנט.

יוליע האָט אַ שטיקל געטאָן אין פאַרטראַכט אַרויבערגעפירט אירע שיינע אויגן אַפן הימל. דורך דער קיילעכדיקער שויב פונם אילומינאַטאָר האָבן זיך געזען די לייכטע, ווי פוך, וואָלקנס, אַזוי ווי צוגעקלעפטע צו דער בלאָער הימלוועלבינג. דער באַרגי־קער ברעג פון דער בוכטע און די ווייסע ווענט פון די געביידן אַף אים. פלוצלונג האָט זיך איר אויסגעדוכט, ווי דער ברעג וואָלט זיך באַוועגן. זי האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צום אילומינאַטאָר. זשאַנס העמדל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אַף דרערד. דער ברעג האָט זיך צאַרט, ניט געאײַלט אָפּגעצויגן אַף צוריק. די מאַשין האָט דומף געדרודערט.

„מיר פאָרן״?—האָט יוליע פאַרוואונדערט אַ טראַכט געטאָן. און פלוצלונג האָט אַ שרעקלעכער געדאַנק דורכגעדרונגען איר מויעך:

— און זשאַן? זשאַן איז אַפן ברעג!...

די פיס האָבן זיך איר אונטערגעהאַקט. זי האָט זיך אָנגע־שפאַרט מיט דער האַנט אָן וואַנט. ס׳האָט זיך איר געדוכט, אַז זי דרייט זיך פון זינען. שאָקלענדיק זיך, ווי א שיכּורע, איז זי אַרויסגעלאָפן אין קאָרידאָר. אומעטום איז געווען פוסט, אַלע זיינען אַוועק אַף דער שיפדעק, וואַרפן אַ לעצטן בליק אף סעוואַס־טאָפּאָל.

אַפֿן טרעפּ זיינען געשטאַנען די לאַקייען.

— מיר פֿאָרן?--האָט יוליע אויסגעשריען מיט פֿאַרכאַפּטן אָטעם.

— יאָ,—האָט שמייכלענדיק געזאָגט אַ לאַקיי,—מיר אַנטלויפֿן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. הער בוקע האָט ניט ליב קיין רעוואָלו-ציעס. אָבער וואָס איז דאָס מיט אייך, יוליע, זעט, ווי איר ווייזט אויס!

ניט אכטנדיק אַף זיינע רייד, האָט יוליע זיך אַ לאָז געטאָן אַפֿן שיפֿדעק. אַלע האָבן איר שווייגנדיק געטאָן אַ וועג. הער בוקע, מיטן רויכערדיקן ציגאַר אין מויל, האָט פֿאַרוווּנדערט און מיט עקל אַף איר אַ קוק געטאָן, ברעכנדיק די הענט. האָט יוליע זיך אַ וואָרף געטאָן פֿאַר אים אַף די קני.

— הער בוקע, הער בוקע! האָט זי געשריען, סטאַרענדיק זיך אָנצוכאַפּן אים פֿאַר די הענט, - הייסט צוריקפֿאָרן, איך פֿאַרשווער אייך בײַ אַלץ, וואָס הייליק איז! אַפֿן ברעג איז דאָך פֿאַרבליבן מיין זשאַן!

— ווער איז דאָס זשאַן? האָט הער בוקע געפֿרעגט און אַרומגעקוקט די אַרומשטייענדיקע מיט אַן אומצופֿרידענעם בליק.

— מיין זון, מיין זון, הער בוקע! ער איז געפֿאָרן באַקוקן די שטאָט. שטעלט אָפּ די יאַכטע, איכל אַליין צופֿאָרן, איכל אים אויפֿזוכן!

— איר בעט אַן אוממעגלעכע זאַך,—האָט הער בוקע קאַלט דורכגעווייט צווישן די ציינער אין אַרויסגעלאָזן אַ בלאָלעכן קייקעלע רויך אין דער הויך.—איז אייך דען ניט באַוווּסט, אַז די מאַטראָסן, די קריגערישע פֿראַנצויזישע מאַטראָסן, וועלכע מיר אַלע האָבן געהאַלטן פֿאַר העלדן, האָבן זיך געלאָזט כאַפּן אַף דער באָלשעוויסטישער ווענדקע און האָבן אויפֿגעהויבן אַן אויפֿשטאַנד? אָט, קלייבט נאָכעט: אַף די קריגשיפֿן באַמבלען זיך רויטע שמאַטעס! און וויבאַלד, אַז דאָרטן באַמבלען זיך רויטע שמאַטעס, איז האָבן מיר דאָ שוין ניט וואָס צו טאָן. ווער האָט אייער זון דערלויבט צו פֿאַרלאָזן די יאַכטע? האָט אַ טאָינע צו

זיך אליין, מיין טייערע, נאָר איך וויל ניט ריזיקירן ניט מיט
מיין אייגענעם לעבן און ניט מיט די לעבנס פֿון די מענטשן,
וואָס האָבן זיך מיר אָנגעטרויט.

— סאָ גיט מיר אַ לאָדקע!—האָט יוליע אין פֿאַרצווייפֿלונג
געבראָכן די הענט.—איך וועל צוריק אַף דער יאַכטע ניט קומען!
איכל דאָרטן פֿאַרבלייבן מיט זשאַנען!

— איך כאַזער אייך איבער נאַכאמאָל,—האָט הער בוקע גע-
זאָגט איינקאַעס, צוריקלייגנדיק זיך אין לענשטול,—אַז יעדע אי-
בעריקע פֿאַרזאַמטע מינוט איז א סאַקאָנע פֿאַר אונדזער לעבן,
מיר זיינען דאָ שוצלאָז. איך בעט אייך, לאָזט מיך צורו, איך
האָב שוין אלץ געזאָגט.

יאָמערנדיק אַפֿן קאָל, איז יוליע אנידערגעפֿאַלן אַף דרערד
און גענומען קלאַפּן זיך מיטן קאָפּ אָן דער פּאָדלאָגע, טאַינענדיק
נאָכאַנאַנד:

— הער בוקע! הער בוקע!

— זייט אזוי גוט, נעמט צו פֿונדאַנען דיזאָזיקע פֿרוי,—האָט
הער בוקע געזאָגט פֿאַרקרימט.

צוויי מאַטראָסן האָבן זי אופֿגעהויבן פֿון דרערד און זי
אַוועקגעטראָגן. זי איז געווען באַוווסטלאָז. ווי שטריקלעך, זיינען
אירע הענט הילפֿלאָז אַראָפּגעהאַנגען, אירע געדיכטע קאַשטאַניען-
האָר האָבן זיך, ווי א צוגאָסענע כוואַליע, געלייגט אַף די אַקסלען
פֿון די מאַטראָסן.

פּיער רעבו האָט גאָרנישט ניט געוווסט. זשמורענדיק זיך
אַנטקעגן פֿלאַם פֿון דער פּליטע, האָט פּיער רעבו געגרייט פֿאַר
די הערשאַפֿטן דעם פֿרישטיק.

*

וואָכן, כאָדאָשים זיינען פֿאַרגאַנגען. אַ יאָר איז אַוועק.
אין א לויטערן פֿרימאָרגן אין אַפּרעל איז, ספּאָטיקענדיק זיך
און פֿאַריכטנדיק אין גאַנג זיין האַנטצייגל, איבערן שטיינערנעם

ברוק פֿון מאַרסעל געלאָפֿן דער פּעטערל גרענואַר. דער פּעטערל גרענואַר איז געווען שטאַרק געעלטערט פֿאַר דעם יאָר, פֿון זיינע רויטע אויגנלעפּלעך זיינען אַרויסגעפֿאַלן די לעצטע האָר, זיין רוקן האָט זיך אויסגעבויגן, ווי אַ הייקער, די אויערן האָבן אויפֿגעהערט צו הערן. קרעכצנדיק און אָפּשטעלנדיק זיך אַלע ווײַלע אַף אָפּכאַפּן דעם פֿאַרשטיקטן אָטעם, איז ער אַריבערגעלאָפֿן די גאַס און אַ שטופּ געטאָן די טיר פֿונם שענקל „מאָטראָסנפֿרייד".

דאָס גלעקל איבער דער טיר האָט הילכיק אַ קלונג געטאָן. אין דער צייט איז פֿון באַזוכער קיינער אין זאַל ניט געווען. מײַדנדיק די טישן, איז ער צוגעגאַנגען צום בופֿעט און אָנגעקלאַפּט מיט בלאָען נאָגל זיינעם אין שויב, הינטער וועלכער ס'זיינען געשטאַנען אין ריי האַלבצוטריקנטע פּוטערברויטן.

אַפֿן קלאַפּ איז אַרויס יוליע. אוי וויי, וווּ איז אַהינגעקומען איר שיינקייט! אירע קאַשטאַנען-האָר זיינען פּריציייטיק גראָ געוואָרן, איר בליק איז געוואָרן אָפּגעבליאַקירט. אומעטיק, די פֿריערדיקע לעבעדיקייט איז פֿון איר פֿאַרשוונדן.

— גוטמאָרגן, פּעטערל גרענואַר, – האָט יוליע געזאָגט און איר טרויעריק צוגעשמייכלט.

— גוטמאָרגן, גוטמאָרגן, מאַדאַם, – האָט דער פּעטערל גרענואַר געשמאָקעט, זוכנדיק אין זיין האַנטבייטל. – אַ גוטער טאָג היינט, די זון וואַרעמט שוין זומערדיק. נו, וואָס, פּיער רעבו איז איצט אַף דער אַרבעט?

— יאָ, באַם הער בוקע איז היינט א העלים, געסט אַסאַך צו וואַרמעס, איז קאָכט ער דאָרטן, פּיער.

— אזוי, אַזוי—האָט דער פּעטערל גרענואַר קאָם הערבאַר געמורמלט,—אַ רייכער מאַן דער הער בוקע, זייער אַ רייכער מאַן. און איך האָב אייך אָט אַ בריוו געבראַכט. אַ ווײַטן בריוו, פֿון סאַמע קאָנסטאַנטינאָפּאָל אָנגעקומען.

ער האָט איר דערלאַנגט אַ שמוציקן פֿאַרשמאָלצענעם קאָנווערט. יוליע האָט אים צוגענומען מיט ציטעריקע פֿינגער. און פּלוצלונג האָט זי זיך אַנידערגעזעצט. דער פּאָנים איז בײַ איר געוואָרן מיט פּליאַמעס.

— זשאָרזש! — האָט זי מיט אַ פֿאַרשטיקטן קאָל אַ רוף געטאָן און זיך אַ קער געטאָן צו דער טיר, — קומט אַהער. איך קאָן ניט לעזן — דאָס איז וועגן אים.

אָבער ווער עס האָט זיך אײַנגעגאַנגען ניט געענדערט — איז דאָס זשאָרזש קריקי. אויף זײַן קליינעם פּלאַטשיקן פּאָנים בליען, ווי פֿריער, פֿײַער־רויטע פּרישטשיקעס. ער איז אַלץ אַזוי באַוועגלעך, אַלץ אַזוי באַריידעוודיק און אַלץ אַזוי שמעקט פֿון אים מיט הונט. זײַנע אַלע כּאַיעס לעבן און האָדעווען זיך אין גוטס, און אַלץ איז גוט, און ער פֿאַרלאַנגט ניט בעסערס.

אַרײַן הינטערן בופֿעט, האָט זשאָרזש קריקי זיך צערעמאָניעל צוגעפֿאַרנוויגט פֿאַרן פֿעטערל גרעגואַר. אויף וואָס יענער האָט צוגעטרייסלט מיט זײַן עלטער־שוואַכן קאָפּ, און שווײַגנדיק האָט ער גענומען דעם קאָנווערט פֿון יוליעס ציטערנדיקע הענט. די פֿלעקן אויף זײַן פּאָנים האָבן זיך פֿאַרטונקלט. ער האָט אויפֿגעעפֿנט דעם קאָנווערט און אַרויסגענומען אַ בלאַט געלע פּאַקפּאַפּיר. וואָס איז געווען פֿאַרשריבן אין אַ ברייטן קסאַוו מיט טינטבלײַשטיפֿט. געשריבן האָט דער אויסגעזועצטער־צאָך.

אָט איז דער בריוו:

„געליבטע און האַרציקע פֿרײַנט: איר, טײַערע יוליע, איר, פּיער רעבו, און איר, ליבער זשאָרזש קריקי!

איך באַנוץ די געלעגנהייט, וואָס אַ כאַוועד פֿאָרט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און שיק אײַך מיט אים אַ בריוו. העלדיש און שטאָלץ, ווי דאָס פּאַסט פֿאַר עלטערן פֿון אַ יונגן קאָמונאַר, טראָגט אַריבער דעם שווערן קלאַפּ: זשאַן איז ניטאָ מער אויף דער וועלט.

צוויי טעג נאכדעם, ווי די „ווייסע מעווע" איז אפגעפארן, איז איז ער ניט געווארן. מיר איז ניט אויסגעקומען בייצוזיין בא זיין רומפולן טויט—וואלט איך געווען מיט אים, וואלט דאס ניט פאסירט. דאס שווער איך אייך!— אבער מיר איז באוווסט וועגן די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, פינקט ווי איך וואלט געווען מיט אים ביזן לעצטן אויגנבליק. הארכט, הארכט, ווי זשאן רעבו איז געשטארבן!

מיט מיר איינעם האט ער זיך באטייליקט אין דער מאניפעסטאציע פון די פראנצויזישע מאטראסן אין יענעם באוווסטן פרימארגן פון 20-טן אפרעל. מיר זיינען געווען אין שפיץ פון דער קאלאנע. ווען ס'האבן זיך דערהערט די ערשטע זאלפן, האב איך אים א כאפ געטאן פארן אקסל און מיטגעשלעפט אים אין א דערבאיקן געסל; מיר זיינען געווען אומבאוואפנט, און ס'וואלט געווען די גרעסטע נארישקייט סטאם אזוי, אומזיסט צו לייגן דאס לעבן. אינם האמוין האט זיך אנגעהויבן א פאניקע. איך בין געווען פארוווּנדעט אין האנט, נאר זשאן איז ארויס אומבאשעדיקט. מיר זיינען געלאפן מיטן האמוין, און אינם האמוין האט זיך זשאן פארלארן.

א גאנצן טאג בין איך אומגעלאפן איבער דער שטאט זוכן אים. גריכישע און פראנצויזישע פאטרולן זיינען אומגעגאנגען איבער דער שטאט און האבן פארנומען שולדיקע און אומשולדיקע. מיסטאמע איז זשאן אריינגעפאלן צו אזא פאטרול אין די לאפעס. ערשט צו נאכטס האב איך זיך דערוווּסט, אז ער איז ארעסטירט און געפינט זיך אינם געמויערטן הויז לעבן האפן. פארשטייט זיך, אז מ'האט מיך צו אים ניט צוגעלאזן. דאן האב איך אינאיינעם מיט די כאווערים גענומען ארגאניזירן זיך אף אפצושלאגן אים— אינדערפרי האבן מיר זיך געדארפט אריינרייסן אין הויז און מיט געווער אין די הענט באפרייען זשאנען און די

אינאיינעם. אים מיט אַרעסטירט געווען זיינען וועלכע אַלע,
פֿאַרשפּעטיקט. האָבן מיר פֿאַרשפּעטיקט. אָבער האָבן מיר
אָן־ היינט פֿון מיר פֿאַר איז דעם אין און מיינע, פֿריינט
מאַליאָ־ די! לעבן מיין פֿון קלאָלע די און פֿאַרוואָרף דער
א ווי געוואָרן, האָט פּלאַץ דער צוגעאַיילט. זיך האָבן נים
צוגע־ נאָענט שוין זיינען פּאַרטן די צו יאַם, פֿייערדיקער
קאַמף־גרופּן אַרבעטערשע די מיליטער־טיילן, רויטע גאַנגען
גאַס. דער אַף אַרויס שוין זיינען
אַריין געווען, איז זשאַן ווי צימער. אין איז אינאָוונט
אים. נאָך גיין זיי געהייסן און קאַפּראַל דער
אויס־ איינפֿאָרשונג. אַן אַף אַוועקגעפֿירט זיי מ׳האָט
בלוט־יונגע די פֿון אָנבליק דער פֿראַנצויזן. האָבן געפּאָרשט
פֿאַרלעגנהייט. אין געבראַכט ריכטער די האָט פּעניִמער
געקאָנט ניט מוירע פֿאַר האָט וועלכער זיי, פֿון איינער
באַפֿרייען. צו זיי פֿאַרגעלייגט האָט אָרט, אַפֿן איינזיצן
קוקט — געזאָגט, ער האָט — זיי, מיט נאָך זיך אייסיקן —
דאָס! זיינען קאָמוניסטן וואָסערע אָן: נאָר זיי
זיי־ און דיר צווישן פּאָלקאָווניק, פּאָלקאָווניק, טאָעס, אַ האָט איר —
קאָמוניסטן. פֿאַראַן נען
געזאָגט, דאָס האָט זשאַן יאָ זשאַן. געזאָגט האָט דאָס
פּאָלקאָווניק. פֿאַרן אויגן די אַראָפּלאָזנדיק
קאָמוניסט? א ביסט דו? דו —
פּאַריזשער פֿונם אייניקל דער רעבו. זשאַן איך, יאָ, —
קאָמונאַר.
כאַווער. זיין געזאָגט האָט — פּאַוור. אַנאַטאָל איך, און —
די וועמען רוסן, די דערציילט מיר האָבן אַליין דאָס
מיט זשאַנען אָפּגעלאָזן. נאַכט יענער אין האָבן פֿראַנצויזן
איך דערשיסן. אַף אַוועקגעפֿירט מען האָט כאַווער זיין
האָט ער ווען געפֿילט, יינגל דאָס האָט וואָס ניט, ווייס
רעציכע פֿון פֿרעמדע, צווישן לאַנד, פֿרעמדן אַ אין זיך

צווילדעוועטע מענטשן. געשמעלט אַנטקעגן די מיילער פֿון די ביקסן. אָבער איך ווייס, אַז ער איז געשטאָרבן שטאָלץ, מיט פֿעסט פֿאַרפּרעסטע ליפּן, ווי עס דאַרף שטאַרבן אַן עמעסער רעוואָלוציאָנער און אַן אייניקל פֿון אַ פֿאַריזשער קאָמונאַר. ער איז געשטאָרבן, ווי עס איז געשטאָרבן מיט פֿופֿציק יאָר צוריק אַף די רויכערנדיקע פֿאַריזשער גאַסן יענער צוועלפֿיאָריקער יינגל, וואָס איז געלאָפֿן געזעגענען זיך מיט דער מוטער און האָט זיך דערנאָך מיט העלדישן מוט געשטעלט אַנטקעגן די ביקסן פֿון די ווערסאַלער. אין דידאָזיקע יונגע הערצער האָט געברענט דער הייסער פֿלאַקער פֿון קאַמף פֿאַר פֿרייהייט. צו שטאַרק האָבן זיי געליבט די פֿרייהייט, זיי זאָלן זיך פֿון איר אָפּזאָגן אין דער שאָ פֿון זייער טויט.

מיר האָבן דשאַנען מעקאַבער געזען אין צוויי טעג אַרום, ווען סעוואַסטאָפּאָל איז געווען אָפּגערייניקט פֿון די ווייסע. מאַכנעס אַרבעטער האָבן אים אָפּגעגעבן דעם לעצטן כּיווד, אַ גאַנצער הויפֿן קרענץ, מיט רויטע בענדער באַוויקלט, זיינען געלייגט געוואָרן אָפֿן בערגל פֿון זיין קייווער. ניט ווייניט איבער אים, פֿרייניט מיינע! טרייסט זיך, זייט שטאָלץ און גליקלעך אינם באַוווסטזיין, אַז שוין דער צווייטער פֿון דער רומפֿולער פֿאַמיליע רעבו האָט זיין לעבן אָפּגעגעבן פֿאַר דער פֿרייהייט, וועלכע איז אויפֿגעגאַנגען איבער דער וועלט.

זיין פֿלאַמיקן רעוואָלוציאָנערן גרוס שיקט איך דער פֿאַשעטער סאָלדאַט פֿון דער רעוואָלוציע.

„אויסגעזעצטער-צאָן".

דערקלערונגען פֿון די ווייניקער באַקאַנטע ווערטער, וואָס טרעפֿן זיך אין דעם ביכל.

אַ ב א ט—פֿראַנצויזישער גאַלעך.

אַ ב ס ע נ ט—דאָרטיקער. בראַנפֿן.

א ו י ג נ ל ע פ ל ע ך— ברעמען, ווייעס.

א י ל ו מ י נ אַ ט אָ ר—שיף-פֿענצטער.

א ל ב א ט ר א ס—שווימענדער פֿויגל.

אַ נ ק ע ר צ יי כ ן—אַ פּעסל אָדער עפּעס אַן אַנדער זאַך, וואָס ליגט אויבן וואַסער אַף אָנצווייזן דעם אָרט, ווו אַפֿן גרונט ליגט דער אַנקער.

אַ ר כ י פּ ע ל אַ ג—אינדזל-יאַם, ד. ה. אַ יאַם, וועלכער איז געדיכט אָנגעזייט מיט אינדזלען.

בּ א ס פּ אָ ר—דורכגאַס אין שוואַרצן יאַם.

ב אַ ק—פֿאָדערשטער טייל פֿון אויבערשטן שיפֿדעק.

בּ אָ ר ט—די ווענט פֿון שיף.

בּ אָ ש ע ט—אַ פֿראַנצויזישער זידלוואָרט אַף די דייטשן.

ב ו כ ט ע—יאַם-אויסגוס.

ב ע ס ט י ע—ווילדע חיה.

ב ר אַ ז י ל י ע—אַ לאַנד אין דאָרעם-אַמעריקע.

ג אָ ל ד ע נ ע ר ה אָ ר ן—קאָנסטאַנטינאָפּאָלער האַפֿן.

ד אָ ל מ אַ ט ש—מונדלעכער איבערזעצער.

ד אָ ק—ווו מען פֿאַריכט שיפֿן.

ד ו י ל ע—אַ האַלקע.

דוראַצאָ—אַ שטאָט אין אַלבאַניע.

הייפיש—Акула

וואַלטאָרנע—מוזיקאַלישער בלאָז-אינסטרומענט.

וויינריב—אַ געוויקס.

וויסקי—ענגלישער בראַנפן.

טראַפ—אַ קלאַדקע צום שיף.

טראָפּיש—פון די וואַרעמע געגנטן.

טריום—אונטערשטער שיפרוים.

טריופעל—אַ שוואָם, וואָס וואַקסט אונטער דר'ערד.

יאַטאַגאַן—קרומער קינזשאַל.

לאַ-פּלאַטאַ—אַ שטאָט אין דאָרעם אַמעריקע.

מאָל—אַן אַרויסגעבויטע אין יאַם וואַנט אַף האַשיצן דעם האַפן.

מאַיאָנעז—אַ קאַלטע שפּייז, באַגאָסן מיט זענעפט-סאָוס.

מוניציפּאַלער קאָלעזש—שטאָטישע שול.

מיטראַליעזע—אַ שנעלשיסנדיקער האַרמאַט מיט עטלעכע רערן, אַף צו שיסן מיט קאַרטעטשן, ניט אָפּשטעלנדיק זיך.

מינאַרעט—טורעם פון אַ מאַכמעדאַנישן קלויסטער.

מעווע—Чайка

מעטשעט—מאַכמעדאַנישער קלויסטער.

מער—געקליבענער פירער פון שטאָט.

נאָרמאַנדיע—פראַנצויזישע פּראָווינץ.

פּאָני—אַ מין קליינער פערד.

פּאַפּואַסן—ווילדע אין ניי-גווינייע (אַווסטראַליע).

פעדעראַליסטן—די פאַרייניקטע פּאַריזשער אַרבעטער אין דער צייט פון דער קאָמונע.

פעליוגע—לייכטע שיפל.

פראָנטאָן—האַלברונדע באַפּוצונג אַף אַ געביידע.

סו—קליינע פראַנצויזישע מאַטבייע, $1/20$ פראַנק.

סאַכאַרע—אַ וויסטעניש אין אַפריקע.

סאַמום — אַ הייסער שטורעמווינט.

סאַרדיניע — איטאַליעניש׳ער אינדזל.

סטאַרט — באַ ספּאָרט, דער אָרט, פֿון וואַנען עס הייבט זיך אָן דער וועטגעלאָף.

סענעגאַל — אַ טייך אין אַפֿריקע.

קאָרפֿו — גריכישער אינדזל.

קאַיוט־קאָמפּאַני — שיף־סאַלאָן.

קאַנטאַטע — פֿייערלעכער געזאַנג, וואָס ווערט אויסגעפֿירט צוזאַמען מיטן אָרקעסטער.

קאַפּאָראַל — פֿראַנצויזישער טאַבאַק.

קאַפּראַל — פֿראַנצויזישער אונטעראָפֿיצער.

קאַרנאַוואַל — פֿאָלקיאַנטעוו.

קאָרנעט־אַ־פּיסטאָן — מוזיקאַלישער בלאָז־אינסטרומענט.

קאָרסיקע — אינדזל לעבן איטאַליע.

רעיד — אַנקערפּלאַץ, געשיצט פֿון שטורעם.

שאַמאַן — מכשף.

שימפּאַנזאַ — אַ שוואַרצער מאַלפּע.

שאַראַבאַן — באַנקוואָגן.

אינהאַלט

זייט

ערשטער טייל. אַדיע, 'מאַרסעל

I. זשאַנס קינדהייט.—פֿאָטער און מוטער.—דער אָפּגעפּרעסטער דאָיוואַראַכערל פּאָלי—הער סעריניאַק דערלאָזט זשאַנען אין זײַנע זאַלן . 5

II. פּאָלס געבוירט־טאָג.—געסט קומען.—זשאַן דערלאַנגט זיין מאַטאַנע.—ווער איז דאָס דערראַזיקער איבערערצויגענער יונג?—זשאַן אונ־טערהאַלט סאַפֿי מיט אַ געשפּרעך.—זייער געשמאַקע ביסקוויטן . . 13

III. סאַפֿי האָט פֿאַרלאָרן ס'גאָלדענע פינגערל.—ווער איז דער גאַנעף? הער סעריניאַק איז. בימבילע, איבקאָעס.—פּיער רעבו האָט גע־זאָגט: קלעם זיך ניט!" 22

IV. דער באַלעבאָס פֿון „מאַטראָסנפֿרייד" און זײַנע כאַיעס.—זשאַן געפֿינט גײַע פֿריינט.—די וואָלקנס ווערן געדיכטער.—וועמען האָט דער אויסגעזועצטער־צאָן ליב? 31

V. דער אויסגעזועצטער צאָן האָט באַשלאָסן צו אנטלויפן קיין רוס־לאַנד.—אַפֿן יאַם אונטערן זעגל.—פֿאַרוואָס שלאָגן זיך די רוסישע אַרבע־טער?—ניט גוט צו באַגעגענען אַן אַבאָס.—דער אויסגעזועצטער צאָן האָט געזאָגט: „געפֿונען"! 42

VI. די געזעלשאַפֿט פֿון פֿראַנצויזישע טעראָריסטן־באָמבאַרדיסטן באַרניכטער.—אַ העלבלאָער קאָנווערט מיט אַ טונקלבלאָען קאַנטל.—אַ כויט די, וואָס פּאָלגן ניט!—ניין, זשאַן האָט ניט מוירע!—די געשעעניש ווערן צייטיק 57

VII. די לעוואָנע איז אויפֿגעגאַנגען.—די טעראָריסטן־באָמבאַרדיסטן פֿאַרניכטער דריקן זיך די הענט.—הער סעריניאַק איז גרויס סאַי אין פּאָכ־דאָנעס, סאַי אין דרייסטקייט.—אַ לעקציע פֿון קאַליגראַפֿיע.—וועגן וואָס האָט הער סעריניאַק געטראַכט, קומענדיק אַהיים? 65

זייט

VIII. דער אויסגעזועצטער-צאַן; האָט נעשלאָגן פּורינ־שפּאָס מיט די ניסנוסע.—וועד קאָן פּאַרורטיילן פיער רעבה—זשאַריש קריק! און זיינע כאַיעס ויערן פאַריאָסעמט.—יוליע האָט געזאָגט: „מיר שוימען דעם גליק אנטקעגן, איך גלויב אין דעם״! 72

צווייטער טייל. דער יאַם לאַכט און וויינט.

I. די באַוואָינער פון דער „ווייסער מעווע״.—פאַרוואָס איז דער אויסגעזועצטער צאָן מאַרעשנייערדיק?—דער יאַם קאָן לאַנג לאַכן.—פּיער רעבו וויל דערציילן וועגן זיין פאָטער דעם קאָמונאַר . . . 89

II. דער יאַם וויינט.—פּיער רעבו טרעט צו צו דער דערציילונג.—די פאַמיליע פון אָרעמען כאַלער.—דער אכטונספערציקסטער יאָר.—אַלעקסאַנדער רעבו פאַרבלייבט אין פּאַריז.—ס'איז אויסגעבראָכן געוואָרן קאָמונע. 100

III. אַלעקסאַנדער רעבוס נאַסיבן 110

IV. זשאַן קאָן נים פאַרבלייבן אין דער קאַיוטע.—דער יאַם רישעט.—דאָס קינד האָט געזאָגט: „שיטס, איך בין גרייט״.—דער דאָקטער ליידט פון יאַמקראַנקהייט.—קאָמונאַרן וויינען נים איבער דאָס פאַרגאַנגענע . 121

V. קאָנסטאַנטינאָפּאָל.—העד בוקע שמייכלט פריינטלעך.—דער אַלטער קוכער איז נים קיין באַלן אָף אומשלעפּן זיך.—די שענקלעך אין גאַסער לאָסע.—דער פראַנצויזישער אָפיצער האָט נים ליב קיין געפּייגערטע פּאַציקעס.—אַלי-אָסמאַן-האַמיד וואַרט אָף לענינען 129

VI. אַלי-אָסמאַן-האַמיד איז אַלט און אומגליקלעך.—אַלי-אָסמאַן-האַמיד איז פאַרזיכטיק.—אַלי-אָסמאַן-האַמיד האָט געזאָגט: „איך ווינטש אייך דערפאָלג אין אייער רוכפולער אַרבעט״.—די „ווייסע מעווע״ איז אַרויס אין שווארצן יאַם 141

דריטער טייל. דער לעצטער זאַלפּ.

I. די „ווייסע מעווע״ גייט אַריין אין סעוואַסטאָפּאָלער בוכטע.—העד בוקע באַראַט זיך.—אָט דאָס איז דאָס רוסלאַנד, דאָס לאַנד פון די גאָלשעוויקעס!—נים געוואָרן דער אויסגעזועצטער־צאָן.—דער אויסגעזועצטער צאָן האָט פאַרגעסן אָן זיין כאַוועד!—„אָנגעבן זשאַן רעבו אין האַנט״. 149

זייט

II. מיטיוכע באַרעגאַנג אין צוגעסאָרן נאָך זשאַנען.—זשאַן סטאַרעט זיך צו פירן אַ העפלעכע אונטערהאַלטונג.—די סעוואַסטאָפּאָלער גאַסן ווי־גען פאַרפולט מיט מענטשן—דער אויסגעזעצטער-צאַן איז ניט ענלעך אַף זיך.—אַ מיטינג אין טרוציס צירק.—זשאַן שרייט: „אַ שטרייק! אַ שטרייק!”... 156

III. זשאַן האָט באַטראַכט דעם חוב פון אַ רעוואָלוציאָנער.—זיידע מעג רויק שלאָפן אין זיין קיווער.—זשאַן קריכט אין קאָרב פון די מאַטראָסן פונם דרעדנאָוט „זשאַן באַרט”.—די אויפרעגונג פונם טאָג האָט געטאָן אירס. 164

IV. דערוואַכונג.—דער רויטער פלאַג איז אַרויס אין שלאַכט אַנט־קעגן דעם דרייפאַרביקן פלאַג.—דער אויפשטאַנד פון די פראַנצויזישע מאַ־טראָסן.—דער קאָמאַנדיר פון דער שיף-פּאָליציי קלייבט זיך צו ווערן אַ מאַנאַך.—דער אויסגעזעצטער צאַן טרייט הירא. 170

V.—אַף די סעוואַסטאָפּאָלער גאַסן.—דער אָרעמער פאַלקאָהניק טרו־סאָן!—דאָס צושיסן די מאַניפעסטאַציע.—זשאַן פאַלט אַריין אין אַ צאָרע. 178

VI. זשאַן באַגעגנט זיך מיט אַנאַטאָל פאַור.—ווער איז אַנאַטאָל פאַור!—די געשיכטע מיטן שטאַפעט.—אָרעס אינם פלאַקער פון אויפ־שטאַנד.—באַטורין מיט זיין פּרוי. 184

VII. די דערציילונג וועגן שטאַפעט ווערט פאַרגעזעצט.—אַנאַטאָל פאַור אַרעסטירט.—באַטורינס און זיין ווייבס טויט.—אַנאַטאָל פאַור האָט גענומען דעם שטאַפעט.—ווידער דער קאַפּראַל. 195

VIII. דעם הער בוקעס אומרויקייט לאָזט זיך גאָרניט באַשרייבן.—הער בוקע האָט ווידער פאַרויכערט אַ ציגאַר.—אומזיסט ווייגט יוליען ווי אַלט דער פעטערל גרעגואַר איז געוואָרן.—זשאַן האָט געזאָגט: „איך בין אַן אייניקל פון אַ פּאַריזשער קאָמונאַר 203

דערקלערונגען פון די ווייניקער באַקאַנטע ווערטער, וואָס קומען פאָר אין דעם ביכל 214

А. ДРАЗДОЎ

УНУК КОМУНАРА

פרייז 60 קאפ.